STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00507

NADIRGANG, FUN 1900 BIZ 1937

Moishe Nadir

Permanent preservation of this book was made possible by
Warren L. & Diane Lipton Dennis
in memory of
Joseph L. Dennis

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה נאַדיר

נאַדירגאַנג

פון 1900 ביז 1937

א זאַמלונג פון קורצע מוסטער־זאַכן
פון דעם יאָר ניינצען הונדערט ביז
דעם יאָר ניינצען זיבן און דרייסיק
אין דריי כראָנאָלאָגישע טיילן.

MOISHE NADIR

NADIRGANG

(From 1900 to 1937)

Copyright 1937 by
ISAAC MOISHE NADIR
(ISAAC STRIER)

Jacket Designed by BILL GROPPER

Publishers:
Ruthenberg Branch 140, I.W.O.
and
"Moishe Nadir Shool" of the I.W.O.

Printed in U. S. A.
POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st St., New York
255

משה נאַדיר
מיאַמי, פלאָרידע, ווינטער 1937

א סך פון די זאַכן דרוקן זיך דאָ צום ערשטן מאָל און זיינען נאָך אין ערגעץ פריער ניט דערשינען.

די מאַטעריאַלן זיינען אויסגעשטעלט — מער ווייניקער — לויט דער צייט ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן און ניט לויט זייער דרוק־דאַטע.

אין אָפּטייל "2" האָבן זיך אַריינגעכאַפּט זאַכן וואָס כראָנאָלאָגיש קערן זיי צו אָפּטייל „3“ און — פאַרקערט. קיין צייט ניט געווען איבער־צושטעלן.

לאָז זיין אַ פאָרוואָרט!

צום דערשיינען פון אָט־דעם בוך אין וועלכן עס גייען דורך אין פאַראַד אַרום 37 יאָר פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט, גיב איך אָפּ אַ גרוס אָט־יענעם 15 יעריקן אינגל, וואָס איז אַזוי פאַרשייט־אַרויס־פּאַדרנדיק אויף דער דיכטער גאַס אַרויס. איך גיב אָפּ אַ גרוס אָט־יענעם אינגל, וואָס האָט זיך געזאָגט אַז ער וועט באַין אופן מיט זיך און מיט קיינעם קיין קאָמפּראָמיסן ניט מאַכן, אפילו ניט אויב אין דעם איז אָפּ־הענגיק די רו און די פריידלעכקייט פון זיין לעבן וואָס ער האָט אַזוי ליב. „קענענדיק זיך אַליין פאַרדעכטיק איך יעדן אַנדערן״, האָט גע־שריבן דער 15 יעריקער שקר־לעסטערער יצחק רייז. נו איצט, גיב איך דיר אָפּ אַ גרוס פון דער לאַנגער רייזע, מיין געוועזענער חבר, יצחק רייז! איך גיב דיר אָפּ אַ גרוס אַז ס׳איז נישט געווען קיין „סוקסעס״... און כאָטש איך קען דיר נאָך היינט אין 1937 גלייך אין די אויגן אַריין קוקן און זאָגן אַז „דו ביסט בראַוו געווען״, ווייס איך אָבער נישט וואָס איך זאָל מיט דער „בראַווקייט״ אַנהויבן און — נומער 2: וואָס איך זאָל טאָן אפילו מיטן מעדאַל וואָס איך האָב מיר אַליין אָנגעשפּיליעט פאַר האָבן דעם העלדישן מוט צו זיין אַ פּחדן, אין די טעג ווען עס וואָלט געווען אַ סך לייכטער צו זיין אַ „העלד״ און... פאַרקערט!

ס׳איז דיר נישט געראָטן, יצחק רייז, מיין טייערער! דיין שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט — ווען די וואַנט איז אויך באַשטאַנען פון לעבע־דיקע מענטשן — האָט דיך צו גאָרנישט געבראַכט, צו גאָרנישט גע־בראַכט.

און צווישן וועלכע פּאַראַדאָקסן און ווידערשפּרוכן האָט איר דורכ־מאַרשירט — איר צעבלוטיקטע 37 ליטעראַרישע יאָרן מיינע! ווער האָט נאָך ליב געהאַט דאָס לעבן ווי איר? און ווער האָט זיך נאָך אַליין אַזוי דאָס לעבן פאַרסמט! וואָמענס זעל איז נאָך אַזוי זיס געווען מיט ליבשאַפט צום הימל און צו ערד, צו מענטש און צו חיה, צו ליכט

און צו ציטער? און אין וועמענס זעל איז נאָך אַלצדינג אַזוי ביטער־ביטער־ביטער געוואָרן ווי אין אייך! ווער האָט נאָך אַזוי געשטרעבט צו „רעכטשאַפנקייט“, ווער האָט נאָך אַזוי דורשטיק־הונגעריק געזוכט דעם גלייכן וועג צו מענטש? און ווער האָט זיך נאָך אַזוי פאַרמדברט ווי דער שרייבער אָט־דער, וואָס ביטערט איצט זיין פאָררעדע צו עפּעס אַ בוך, — אַ בוך עפּעס.

יצחק רייז, דו הימל־אָנגעשיכורט אינגל, וואָט דו האָסט זיך אויף אַ ווערבל געוואָלט דערפייפן דיין וועג צו עפּעס דאָרט אָן „אייביקייט“ (אין דעם האָסטו דאָך טאַקע אַמאָל געגלויבט, כאָטש דו האָסט עס, לפנים געלייקנט!) זיך מיט ווינטמילן געשלאָגן וועלכע האָבן דיין מעל געמאָלן, צעברעכענדיק זייערע פליגל אינאיינעם מיט דיין אָרעם שטיקל ברויט!

אָט־אָט. מ׳פאָרט שוין באַלד צוריק פונם יאַריד. די שכנים וועלכע האָבן זיך פריער געקריגט בלויז צוליב זייער סחורה, פאָרן איצט איינס לעבן ס׳אַנדערע, ווערטלען זיך דורך, טיילן זיך מיטן געבליבענעם עסן און מיט די פּרוכט, און דו?... אפילו שוין.... צ ו ר י ק פונם יאַריד, פאָרסט אויך אַליין. — גאָט מיינער, ווי עלנט־אַליין, ווי אַליין־עלנט!! און אויב נישט שרייען געוואַלט, וואָלטן כאָטש בידאַרפט וויינען... ביסטו נאָך אָבער אַלץ דער אַלטער עקשן, דו פאַר־עקשנטער יצחק רייז! ווערסטו בעסער ברעכן־זיך ווי אַ שטאָם, איידער בייגן זיך ווי אַ צווייג... ווערסטו בעסער זאָגן — וואָס דו ווערסט זאָגן, אָבער זאָס טיפסטע, דאָס ממעקימדיקסטע, ווערסטו בלויז אַריינברילן אין דער גרויער איינזאַמקייט אַריין, ווי אַ לייב אַ געהעצטער, שוין אויפן סאַמע שפּיץ פונם פעלז, ביים ברעג ים, וואו די וואַסער־בראַנדן פלאַקערן.

אַמאָל האָט איינער אַ יצחק רייז זיך גרינג געמאַכט ס׳האַרץ אַז — מילא איצט ווי איצט: איך שטיי אַ לעבעדיקער (זינדיקער) מענטש קעגן לעבעדיקע (זינדיקע) מענטשן! אָבער שפּעטער — (פלעגט זיך דער יונגער יצחק רייז טרייסטן), אַרויסשטעלנדיג זיין „לאָמפּ אויפן פענצטער“, ער זאָל לויכטן פאַר דעם וואַנדערער אין דרויסן מער ווי פאַר זיך אַליין אנעווייניק — אַז די פּערזענלעכע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש וועלן זיין פאַרלאָשן, וועט מסתמא די „היסטאָריע“ אָפּקלויבן אָט־יענע ווערק דיינע וואָס זיינען גוט און שיין און ווערט פול, און זיי ווי אַ בוקעט פון געווין און געלעכטער אַריינשטעלן אין

דער וואַזע פון דער „אייביקייט״! איצט אָבער, אין חודש אָקטאָבער 1937, טראַכט איך שוין נישט אַזוי. איך ווייס אַז ווי היינט ביי מיין לעבן, וועט אויך שפּעטער נאָך דעם ווי מיין לעבן וועט זיין אָפּגעגאַנגען — די „היסטאָריע״ (אפילו די היסטאָריע פון דער אידישער ליטעראַטור), איינשטיין אין די הענט פון „לעבעדיקע און פּערזענלעכע״ מענטשן... היסטאָריקער און קריטיקער, וועלכע וועלן מיר שווערלעך קענען פאַר־געבן די זינד פון קליינמאַכן זייער פּאַך... און דעריבער האָב איך מורא זיינען דיינע שאַנסן פאַר „אומשטערבלעכקייט״ אויך פאַרשפּילט, יצחק רייז! דו קענסט שוין דערויף אונטערשרייבן דיין נאָמען. דו דאַרפסט בלויז פליכט־מעסיק (ווי אַ לעבעדיקער מענטש אין אַ ניכטערער וועלט) אָפּדאַנקען די חברים, וואָס האָבן דיין „נאַדירגאַנג״ געעפנט די טיר צום דרויסן וואָס איז שוין היינט קיל, אוי קיל!... און ווי קורץ די טעג זיינען! און פון די־אַ קורצע טעג, מוז מען נאָך אַראָפּכאַפּן אַ מינוט און אָפּדאַנקען דעם קאָלעגע קלמן מרמר פאַר דעם ביסל מיטהילף אין צנויפשטעלן דאָס בוך. — קען געזיין אַז ווי עס איז איצט אַרויס, איז עס ניט לויט זיין היסטאָריש־כראָנאָלאָגישן פּלאַן. נאָר וואָס בין איך דען דער היסטאָריע שולדיק? און וועלכע צייט־אָרדענונג איז דען דאָ אין מיין הפקרדיקן גוף, וועלכן איך האָב אָט־ערשט ניט לאַנג מיט שטיקער דינאַמיט אַרומגעבונדן און זיך געוואָרפן אויפן פיינט — ווי איך האָב אים געזען — מיט די אויגן פון אַ פיבערדיקן זעלאָט קיינמאָל ניט מער צוריק צו קומען?!...

אָבער ס'איז נאָך אַלץ בעסער צו לעקן די ביטערע איינזאַמקייט פון די פעלזן, איידער דאָס זיסע גראָז לעבן שעפּסנקוואַל; עס איז נאָך אַלץ בעסער צו זיין אַ מאָגערער, אומרואיקער ברילנדיקער וואָלף, וועל־כער וואַרנט מיט די אויגן, איידער אַ פוכנאַטע, זאַטע קאַץ, וואָס דאַנקט מיטן עק.

משה נאַדיר,

סי־געיט, ניו יאָרק

אָקטאָבער 26 — 1937.

1

פון יאָר 1900 ביז 1914

פון מיין ערשט ליד
ביז
דער וועלט - מלחמה

בלאָנזשעניש און אָפגעבונדנקייט

היימלאַנד !

(געדרוקט אין „טעגלעכער העראַלד", אונטער רעדאַקציע פון „בן־פורת", אַרום 1900)

כ'קאָן מיך נישט גליטשן דאָ אין ניו יאָרק.
דער ים ווערט דאָ קיינמאָל פאַרפרוירן !
דאָס איינציקע וואָס איך קען אין ניו יאָרק
איז בלאָנדזשען און ווערן פאַרלוירן.

כ'קאָן דאָ נישט שווימען, דער ים איז צו טיף.
כ'בין געוואוינט צו אַ טייכל וואָס שפיגלט !
פאַרמאַכט איז דאָס לעבן דאָ אין ניו יאָרק
מיט מויערן הויכע פאַרציגלט.

כ'וואָלט וועלן צעשפּרייטן די הענט אַזוי ברייט —
קאָן איך נישט, ס'איז אַזאַ ענגשאַפט !
צעשפּרייט איך די פליגל בלויז פון מיין האַרץ,
און פלי אויף מיין אייגענער בעקנשאַפט...

אַ היימלאַנד, מיין היימלאַנד, דו ביסט אַזוי שטיל,
און איך בין אין ד י ר איינגעראָטן...
וואָס וועט פון מיר ווערן אין היגן הו־האַ ?
איך רעד דאָ אַליין צו מיין שאָטן...

ניו יאָרק

אויף דער שריפטלעכער איינלאַדונג פון רע־
דאַקטאָר בוקאָנסקי — „בן פורת" — איך זאָל
עפּעס זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן אַמעריקע אויך,
האָב איך מיט אַ 3 וואָכן שפּעטער אָפּגעדרוקט
דאָס־אַ ליד.

איך ליב דיך, ליב דיך, מיין ניו יאָרק,
איך ליב דיך שטילערהייד !
איך ליב דיך מער ווי דער וואָס באָרגט
ביי מויל די חניפה־רייד.

מען זאָגט דיין „פרייהייט" איז גאָר „הויך"
איך גלויב אין דעם, — איך'ל בעט יו!
מיר קומט פון ווייטנס אויס — דורך רויך
צו זען דיין פרייהייט־סטעטשו.

מען זאָגט איר פּנים שיינט אַוועק
און אין דער פינצטער לויכט זי.
דאָך אויף אינזלען ווייט פון ברעג
איר שטראַליגקייט פאַרברויכט זי.

איך האָב צו דיר ניט! — ווער בין איך דען?
קיין בירגער אַנערקענטער,
נאָר ווילסט דיין „פרייהייט" איך זאָל זען?
טאָ הייס איר קומען נ ע נ ט ע ר...

כיבאַי דיין פרייהייט מיינט אַ ליכט
וואָס קען קיין לופט פאַרטראָגן!...
ס'איז וואָר דו האָסט זיך נישט געריכט —
אַ גרינער זאָל דאָס זאָגן?

ניו יאָרק, ניו יאָרק! ביסט האַרט און שוואַרץ —
ווי בעטלערישע גראַצערס;
ביסט הויך און גרויס, מיך שרעקט ס'האַרץ,
פאַר דיינע וואָלקנקראַצעס!...

„הוידאַי־דונאַי, דאַינאַ!"

הוידאַ דונאַי דונאַי דאַי! —
אַ לידל אַ רוטייניש,
טרוים זיך דיר דיין טרוימעריי
אינגעלע, נאָר וויין נישט.

פעלד מיט האָבער, פעלד מיט גערשט,
טאָלעכלעך מיט פּראָסע,
איבער פולע זאַנגענבערשט
שווינגען זיך די קאָסעס.

מיידלעך פון דער זון פאַרברענט,
יונגען ווי די ריזן,
אָפּגעשוירן, אויסגעקעמט
אַלע גרינע וויזן.

שעפּעלעך און לאַשיקלעך
געגנזעלעך און הענער,
פּויערטעס מיט קאַשעקלעך
טראָגן היבל־שפּענער.

ס׳גייט די טשערעדע פון פעלד!
שטויב קלינגט אין אַ וואָלקן,
אין אַלע שטאַלן פון דער וועלט —
ווערן קי געמאָלקן.

שעפּסעלעך מיט ווייסער וואָל,
פּאַסטעכלעך מיט בייטשן,
און דאָס טייכלדיקע גאָלד
בלאַנקט אין אַלע קנייטשן.

אוי, מיין הארץ איז מיר דאָ הויל:
איך בענק נאָך דיר, מיין היימל,
וואו איך פּאַל־צו מיטן מויל
כ׳פּיל דעם טעם פון ציימל...

עס רינט אַ האָניק דאָ אין לאַנד —
פון אייזערענע בינען,
מיר גיט בעסער טערפּקע סם
פון קאַרשעלעך פון גרינע!

הוידא, דונאי — פון יאַרמאַרק!
די בענקשאַפט טראַגט מיין קערבל:
דאָרטן לעבן „טוליע־באַרג״ —
אַ פאַסטעך שפּילט זיין ווערבל.

פאַסטעך, פאַסטעך, פאַסטישקע
איף די גרינע וויזן —
זאָגט דער גרויער לאַסטיטשקע
אַז איך לאָז זי גריסן!...

ס'איז מיר גוט!...

מיר איז וואויל איצט — הידד! האַך!
איך בין שוין ענדלעך דאָ הי!
נאָר שקאַצימלעך מיר לויפן נאָך
און רופן מיך אַן „שיני״.

עס טרעסעט שוין די שיף נישט מיין,
איך עס שוין קיין סוכאַרעס,
און אין די אויסלאַגעס עס שטייען
די שענסטע, בעסטע וואַרעס.

מען קען דאָ לעבן, נאָר גיי לעב —
עס פעלן אויס די קלינגערס!
אוי, שטעלט מיך אָן, רעדאַקטאָר לעב,
אַלס אייער ערשטער זינגער.

איך וועל אייך זינגען ווי מ'דאַרף,
כ'וועל זינגען שטאַרקער, העכער,

כ'וועל זינגען פון מיין טיפן הארץ,
כ'וועל זינגען פון די דעכער.

כ'האָב קיין האַרפע נישט, קיין ליוט
קיין גאָלד פון אינזל גיני,
און ווין בין איך „פאַרפליקסטער יוד"
און דאָ בין איך א „שיני".

פונדעסטוועגן... עס בענקט זיך פאַרט
צום אַלטן קייזער־רייך,
עס וואַקסן גרינע שטונדן דאָרט,
עס גייען ווייזערס — גלייך.

דאָ בליען קאָלדירעס אין „יאַרד",
מען האַנדלט אַלטע סחורה;
איך זיץ אַזוי און וואַרט און וואַרט
ס'זאָל ווערן שמחת־תורה...

פיט סטריט, ריט סטריט, ווילעט סטריט,
סטענטאָן און ריווינגטאָן —
זיי טראָגן קיינע פאָנען ניט,
נאָר ס'איז חגא — קלינגט מען...

ביי אונז אין אַלטן קייזער־רייך
דער פאָסטוך גייט איצט נאַניטש,
לבנהן אַלע הייזער — בלייך,
דער מאַרק — אַ בלאַנקער ראַניש.

* * *

ס'איז ענג דאָ! אַזאַ גרויסער שטייג, —
נאָר יעדער שטייג האָט שטאַנגען!

און וואו דעם קראַנקן מען באַלייגט
פילט ער זיך געפאַנגען.

די פרייהייט איז דאָ אימעדים —
מען וואַרפט מיר „פרייע" שטיינער,
ווער ס'איז גוט און איך בין פרים,
איך היט מיר אָפּ די ביינער.

איך גיי בלויז ביז דער בויערי,
צו ווייטער האָב איך מורא,
ס'איז פאַרמאַכט דער טויער הי
פאַר אונז, און אונזער תורה...

ס'איז אַ לאַנד פון דאָלערס בלויז —
די דאָלערס זיינען רונדע,
זעכציק שטאָק דער טאָג איז גרויס
און זעכציק טעג — די שטונדע.

אוי, איז מיר דאָ שווער דער וועג
אוי, איז מיר נישט פריילעך, —
כ'שטיי דאָ לעבן ביבליאָטעק
און אַן „אָרענדזש" שייל איך.

דער „אָרענדזש" איז נישט קיין מאַראַנץ —
און ביטער ווי מיין שטימונג!
איך נאָג זי אָן שום עלעגאַנץ
און אָן אַ ליפּ־פאַרקרימונג.

(און שפּיי איך אויס — איך שפּיי אויף דר'ערד,
איך שפּיי נישט אין די הייכן,
ס'איז דעם הימל שוין באַשערט —
מיין שפּיי זאָל אים נישט גרייכן...)

איך דריי מיך אום אַהער, אַהין, —
אַ פלוי אין יקום־פרקון . . .
אוי, ווי בענק איך נאָך דיר, ווין,
נאָך דיינע זון־בעצירקן !

איך זע שוין אָן, אַז איך און דו —
ריט און פיט און עלן,
מיר וועלן אין קיין גוטער שעה
קיין חופה שוין נישט שטעלן . . .

און דאָס מיין פריינט, רעדאַקטאָר לעב,
איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך,
איך האָב מיין בריוול שוין פאַרקלעבט,
איצט גיי איך עסן קרעפלעך . . .

לידער

אידא איז אַ שיינטשיק מיידל,
אַדי איז נאָך שענער;
פעני האָט אַ קליינטשיק הענטל,
דזשעניס איז נאָך קלענער.

קידי מאַכט זיך קינדיש, נאַריש,
סיידי קלוג און וויכטיק.
באַרבאַראַ איז אַפּגעלאָזן,
ליזאַ — זויבער, ציכטיק.

עלאַ — זון האָט אין די אויגן,
לאָקן — שוואַרצע צווייגן,
מיט געלעכטער גילט זי אָפּ דעם
זילבער־גלאָק פון שווייגן.

סאַראַה איז אַ שוואַרצער מלאך
אַ בלאָנדער טייוול — אײדע;
שווער צו זאָגן ווען ליב איך
בעסער פון די ביידע.

טילי — כאָטש אַ פּראָסטע מיידל,
נאָר — קוואַליטעט אַ ריינער.
קושט זי — גיסט זיך אַזאַ זיסקייט
אין דעם אינגלס ביינער.

אַך, איר טייוולען און מלאכים
פון מיין אָרעם געסל,
ווי איר מישט די זיסע גיפטן
אין דעם טייוולס קעסל!

(פ. אַ. ש. 5 דעצ. 1908 א. נ. „פילאַטוס“).

אַליאַ

אַן עלפנטביין־פידל
איז דיין לייב.
אַ געזאַנג אין אַ פידל־וואַלד
איז דיין שטים.
אַ יום־טוב פון פאַנען
זיינען דיינע אויגן.
אַ ווייסע סטענגע אויף
דעם עלפנטביין־פידל
איז דיין האַלז.

(א. וו. 1918 א. נ. יצחק רייז).

צו אַ גאָנדאָליר

(נאָך טהאָמאַס מור)

פאַמעלעך פיר,
דו גאָנדאָליר,
מיין שיפל שטאָלץ און גלייך;
נישט האָרכן זאָל
קיין מענטש מיין קול
חוץ יענע שלאַנקע און בלייך.

און וואָלט אַ שטערן זיך געקענט
פאַרטראַכטן — ווי איך טראַכט,
וואָלט ער פאַרגעסן אונטערגיין
ביים ענדע פון דער נאַכט...
ער וואָלט דעם גאַנצן זומער־טאָג
געציטערט און געטראַכט...

שאַ, מער ניט פיר,
דו גאָנדאָליר,
מיין שיפל , בלייב דאָ שטיין!
פון יענעם שלאָס
פון יענעם שלאָס
מיין ליבסטע קען איך זען.

און וואָלט מיין געטין ווייט געוועזן
פון מיר, אַזוי ווי גאָט —
ניט שווער וואָלט היטן מיר געוועזן
זיין זיבנטע געבאָט.
און כ׳וואָלט ביי מענטשן ניט געוועזן
צו שאַנדע און צו שפּאָט.

(ק. 9 פעב. 1917 א. נ. יצחק רייז).

צו די געטער

(לכבוד טענגסגיווינג דעי)

דאַנקען אייך זאָל איך? פאַרוואָס אַשטייגער?
דערפאַר וואָס עס זשאַווערט אין לאָמבאַרד מיין זייגער?
דערפאַר וואָס איך האָב ניט קיין ברויט און קיין דירה,
דערפאַר זאָל מיין האַרץ זיך צעגיסן אין שירה?
איך דאַנק אייך!

דאַנקען דערפאַר אייך, וואָס די אידישע בלעטער,
פאַרזאָרגן די שרייבער מיט... כבוד אויף שפּעטער,
ווען ווייס איז דער קאָפּ און שוואַרץ איז דאָס וועטער?
איך דאַנק אייך!

וואָס מיר האָבן צוויי הענט אויף צו טרייבן די ראַצן,
אַ נאָז אויף צו ניסן, אַ צונג אויף צו שוואַצן,
אַן אויג אויף צו וויינען, אַ האַרץ אויף צום פּלאַצן?
איך דאַנק אייך!

איר געטער און טייוולען איך זאָג אייך קורץ־בינדיק:
איך זע ניט די טובות... איך בין דאָך צו זינדיק...
איך האָב ניט קיין „קרענבבערי סאָוס“ און קיין אינדיק,
אייך דאַנקען! ?...

ווי ליים

אַזויווי דאָס ליים אין דער האַנט פון דעם קנעטער,
ווי די ווייַנטרויב אונטערן פוס פון דעם טרעטער —
אַזוי איז די פרייהייט ביי אייך אין דער האַנט,
איר מייסטער און פירער און הערשער פון לאַנד.

אַזוי ווי דאָס אייזן אין האַנט פונם שמידער,
אַזוי ווי ביים דיכטער דער קלאַנג פון די לידער —
אַזוי זייַנען מיר ביי אייך אין דער האַנט,
איר מייסטער און פירער און הערשער פון לאַנד.

אַזוי ווי דאָס לייַלעך אין האַנט פונם וועבער,
אַזוי ווי ביים זאָטלער דאָס רויע שטיק לעדער —
אַזוי זייַנען מיר ביי אייך אין דער האַנט,
איר מייסטער און פירער און הערשער פון לאַנד.

אַזוי ווי דאָס וואַלד־פייער פליט מיטן ווינט,
אַזוי ווי דער אָדלער טוט שיצן זיין קינד —
אַזוי וועט אויך שיצן זיין גליק און זיין רעכט,
דער שווייסיקער, האַרטער און רעכטלאָזער קנעכט.

אַזוי ווי אַ שטורעם־ווינט לייטערט די לופט,
אַזוי ווי פון קברים קומט גראָזיקער דופט —
אַזוי וועט אויך קומען דער טאָג אויף דער וועלט
ווען בלוט וועט זיין טייער און וואָלוול ס׳געלט.

אַזוי ווי אַ מבול קומט אָן נישט־געריכט,
אַזוי ווי אַ היישעריק קומט אָן געדיכט —
אַזוי וועט אויך קומען דער ביטערער סוף,
אַזוי וועט אויך קומען די ביטערע שטראָף.

אַזוי ווי דאָס ליים אין האַנט פון דעם קנעטער,
אַזוי ווי דער וויינטרויב ביים פוס פונם טרעטער —
אַזוי־אַ וועט א י ר זיין ביי אונז אין די הענט,
איר אַלע וואָס האָט אונזער פרייהייט געשענדט.

אַזוי ווי דאָס אייזן אין האַנט פונם שמידער,
אַזוי ווי ביים דיכטער דער קלאַנג פון די לידער, —
אַזוי וועט א י ר זיין ביי אונז אין די הענט,
איר אַלע וואָס האָט אונזער רעכט ניט דערקענט.

אַזוי ווי ס׳ליילעך אין האַנט פון דעם וועבער,
אַזוי ווי אַ מת אין דער האַנט פון באַגרעבער —
אַזוי וועט א י ר זיין ביי אונז אין די הענט,
אַזוי וועט איר זיין ביי אונז אין די הענט!

(ק. 1912 א. נ. יצחק רייז).

ס׳איז פריילעך

ס׳איז פריילעך. איך גיי אין די גאַסן
און דריי מיר מיין שטעקן און פייף.
ביי מענטשן — דער טרויער אין די הערצער,
אויף ביימער — די פרוכט איז שוין רייף.

ס׳איז פריילעך. איך גיי אין די גאַסן
און שפּיל מיט מיין שטעקן און זינג:
ס׳איז שווער דאָך אַזוי צו זיין פריילעך
און טרויעריק צו זיין אַזוי גרינג!...

(ק. 1910 א. נ. יצחק רייז).

ליידיק

עס איז ליידיק די ערד, און איך בין
דער לעצט־לעצטער זון פון מיין שטאַם.
שטיל דין איך צום גאָט פון דעם בליץ,
צום גאָט פון דעם שווערד און פון פלאַם.

שטיל דין איך צו גאָט, נאָר קיין פאָרכט
פאַרן אייביקן גאָט האָב איך ניט;
דען עלנט ווי גאָט בין איך זעלבסט
לייד איך נאָר שטיל מיט אים מיט...

(ק. 1910 א. נ. יצחק רייז).

שניי־פליטער

שניי פאַלט אויף מיין נשמה,
אויף מיין וואַרימער הויז־נשמה.
און דער ווינטערדיקער ווינט
טרייסלט אויף די ווענט פון מיין האַרץ.
די שניי־פליטער פאַלן, ציטערדיק,
אויף די שטיינערנע ווענט פון מיין לעבן.
און עס גלימערצט און פינקלט
אַזוי קאַלט, אַזוי פרעמד,
ווי אַ געהלשטער שטערן
אויף אַ הימל פון נעילה.

(ק. 1910 א. נ. יצחק רייז).

דער מתים קעניג

עס ליגן הויפנס מתים צונויפגעשאַרט,
אַזש ביז צום פּאַרקאַן פון דעם שטאָלצן קעניג־הויף;
אַ קאַלטע זון באַלויכט דאָס מתים־פּעלד
די פילע מתים־אויגן גלימצן אויף.

אַ קאַלטע זון זיך מאַטערט צום פאַרגייַן,
און ס׳ראַנגלט זיך אין טויטן־בעט דער טאָג אין שרעק!
ביז ענדלעך לעשט זיך אויס זיין לעצטע פייער־טרער,
און בלייך און בלוי און מאַט עס ווערט דער הימל־ברעג.

און ס׳פאַלט פון הימל־רוים אַ שווערד אַראָפּ — — — —
דאָך שרעקט אייך ניט! דען גאָטס לבנה־שווערדן טויטן ניט!
און שניידט אַ שטראַלן־שאַרף אַדאָרך דיין האַרץ, —
ווער טראָגט דען ניט מיט פרייד דעם זיסן האַרצנס־שניט?

דאָך אַנדערש איז עס דאָ ביי קעניג־שלאָס,
וואו טויזנט־טויזנט צונגיק פלוכט דער וויסטער טויט;
יאָ, טויזנט צונגיק שווייגט ער שטיל, און ס׳רעדט
אַ טייך פון מענטשן־בלוט, וואָס פליסט דאָ פעט און רויט...

ווי זאַנגען פון דעם שטורעמס האַנט באַזיגט,
עס ליגן מענטשן דאָ — אין שורות אויסגעלייגט.
אַ יעדער זאַנג — אַ מענטש, וואָס האָפענונג
פון דער לבנהס ווייסער ברוסט ער האָט געזויגט.

איצט קוקט זי קאַלט אַראָפּ — און וואַרפט איר שטראַל
אין שטאַר־פאַרגליווערט אויג פון האַלב־צעהאַקטן קאָפּ,
און שפילט אַ וועלט־פאַנאַנד אין טויטן אויג...
און קושט פון שטערן אים דעם צער אַראָפּ...

און ס׳קומט דער קעניג — — — —
ער קוקט. און עפּעס צינדט זיך אין זיין בליק.

און פּלוצים לאַכט ער אויף. ער לאַכט אָן זין און לאַכט.
„דו, בלוט־געטונקטע שווערד! דו האָסט עס גוט געמאַכט!“

„זיי שטאָלץ, מיין שווערד!“ דער קעניג רעדט צו זיך,
„און דו, מיין אויג, זיי שטאָלץ אויף יעדן טראָפּן שיין!
דען זעסטו ניט — ס'איז פול און גרויס מיין זיג?
כאַ־כאַ! די גאַנצע וועלט מיט מתים זיינען מיין!

„און איך בין מתים־קעניג! אָ, מיין גאָט!
איך קוק צו דיר אַרויף און טראַכט: ביסט גרויס!
דאָך איך בין גרעסער נאָך פון דיר...
דען, דאָס, וואָס דו פאַרפלאַנצסט, איך רייס אַרויס!...

און אַלע טרוימען, וואָס דו האָסט פאַרזייט,
אָ, שוואַכער גאָט! איך האָב זיי גרויזאַם אָפּגעפּליקט
און איך בין מתים־קעניג! אָ, מיין גאָט!
עס האָט מיין אייזן־פויסט גאָר לייכט באַזיגט!“

דאָך פּלוצים זינקט זיין שטים און שטאַרבט אין האַלז;
דען טויזנט מתים־אויגן כאַפּן גלייך זיך אויף,
און יעדעס אויג עס וואַרפט זיין קאַלטע שפּיז
אין קעניגס אויג. און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, אָן אַ סוף —

עס ווערט אַן אויג־צו־אויג־געפעכט געקעמפט.
ביז ענדלעך פון אַ צאַרטן אינגלס אויג עס פאַלט
אַ הייסע טרער־גראַנאַט אין קעניגס האַרטער ברוסט,
און גלייך זיין פעסט־געפּאַנצערט האַרץ צעשפּאַלט.

עס גדינצן מתים־קעפּ מיט ווייסע ציין
און לאַכן פון דעם קעניגס קאָפּ די קרוין אַראָפּ;
און פון אַ קעניג־מאַנטל טריפט דאָס בלוט —
טראָפּ־טראָפּ, טראָפּ־טראָפּ...

שאָטן טענץ

שאָטן־אורנעס שוועבן שטומע
אויף די ווענט ביי מיר אין צימער,
און זיי טענצלען צו דעם ריטם
פון דעם קראַנקען לאָמפּן־שימער.

און זיי טענצלען און זיי הוליען —
אַרום מיין שטאַרבנדיקן לעבן: —
וואָס־זשע ווילט איר דעמפּע שאָטנס ?
וואָס־זשע קען איך אייך נאָך געבן ?

ווען דער מעריב־זונס נשמה
האָט געפלאַטערט אויף די שויבן, —
טיף אין ים פון נאַכט פאַרזונקען
איז מיין פּורפּור־שיף פון גלויבן...

וואָס־זשע וואַכט איר נאָך אַרום מיר ?
וועקט איר דאָך נאָר טויטע קלאַנגען
פון געזאַנגען לאַנג שוין טויטע, —
פון געשטאָרבענע פאַרלאַנגען !...

שטומע שאָטנס, יענע שטונדן
קענט איר שוין צוריק ניט ברענגען !
כ׳וועל די האַרפע פון מיין האַרצן
אויף אַן אַלטן בוים אויפהענגען.

אויף אַן אַלטן בוים... מיין מאַמע,
זי וועט היטן יעדן ציטער, —
פון מיין האַרצנס ריינער האַרפע...
זי וועט היטן יעדן ציטער.

(ליטעראַטור, יולי 1910 א. נ. יצחק רייז).

מידאַרף נישט ברוגז זיין

מ׳דאַרף נישט ברוגז זיין דערפאַר. —
אַ מאַן בלייבט מאַן און פרוי בלייבט פרוי,
און אייביק בלייבט די אַלטע וועלט אַזוי.
אַ מאַן דאַרף זיין — אַ הונט, וואָס לויפט אַרום,
אַ פרוי דאַרף זיין — מלאך גוט און פרום,
און ביידנס קינדער טיילן זיך אַזוי:
אין הינט און אין מלאכים, ליבע פרוי
מ׳דאַרף נישט ברוגז זיין דערפאַר.

אין מיין האַרץ

דער טויט ליגט אין מיין האַרץ
צונויפגעקנוילט און שוואַרץ,
און ווי אַ בייזער הונט
ער בייסט מיין וויסטע וואונד.

און רעכסט ליגסט ד ו , ליגסט דו, —
מיין ליבסטע דו, מיין רו.
דער טויט פון לינקס. פון רעכטס
באַשיצסט ד ו מיך פון שלעכטס.

האַרבסט

אָ, רעד נישט פון שטאַרבן,
מיין ליבהאַרציק קינד,
דו רעד נאָר פון לעבן
און ליבע אַצינד.

פאַרלעשט זיך אין הימל
דאָס גאָלד פון דער זון —
נישט אָרימער ווער איך,
אָ, קינד מיינס, דערפון.

דאָס גאָלד פון די לאָקן,
וואָס צירן דיין קאָפּ,
זיי ברענגען פון הימל
מיר אוצרות אַראָפּ.

און טראָגט זיך פון צפון
אַ פראָסטיקער ווינט,
דיין אָטעם דאָך ברענגט מיר
דעם פרילינג אַצינד.

און ווערט אויך פאַרשוואונדן
די שוואַלב און די בלום —
ביי דיר אין די אויגן
נאָך שוועבן זיי אום...

דער נביא און די אַלטע פרוי

(פערזיש)

אַ נביא, וועלכער איז אַלס וויצלינג אויך געווען באַקאַנט,
אין אַלע טיילן פון זיין מזרח־לאַנד —

האָט איינמאָל, ווען שפּאַצירנדיק אין מאָרגן־גרוי,
זיך אָנגעגענט מיט אַן אַלטער, אַלטער פרוי

איר פּנימל פון דאגות איינגעקנייטשט,
דאָס לעבן האָט זיין טיפן צער דאָרט איינגעטייטשט

„גוט מאָרגן, באָבעשי!" באַגריסט זי דער פּראָפעט,
און געבנדיק זיין שיינע נביא־באָרד אַ גלעט —

ער זאָגט: „זיי ווייסן, אַז ס'איז קלאָר מיר אויף געוויס,
אַז אַלטע פרויען קומען נישט אין פּאַראַדיז!"

די פרוי, דאָס הערנדיק, האָט זיך שטאַרק צעווײנט
און טיף געשלוכצט! אָ, נביא, זאָג, וואָס מײנט

דאָס שאַרפע וואָרט, וואָס פאַלט איצט פון דײן ליפּ
און שטעכט מיך, ווי אַ דאָרן טיף אין ריפּ?

דער נביא קוקט זי אָן גאָר פאָטערלעך און מילד
און זאָגט: „איך ווייס — עס קלינגט מײן וואָרט דיר ווילד,

דאָך לאָז מיך ענדיקן און שלאָג נישט אָפּ די רייד
און דו וועסט אָנשטאָט צער האָבן פרייד.

ס'איז אמת, אַז אין פּאַראַדיז מ'קען קײן אַלטע זען —
דאָס איז דערפאַר, ווײל אַלאַה, — ער מאַכט שיין

און יונג און פריש און שלאַנק און פול מיט חן
די אַלע, וואָס גן־עדנס שוועל אַריבערגיין".

קידושין רינגל

רינגעלע, רינגעלע,
רינגל פון גאָלד,
איך האָב פאַר דיר טײער,
אוי טײער באַצאָלט.

רינגעלע, רינגעלע,
רינגל פון גאָלד,
פיל גאָלדענע טרוימען
דו האָסט מיר געמאָלט.

אַ היים, אַ געליבטן,
און קליידער פון זייד.
נו, איז זי פאַרשוואונדן
די גאָלדענע צייט.

גאָלדענער רינגל,
אוי רינגל פון גאָלד,
איך האָב פאַר דיר טייער,
אוי טייער באַצאָלט.

אַלטע פייגל

אַ פויגל זאָגט דעם מאָרגן אָן.
דאָס ליד עס קלינגט באַקאַנט —
צי האָב איך ניט דעם זעלבן טאָן
געהערט ביי זיך אין לאַנד.

אָ, פויגל, זאָג ווי קומט צו דיר
אַ בענקען אַזוי טיף, —
צי האָסטו נישט פון האַרץ ביי מיר
געגנבעט דעם מאָטיף?

רויזנצאַרט

איך האָב זי געליבט אַזוי רויזנצאַרט,
מיי האַרץ האָט איר רויזן געבראַכט,
האָט זי מיר ס'גאָלדענע ריגעלע
פונם הימל אויפגעמאַכט.

כ'בין געקומען אַריין אויף פינגערשפּיץ —
ווי מ'קומט אין אַ טעמפּל אַריין,
אין די פאַרשעמטע טרערן ביי מיר
האָט הייליק אַ לעמפּל געשיינט.

האָב איך אויסגעשוויגן: „מיין זעל איז קראַנק
פון בענקען וואָס האָט מיך געקווילט",
האָט זי געזאָגט: „כ'וועל דיר קושן ס'מויל
ועסטו ווערן אויסגעהיילט".
האָב איך מיין שווייגן פאַרמאַכט און געזאָגט

אין טענער פון רעמבראַנד־פאַרב:
„עס איז שוין שפּעט, כ׳שרעק מיך אַזוי,
איך האָב מורא אַז איך שטאַרב״.

האָט זי געזאָגט: „זיי נאָר ניט קיין קינד,
עס העלפט יעדן מיין מעדיצין,
מיט קושן מאַך איך די הערצער געזונט
און קרענקלעכע באַקן — בלייען.

אויך דיך וועל איך היילן״. — זי האָט מיך געהיילט,
זי האָט די ליבע פון מיר אויסגעקושט —
מיט ליפּן אַזוינע, וואָס האָבן געברענט
ווי דער פלאַמיקער דאַרנקוסט...

מיט הערצער געטוישט זיך! אויף איר „רעקוויזיט״ —
מיין לעבעדיק האַרץ אויסגעטוישט,
איצט בין איך ניכטער, כ׳בין מער שוין ניט
מיט קיין רויזנביימער באַרוישט...

אין מיטן ליד

שרייב איך לידער ערנסטע —
און דאָס לעמפּל צאַנקט;
שטעל איך אָפּ מיך מיטאַמאָל
און עס ווערט מיר באַנג.

מאָל איך אויס אַ פערדעלע,
אויף דער לעצטער צייל,
ביי דעם קליינעם פערדעלע —
רו איך אָפּ אַ ווייל.

וועט דערפון מיר פריילעכער,
בין איך שוין ניט מיד.
מעק איך אויס דאָס פערדעלע,
און גיי אָן מיטן ליד.

שרייב איך פערזן זיידענע
קלאַפּ־צו מיטן פּוס,
און אין הארצן נאָגט אַזוי —
עפּעס אַ פּאַרדרוס...

איך באַקוק די פינגער פינף
פון מיין לאַנגער האַנט,
און איך מאָל די וואָנצן אויס
פון אַן אינטריגאַנט.

צו די וואָנצן מאָל איך צו —
עפּעס אַ פּאַרשוין;
מיט אַ קורצן וועסטלשפּענץ
און אַ הויכער קרוין.

ס'איז אַ קיניג מן־הסתם,
האָט ער נישט קיין שטעל,
שטייט ער מיט דער קרוין אין האַנט —
ערגעץ אויף אַ שוועל.

קוק איך אויף מיין זייגערל,
און אויף דער שוועל פון טיר
און מיט הענט פאַרשלאָפענע
נעם איך מיך צום שיר...

שרייב איך ווידער ערנסטע
לידער, בלעטער־לאַנג;
שטעל איך אָפּ זיך מיטאַמאָל
און עס ווערט מיר באַנג.

מאָל איך אויס אַ פערדעלע
מיט אַ קלוגן עק
און צום אַלטן שטעטעלע
רייט איך מיר אַוועק...

(ק. 1916 א. נ. יצחק רייז).

נאַנאַ

שטיל ווי טוי ביינאַכט,
פאַלט דיין טרער אַראָפּ,
אויף מיין באַק עס רינט
דיין שטילע, שטילע טרער.

ווי אַ ווינטער־טויב
גלעטיקט מיך דיין האַנט;
דיין סאַמע־דינע האַנט,
גלעט מיין לייוונט־לייב.

רות

די טאָליקע פעלדער עס זיינען באַדעקט
מיט בינטלעך פון זאַנגען און לוסטיק עס גייט
די אַרבעט, באַגלייט פון די לידער,
וואָס שטראָמען פון מיידלשע הערצער אַרויס
און שלאָגן זיך אָפּ אין די בערגער...

און בועז — דער יונגער, דער בילד־שיינער האַר,
ער קוקט אויף די זאַנגען גין־גאָלדיק און שווער —
זיין אויג שיקט אַ ברכה — זייך האַרץ זינגט אַ ליד:
„ס'איז שניט־צייט אין לחם־יהודה!
שוין גרייט זיך מיין האַרץ צו דער סעודה!
דער וויין אין די לאָגלען — ער שפּילט און ער שוימט...
די זון אין מיין האַרצן — זי גליט, און עס טרוימט
זיך פון וויין און פון ליבע...

עס טרוימט זיך פון וויין און פון ליבע!...“

און פּלוצים... עס ווייזט זיך אין שטויב פון דעם וועג
צווי שאָטנס — מיט שאָטנס פון פּאַלמען באַגלייט,
זיי קומען אַלץ נענטער און נענטער.
ווער גייט עס אָט־דאָרטן ? און ווער זאָל דאָס זיין ?
עס זעט זיך קיין קעמל פון ווייטן !

און בועז, ער הויבט אויף זיין האַנט, און ער שיצט
זיין אויג פון די בלענדזנדיקע שטראַלן.

און נענטער, אַלץ נענטער דאָס שאָטן־בילד קומט.
— „נעמי ! — מיין קרובה — צי ביסט ד ו עס דען ?
ווי בלייך דיין געשטאַלט איז — פאַרענדערט !“

און נעמי, זי ענטפערט :

— „ניט רוף־זשע מיך „נעמי“. מיין האַר, דען ניט ז י ס,
נאָר ב י ט ע ר מיין האַרץ איז און עלנט...
די פעלדער פון מואב — מיין זיסקייט גערויבט
זיי האָבן פון מיר און פאַרשלונגען !...
אָן איינציקע בלום נאָר“ — און נעמי ווייזט אָן
אויף רותן — „האָט גאָט מיר געלאָזן !
און „ ר ו ת “ איז איר נאָמען — נאָך קיינמאָל אַ בלום
ביים נילוס האָט שענער געבליט !...“

און ס׳ווענדט זיך בועז צו נעמין און זאָגט :

— „מיין טאָכטער, ס׳איז גלוטיק די זון אויף מיין פעלד,
און מיד פון דעם וועג ביסטו, נעמי !
אַהיים גיי אַצינדערט — רו אויס אין מיין צעלט,
און גאָט, אונזער האַר, זאָל דיך בענטשן !

און רות, דו, מיין טאָכטער, פֿאַרבלייב דאָ מיט אונז
פֿאַרגעסענע זאַנגען צו קלייבן;
דער לאָגל מיט וואַסער, און שפּייז אויך גענוג
שטייט פֿריי פֿאַר דיין וואונטש — ביי די פֿעלד־לייט".

דער טאָג איז פֿאַראיבער, די שניידמעסערס רוען.
עס רוען די זאַנגען און שניטער;
גאַנץ „לחם־יהודה" עס רועט אַצינד,
נאָר זעלטן עס טוט וואו אַ ציטער —

אַ פֿאַלמע אַ שלאַנקע, געקושט פֿון דעם ווינט,
וואָס טראָגט מיט זיך קילנדע בשמים;
און בועז — אין שייער — ער ליגט און ער טרוימט —
עס טרוימט אויך אַלצדינג, וואָס אַרום אים.

דער טויער פֿון שייער איז אָפֿן צום פֿעלד,
און עס בלייכט זיך אַריין פֿון דעם הימל
די יונגע לבנה, איר קאַלט־בלאַסער שטראַל
פֿאַרוויגט אין אַ צערטלעכן מירמל...

ס'איז שטיל...

ווי אַ גאַזעל מיט לייכטע טריט — אַ שאָטן שוועבט.
רות?...
ס'איז לייכט דער טריט, דאָך שווער דאָס האַרץ...
אַ טריט... אַ טריט. איר ווייסער פֿוס — ער לייכט אַרויס
פֿון ליילעך־קלייד... און פֿליגל־ענלעך שוועבט ער שטיל...
ער ווייסט זיין וועג דורך יענעם ווייטן זאַנגען־פֿעלד —
אַהין — צום שייער־טויער, וואָס אָפֿן שטייט צום פֿעלד...

ס'איז שטיל...

אַ קליינער שאָרך פֿון טויער... עס פֿאַלט איר קלייד...
אַ בשמים־ריח פֿון נארד — און דאַן אַ שטים:
— „ווער איז עס דאָרט?..."

וועגן דער גריפּ

האָט איר די „גריפּ״? אויב יאָ — וואָרום יאָ? און אויב ניט — וועט ער זי מסתמא באַלד קריגן, און דאַן וועט זיין אַז ווי צו אייך און ווי צו אייער הויזגעזינט! און ווי צו אייער — האַפּטשי!! — איר וועט האַלטן אין איין עקספּלאָדירן דורך דער נאָז, און איר וועט פון זיך אַרויסניסן אַלצדינג וואָס איר געניסט, האָט גענאָסן, און וועט געניסן אין פאַרלויף פון אייער מיזע־ראַבלער, העכסט־אומגליקלעכער עקזיסטענץ, אויף אונזער העסלעכער, פּאַסקודנער, נידערטרעכטיקער וועלט!

אַזוי גיך ווי איר וועט קריגן די גריפּ, וועט איר פילן ווי אָפּ־צוטאָן דער מענטשהייט די פאָלגנדיקע אויף־טערקישן:

1) אויסצוטרינקען אַ פלעשל קאַרבאָל.
2) זיך אַרונטערוואַרפן פון דער ברוקלין בריק.
3) זיך איבערשניידן דעם האַלז מיט אַ קניפּיקל.
4 אַריינוואַרפן אייער ווייב אין אויוון אַריין.
5) אויפעסן אייער דאָקטאָר — צוזאַמען מיט זיין שוואַרצן רענצל און מיט אַלע אינסטרומענטן.

דאָס וועט זיין דעם ע ר ש ט ן טאָג.

דעם צווייטן טאָג וועט איר פילן נאָך ערגער. דעם דריטן טאָג וועט איר ליגן אונטער די שווערערע איבער־בעטן און שוויצן מיט אַ הייסער שנאה צו דער לבנה, צו די שטערן, צו די זונען, צו די פּלאַ־נעטן, וגם צו אייער ליבער פרוי, וועלכע וועט אייך פרעגן צי איר ווילט אַ גלאָז וואַסער מיט מילך, און צי איר ווילט געניסן עטלעכע „ליידיס־פינגער״...

דעם פערטן טאָג וועט איר זיך אויפהויבן פון בעט און — זיך צוריק אַוועקלייגן. עס וועט אייך ניט אינטערעסירן קיין זאַך, — איר וועט בלויז אַלע פערטל שטונדע אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון אונטערן איבערבעט און פרעגן אייער פרוי, צי זי האָט שוין אונטערגעלייגט די באַמבע אונטער אייער געלעגער, און למאי מען הערט ניט זי זאָל עקספּלאָדירן? און וויפיל איז דער שיר זיך צו

מאַטערן? און אפשר קען זי פאַראַנשטאַלטן אַן ערד־ציטערניש אַרום ניקערבאַקער עוועניו אויף היינט ביינאַכט?

אויפן פינפטן טאָג, וועט איר האָבן אויסגעשוויצט אפשר צוואַנציק־דרייסיקער טוהלער פאַר דאָקטוירים, מעדיצינען און אַנדערע שלעק... איר וועט זיין שלאַף ווי אַ קימפעט־קינד, און איר וועט וועלן אַרויסקריכן פון בעט, מיט דער הילף פון אייער הילצערנעם שטעקן און אייער אייזערנעם כאַראַקטער. דער לעצטער — וועט זיך אויך אָנשפאַרן אויפן שטעקן, פון וואָס דער שטעקן וועט זיך שטאַרק איינבויגן, און איר וועט מוזן צוריקפאַלן אין דער ערשטער בעטגעוואַנט־ליניע...

דעמאָלט וועט איר הייסן רופן אייער שוער, וועלכער איז אַ איד אַ למדן און אים בעטן, ער זאָל מיט אייך, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, מער־וויניקער, דאַן־און־וואַן, הי־און־דאָ און פון צייט צו צייט, אָפּ־זאָגן ווידוי, און זען אייך באַשטעלן עפּעס אַ פיינע מיטה. אין גלייכן געלט, ניט צו טייער, אין אַ היבשן סייז — איר זאָלט קענען אויס־גלייכן די פיס — מחמת איר האָט האָלט ליגן באַקוועמלעך... פּריציש און דער דאָלאַר שפּילט ביי אייך ניט קיין ראָלע, דער עיקר איז ביי אייך: אַ טרוקענער סעמעטערי, ערגעץ אויף אַ באַרג, און סע זאָל ניט דורכגיין קיין וואַסער, וואָרים איר האָט פיינט וואַסער, הן פון דרויסן און הן אַזוי...

אַז איר וועט שוין האָבן אָפּגעזאָגט ווידוי וועט איר שיקן רופן אייער דאָקטאָר און אים בעטן, אַז ער זאָל זאָגן די צוויי גויים וואָס זיצן אויף אייער ברוסט — זייט די לעצטע עטלעכע טעג, אַז זיי זאָלן גיין אַהיים. איר ווילט זיי ניט האָבן, אויב ער האָט אַ נ ד ע ר ע צוויי גויימלעך, לייכטע, מהיכא־תיתא, וועט זיין פריילעכער... אָבער די צוויי וועלכע ער האָט פאַר אייך, קענטיק, אַנגאַזשירט מיט אַ קאָנטראַקט אויף אַ גאַנצן סעזאָן, ווילט איר ניט האָבן — זיי זיינען צו שווער... און אַחוץ דעם פייפן זיי צופיל מיט די נעזער... צו אפשר זעגן זיי האָלץ? ווייסט זיי דער גוטער יאָר! איר באַצאָלט זיי די גרויסע געלטער, און זיי טראָגן גאָר פייער צום... בית־המקדש. ווער דאַרף עס האָבן?

אויפן זעקסטן טאָג וועט איר אַביסל קומען צו זיך... און די שטוב וועט זיך מיט אייך דרייען אין אַ שרעקלעכן דרייעניש. אייער

ביכער־שראַנק, אייער שרייב־טישל, אייער פּיקטשע פון דער האַלב־נאַקעטער, צוגעקילטער דאַמע, וועלן מיט אייך גיין אַ שנעל־פּאָלקאַ, איר וועט זיין די אַקס פון אַלצדינג, און די גאַנצע וועלט צוזאַמען מיט אייער פרוי און שוויגער, וועלן זיך דרייען אַרום אייך, און אייך אונטערטראָגן די טוכענע שטעק־שיך, און דעם געבלימלטן שלאָף־כאַלאַט... אַ פופצן מינוט וועט זיך די וועלט אַזוי דרייען אַרום אייך, דאַן וועט זי זיך אַביסל באַרואיקן און זיך איינשטעלן אויף אַ ווייל. דאָס וועט אָבער זיין בלויז אַ פּאַוזע, אַזוי צו זאָגן. דאָס וועט זי, די וועלט, בלויז אויף אַ ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם, כדי זיך דערנאָכדעם צו קענען נאָך מ ע ר דרייען אַרום אייך — מיט מער שנעלקייט.

און איר וואָס וועט טאָן? איר וועט זיצן אויפן שאָקל־שטול, רויכערן די ליולקע און טראַכטן ווי די וועלט ווערט גאַרניט מיד פון דרייען זיך אַרום אייך... און וואו נעמט זי אַזויפיל כוחות?...

דאַן וועט איר אויסזופן אַ פּאָר לעפעלעך פערלגרויפּן־זופּ, מיט שוועמלעך און מיט קליינע „געשריבענע" פּאַסאַלקעלעך און איר וועט זיך... ווידער גיין אָפּרוען אין בעט אַריין... וואָרים איר וועט זיין שרעקלעך מיד פון — אויפהייבן דאָס ריזיקע זופּ־לעפעלע, מיט צוויי פּערלגרויפּן!...

אין פאַרלויף פון אייער „גריפּירונג" וועט איר זיך דערווייל דערטראַכטן צו די פאָלגנדיקע העכסט־פילאָזאָפישע רעיונות:

די גאַנצע וועלט איז אַ יאָמערטאָל און... צו־וואָס פּרויען? ווער דאַרף זיי האָבן?

אָפּערע, ווײַן, אַ גוט ביסל ווישניאַק, מיידלעך מיט פּאות — דאָס איז אַלץ גאָרניט אין פאַרגלייך — מיט אַ גוט שטיקל סעמעטערי.

צו־וואָס שטרעבן נאָך רייכטום, רום, לוקסוס, שיינקייט, אַז דער עיקר איז פאַרט אַ גוט ביסל כיגין?! אגב, ריידנדיק וועגן כיגין, דערמאָנען מיר זיך, אַז מיר דאַרפן שוין טאַקע נעמען אַ פּראַשעק, און מיט דעם דאָזיקן דערמאָנעניש זאָגן מיר אייך אַלע אונזער לעצטן אַדיע! מער וועלן מיר אייך שוין, ווי עס ווייזט אויס, ניט זאָגן קיין „אַדיע". סיידן —

לייזער עליעס 3 פּעטנטס קעגן מלחמה

.1

— ס'אַ פלעינער פּעטנט. וואָס עס נישט קאָסטן אַ פּעני און מ'עט נישט דאַרפן מאַכן קיין רעוואָלוציעס און גאַרניש.

— נו, דערקלערט שוין!

— ס'אַ פּעטנט, אַז די זעלנער פון בײדע פײנטלעכע לאַגערן, זאָלן זיך איבערבײטן מיט די מונדירן, איר כאַפּט עס, מר. נאַדיר?

— נישט אַקוראַט...

— צום בײשפּיל: די דײטשישע זעלנער זאָלן זיך בײטן מיט די פראַנצויזישע זעלנער, און אײנער זאָל אָנטאָן דעם אַנדערנס יוניפאָרם...

— וואָס־זשע וועט זײן?

— וואָס פאַרשטײט איר נישט? אַז די דײטשן וועלן דערזען די פראַנצויזן אין דײטשע מונדירן, וועלן זײ מײנען, אַז דאָס זײנען דײטשן, וועלן זײ נישט שיסן. דאָס זעלביקע מיט די פראַנצויזן און אַלע אַנדערע. און אויף אַזאַ אופן וועלן אָפּגעשאַפט ווערן די מלחמות. געפעלט אײך דער פּעטנט?

— וועל, — האָב איך געזאָגט, — אַן־און־פאַר־זיך איז דער פּעטנט אָלרײט. אָבער איר האָט פאַרגעסן אײן זאַך, לײזערעליע: אַז דער דײטש וועט בײטן זײן מונדיר אויף אַ פראַנצויזישן, וועט ער דאָך גײן אָנגעטאָן אין פראַנצויזישע קלײדער, און אַז ער וועט אַ קוק טאָן אויף זיך אין שפּיגל וועט ער מײנען, אַז ער איז אַ פראַנצויז און ער וועט זיך דערשיסן אַלס זײן אײגענער שונא. דאָס, זאָג איך, האָט איר גאָר פאַרגעסן, לײזערעליע.

בײ די דאָזיקע ווערטער האָט לײזערעליע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ זיך פאַרטראַכט אויף אַ װײלע און באַלד האָט ער אויסגערופן:

— שאַט! האָב איך קעגן דעם אויך אַ פּעטנט; כדי צו פאַר־היטן, אַז די זעלנער זאָלן זיך אַלײן ניט שיסן, וועלן מיר מאַכן, אַז אײדער אַ סאָלדאַט וועט אַרויס אויפן שלאַכטפעלד, זאָל מען אים פאַרבינדן די הענט פון הינטן.

2.

— איך האָב אַ פיינעם פּעטנט קעגן די סובמאַרינס! — האָט געזאָגט לייזערליע.

— אַשטייגער?

— זייער פּלעין. די סובמאַרינס גייען אונטערן ים. ריכטיק, צי ניין?

— ריכטיק.

— ווען ניט דער ים, וואָלטן די סובמאַרינס געווען קאַפּוט. ריכטיק, צי ניט?

ריכטיק.

— אויב אַזוי, — מאַכט לייזערליע, — האָב איך אַ פּעטנט, וויסנזי, מ׳זאָל — הערצמאַכויס מיט קאָפּ! — מ׳זאָל מאַכן אַ לעכל אין ים און אַרויסלאָזן דאָס וואַסער און דאַצאָל און האָצמאַ אַ גוטן טאָג!

3.

— כ׳האָב אַ פּעטנט -- איינס אין דער וועלט!

-- למשל?

-- הערנזי, צו וואָס דאַרף מען שיסן מיט קוילן ענד שראַפּנעלן ענד די אַלע זאַכן ענד מאַכן וואונדן, וועלכע מ׳זאָל נאָכהער בידאַרפן פאַרבינדן מיט וואַטע. — אַ מער לאָז מען שיסן דירעקט מיט וואַטע און שוין... עט׳ן זיך איינשפּאָרן אַלע טראָבלס! שרייבן זי וועגן דעם צום פּרעזידענט ווילסאָן. כ׳בין שור אַז ער ט׳אָננעמען מיין פאַרשלאָג און האָבנזימיר אַ גוטן טאָג!

(ט. 1916).

דער ליטעראַרישער העלד

(אַ פאַבל)

אַמאָל איז געווען אַ וואָרים, און דער וואָרים איז ווי אַלע ווערים געווען אַ „טיפער גריבלער” אַ געוואַלדיקער סקעפּטיקער.

— מענטשן גייען אויף די פיס — פלעגט ער זיך באַקלאָגן פאַר די עלטערע ווערים — דערפאַר ווייל זיי זיינען צו פויל צו קריכן אויף די בייכער. דאָס איז אַ סימן, אַז די וועלט גייט קאַפּוט.

— די מענטשן טראָגן לעדערנע פּאָדעשוועס, דערפֿאַר ווייל זיי האָבן מורא מיר זאָלן זיי ניט בייסן! — פּלעגט ער זיך אויף ווערים־שפּראַך באַרימען פֿאַר זיינע לאַנדסלייט און באַקאַנטע.

איינמאָל בעת דער וואָרים איז געקראָכן מיט זיין כלה, האָט ער דערזען אַ ריזיקע מאַשין מיט צוויי פלאַקערדיקע „אויגן", פאַרביי־פליען לעבן וואַלד, וואו עס איז געלעגן דאָס „בלעטל" אונטער וועלכן ער האָט געוואוינט.

— האַלט! — האָט דער וואָרים אויסגעשריען, און זיך צונויפ־געצויגן פֿאַר שרעק אין אַ באַהלעטעניש.

אַז דער לאָקאָמאָטיוו איז פֿאַרשוואונדן, איז דער וואָרים אַרויס־געקראָכן פון זיין גריבל און אויסגערופן שטאָלץ:

— פּחדן! ער איז אַנטלאָפֿן פֿאַר מיר!

(ק. 1916 א. פ. „רינאלדא").

פיזיקל קאַלטשור

(אַן אָפּטיילונג פאַר די לערעס פון געזונט, שיינקייט, חן, גראַציע, לאַנג לעבן און אַנדערע קליניקייטן).

ווי הויך זאָל אַ מענטש וואַקסן? ווען זאָל ער אַנהויבן און ווען אויפהערן?

ווי הויך זאָל אַ מענטש וואַקסן? דערויף איז לייכט צו ענטפערן — ביז אונטער דעם קאָפּעליוש! מענטשן וואָס וואַקסן אַרויס פון זייער אייגענעם קאָפּעליוש זיינען על־פּי־רוב אומנאַרמאַל, אויפגערייצט און בייז. דאָס קען מען אָמבעסטן באַמערקן, ווען מען זאָל פּריוון זיי איינשניידן אין אַן אויער אָדער אָפּבייסן אַ נאָז. אַזעלכע מענטשן ווערן שרעקלעך אויפגערעגט פון אַזעלכע זאַכן און מאַנכעס מאָל קענט איר פון זיי כאַפּן אַ פּאַטש אויך.

די אַלטע גריכן האָבן געדענקט, אַז אַ מענטש דאַרף ניט זיין מער ווי מיטל־הויך. אָבער אויך אין מיטל־הויך איז פֿאַראַן דרייערליי קלאַסן: ק ל י י ן מיטל־הויך, מ י ט ל מיטל־הויך און ה ו י ך מיטל־הויך.

צום ערשטן קלאַס באַלאַנגען די וואָס זיינען קליין דערפֿאַר וואָס אַנדערע זיינען העכער פון זיי; צום צווייטן קלאַס באַלאַנגען די וואָס

זיינען מיטלמעסיק דערפאַר וואָס אַנדערע זיינען קלענער פון זיי, און צום דריטן קלאַס באַלאַנגען די וואָס זיינען הויך דערפאַר וואָס אַנדערע זיינען מיטלמעסיקער פון זיי.

דער כלל איז: וואַקסט ניט צו הויך! וואַקסט ניט צו שנעל! וואַקסט ביסלעכווייז! וואַקסט מיט אַ סיסטעם! 2 אינטשעס יעדן טאָג (חוץ שבת און יום־טוב) איז „איבערן קאָפּ" פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשן. און אַזוי גיך ווי איר האָט דערגרייכט אַ געוויסן פונקט, וואָס איר קענט שוין בשום אופן ניט גיין העכער — בלייבט שטיין. גייט ניט ווייטער. גיט אַן אַנדערן אַ טשענס!...

ווען זאָל אַ מענטש אָנהויבן וואַקסן און ווען אויפהערן? —

וועל, נאָך אונזער מיינונג, דאַרף אַ מענטש אָנהויבן וואַקסן אַ פּאָר יאָר אײדער ער ווערט געבוירן, ווייל דעמאָלט האָט ער געווינ־לעך מער צייט זיך אָפּצוגעבן מיט דער דאָזיקער אַרבעט און אחוץ דעם וועט מען אים שפּעטער ניט קענען אויפוואָרפן, אַז ער איז געוואַקסן „דורך קינסטלעכע מיטלען", וואָס דאָס איז אַ גרויסע בושה.

נאָך בעסער איז איר זאָלט לאָזן אייער טאַטן וואַקסן פאַר אייך. אַלץ וואָס אייך וועט דאַן איבערבלייבן צו טאָן איז זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און קוקן ווי דער טאַטע וואַקסט.

דאָס איז אַ לייכטע אַרבעט און פאָדערט ניט קיין שום אָנשטרענ־גונג. אין דער צייט, וואָס דער טאַטע וואַקסט, קענט איר דערווײלע שפּילן אַ פּאָוקער, גיין אין מואווינג־פּיקטשורס, פאַרברענגען זיך אין די פּאַריזער שאַנטאַנען, אין ניו יאָרקער טשיינע־טאַון אָדער אין אַן אַנדער ניצלעכן אַנשטאַלט...

אויב איר קענט זיך ניט העלפן און מוזט שוין אַליין וואַקסן — טוט עס ביינאַכט, ווען קיינער זעט ניט און דייט פאַרזיכטיק ניט אויפצואוועקן אייערע שכנים. לאָזט אַראָפּ די פאַרהאַנגען, פאַרריגלט די טיר, לעשט אויס דעם לאָמפּ און וואַקסט — שטילערהייט!...

(ס. 1911).

אינטערוויו מיט ה. ד. נאַמבערג

געטראָפן האָב איך אים אין ליטעראַטן־קלוב טרינקנדיק טיי פון אַ טעלערל.

— העלאָו, פריינט נאַמבערג! — האָב איך אים באַגריסט, — וואָס הערט זיך נייעס?

— ווער זענט עץ? — שטעלט ער אויף מיר אויס די אויגן, גלייך ער האָט מיך קיינמאָל ניט געזען.

— אָ, אַנטשולדיקט! — זאָג איך — איך האָב געמיינט, אַז עס איז נאָך פאַר אייער ערן־אָוונט!

— נאַין! שוין נעכטן געווען! — ענטפערט ער קורץ און וואַרפט אַמאָגער גמילת־חסד בליקל אויף מיר און אויף מיינע שיך.

— אויב אַזוי, — זאָג איך, — קענען מיר גלייך צוטרעטן צו ביזנעס!

ביי דעם וואָרט „ביזנעס" האָט זיך נאַמבערג פאַרכלינעט מיט אַביסל טיי און איך האָב אים עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד געמוזט קלאַפּן איבערן נאַקן. איידער ער האָט געקענט אַרויסברענגען די ווערטער:

— אַי מאַנע דראַסיק פּרוצענט!

— וואָס פאַר אַ „דראַסיק פּראַצענט"? — מאַך איך זיך טאַמע־וואַטע.

— אַט די דראַסיק פּרוצענט וואוס מיסטער עטקין פון „פאַר־ווערטס" האָט גענומען פאַר אַ פּאַזוואָלעניע פאַר מאַן ערן־אָוונט אין דער קופּערנער יוניע...

— איר מיינט מסתמא קופּער יוניאָן? — האָב איך אים גע־פּרואווט פאַרבעסערן.

— נייך, — זאָגט ער, — איך מיין די יוניע פון די קופּערנע שטערנס, די „פאָרווערטס"־לאַט...

— וואָס הייסט? — פאַרשטיי איך ניט וואָס ער מיינט, — דער „פאַרווערטס" האָט דאָך אייך „געבומט" און „געפּושט" און אַד־ווערטייזט און געקלאַפּט און געפּויקט וועגן אייער אָוונט... און פאַר־געסט ניט, אַז דאָס האָבן זיי אַלץ געטאָן אויס ריינער ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור.

דאָן האָט ער אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

נאַמבערג האָט מיך אַ ווײַלע געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

— מיסטער נאַמבערג, איר לאַכט ? — מאַך איך אים אויפמערק־זאַם אויף דעם פאַקט.

— יאָ, זאָגט ער, — עך לאַך מיט יאַשטשערקעס ! באַרעכנט נאָר — מאַכט ער — די חוצפה צו נעמען דראַסיג פּראָצענט פאַר דער ערע צוצוטיילן ערע אַ אידישן שרייבער !... אין האַנט די „אַדווער־טייזמענטס" אין „פאָרווערטס" האָבן דאָך מיך אָפּגעקאָסט אַן עשירות !...

נאַמבערג האָט געוואָלט אַרויסברענגען אַ שאַרף וואָרט אויף דער „פאָרווערטס"־חברה, אָבער גליקליכערווייז האָב איך אים באַצייטנס פאַרשטופּט דאָס מויל מיט אַ שטיקל צוקער

— זינדיקט ניט, מיסטער נאַמבערג ! — האָב איך אים געטרייסט,

— איר האָט נאָך אָפּגעשניטן ווי אַ פריץ ! וואָס טוט איר — זאָג איך

— אַז עטקין הייסט זיך געבן 99 פּראָצענט און איר מוזט אים נאָך געבן פּעטש, אַזוי ווי רייזען האָט געטאָן. דערויף — זאָג איך — איז עס דאָך אַן אידעאַל... און פאַר אַן אידעאַל זיינען די „פאָרווערטס"־לייט גרייט צו לאָזן אייך ספּענדן די לעצטע פּעני...

— וואָס איך וואוס ! — מאַכט ער און כראַמטשקעט דאָס שטיקל צוקער, — פאַר די לומפּיקע דרײַ הונדערט טולער האָצעך מיר אוסער ניש' געלווינט צו ליגן באַהאַלטן די גאַנצע צאַט אין שטי־עב און מורא הובן זיך צו וואַזן אין גאַס, — טאַמער וואוס ? ס'וועט קאַליע מאַכן דעם „צוקסעס" — ווי איר רופט עס — פון מיין ערן־אַוונט !...

— אָבער דערפאַר, — זאָג איך, — האָט איר דאָך געהאַט אַזאַ מ אַ ר אַ ל י ש ן דערפאָלג ! שטעלט זיך פאַר וואָס דאָס הייסט,

— זאָג איך, —אַז פּענקין אַליין איז געווען דער טשערמאַן אויף אייער אָוונט ! ווייסט איר, — זאָג איך, — וואָס דער מאַן האָט אויפ־געטאָן פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

— נאַין ! — זאָגט ער.

— איך א ו י ך ניט ! — זאָג איך.

נאַמבערג האָט ווידער איבערגעגאָסן אַבסיל טיי פון גלאָז אין טעלערל און מיט אַ טאָן אין וועלכן עס האָט געקלונגען די זעלבסט־באַרימעריי, וועלכע איך האָב אַזוי ליב, האָט ער געזאָגט :

— וואַיסט עץ, אַז מי האָט מיך שוין צום צוואַיטן מול דערקלערט פאַר אַן אידיאָט ? ציין ערשטן וויליאַמס פון עליס איילענד און איצטער שין יאַנאָווסקי אויף מאַן ערן־אָוונט...

— טאַ־קע ? — זאָג איך, — אויב אַזוי דאַרף איך דאָך שוין איצט זיין לייכט צו קריגן אַ דזשאָב אין „פאָרווערטס״ !

— יאָ ! — מאַכט ער טרויעריק, — אָבער קאַהאַן וואַיסט דאָך, אַז שין יאַנאָווסקי איז אַ בלאָפער !...

— דאָס איז בלאָטע ! — זאָג איך, — הלמאי דער עולם האָט אָפּלאָדירט דעם מאַן וואָס האָט אויסגערופן „ליגנער !״״ אין דער צייט ווען קאַהאַן האָט דערקלערט אין זיין „ערן־רעדע״, אַז דער „פאָרווערטס״ האָט פאַרפיינערט דעם געשמאַק פון דעם אידישן לעזער. נו, פונדעסטוועגן ? ווייסן מיר ניט, אַז קאַהאַן איז איינער פון די פיינסטע און ערלעכסטע מענטשן — נאָך דזשאָרדזש וואַשינגטאָן ?...

— סע קען זאַן ! — גיט ער צו דעם דאָזיקן פונקט, — אָבער דוס וואוּעס יאַנאָווסקי האָט געזוגט אַז די אידישע ליטעראַטור וועט אונטערגאַין, איז זעכער אַ פשאַקרעווסקי ליגענט !...

— פון וואַנען דרינגט איר עס ?

— וואַל אַזוי לאַנג — מאַכט ער — ווי אידן וועלן לעבן, וועלן אידישע שראַבערס שראַבן אין אידיש... און אַזוי לאַנג ווי אידישע שראַבעס וועלן שראַבן אין אידיש, וועלן זיי אַליין לעזן זייערע ווערק, — וועלן שוין ממילא אַ ל ע אידן לעזן אידיש.

איך האָב אים געגעבן אַ קוש אויפן שטערן, פונקט הינטער דעם לאָק.

— נו, און איר בלייבט שוין אַן אַמעריקאַנער ? — בין איך נייגעריק צו וויסן.

— נאַין ! — ענפּטערט ער קורץ.

— וואַרום ?

— וואַל, דו איז נישטאָ קיין חברשאַפט צווישן די שראַבערס... קאָן האַרמאָנישער געפיל... קאָן ליידנשאַפט, קאָן אינטערעס צו דער ליטעראַטור, און יעדער וואוס קען נאָר אונשרייבן אַ פור שירעס, האַל־צעך פאַר אַ גאַנצן קנאַקער און עס שטאַיט ניש׳ אָן זאַן טאָטן צו ריידן צו די אינגערע קאָלעגן.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגער אידישער פאָעט און אונז האַרצלעך באַגריסט.

— פּפאָאָה, — מאַכט נאָמבערג נאָכדעם ווי יענער איז אַוועק, — אַזאַ שלעפער וואוס האָט נאָך ניש׳ געהאַט אפילו אַין

ערן־אָונט, איז אויך אַ מעמבער אין קלוב און האָט נאָך די חוצפּה מיך צו באַגריסן. כ'זוג אַהך...

איך האָב אים געוואָלט באַרואיקן, אָבער נאָמבערג איז געוואָרן אַזוי צעקאָכט, אַז אָנשטאָט צוקער האָט ער אַריינגעוואָרפן אין זיין גלעזל טיי עטלעכע ווייסע דאָמינאָס און זעענדיק אַז זיי „צערונען" זיך ניט, האָט ער מיט כעס אַ וואָרף געטאָן דאָס לעפעלע אויפן פּרעזידענט פון קלוב און איז אַוועק אין שלומס קאַפע זוכן זיינע „פּראָהנט"...

(ק. 1912).

וועלוול וואָווניקס ווייב...

וויכנע וואַשטאָפּ וויל ווערן וועלוול וואַסערמאַנס ווייב. וויכנע ווייסט, וואו וועלוול וואוינט, וויפיל וועלוול וועגט, וועלוולס וואַרימסטע וואונטשן, ווייל וויכנע וואַשט וועלוולס וואַרעמע ווינטער־וועש.

וועלל, וויל וויכנע ווערן וועלוולס ווירטין, וועלוולס ווייב.

וועלוולס ווילן וואַקלט. וואָס? ווער? ווען? וועמען? — וועלוול וואַרט. וויכנע ווידער ווייס וואָס וויכנע וויל. וואָס וואַרטן, ווען וואַרטן? וויכנע וויל ווערן וועלוולס ווירטן, וועלוולס ווייב.

וויכנעס ווייבער־וואָפן ווירקן. וויכנעס וואונטש ווערט ווירקלעך וואָר. וועלוול ווערט וויכהאַרציק, ווילנלאָז ווי וויכנעס וועש, ווערט וויכנעס וואַש־לאַפּן.

ווערנדיק וועלוולס ווייב, ווערט וויכנע ווילד, ווידערשפּעניק, ווי־דערשפּרעכט וועלוולס ווערטער, ווערט וויטענד, וויינט ווי וואַנזיניק: וועלוול, ווידזשעס!

ווערט וועלוולען ווינד, ווי. וועלוולס ווילן ווערט וואַך.

— וואַרט וויכנע! — וויינט וועלוול — וועלוול וואַסערמאַן וועט ווערן וועלוול וואַסערמאַן! וויכנע, וועסט ווידער וואַשן וועש!

וויט, וויט וואַנדערט וועלוול: וויניפּעג, ווערמאָנט, וויסקאָנסין, וויאָ־מינג ווערן וועלוולס וואוינשטעט. וועלוול ווערט וואַטשמאַן, וואַרים וועלוול וויל ווידער ווידזשעס, וועטשערע, וויל ווידער וואוינען וויך, וואַרעם, וויל ווידער ווייב, וועלט, וואוילקייט.

וויכנע ווידער, וואַרט, וויינט: ווער ווייסט וואו וועלוול וואוינט? וועט וויכנע ווידער ווערן וועלוולס ווייב?!

וויכנע וועלקט וואַרטנדיק, וואַרט וועלקנדיק.

וועי! וויכנע וואַשט ווידער וועלוול וואַסערמאַנס וועש!...

איך ווער
סענטימענטאַל

אַביסל ליריק.
מיין שטעטל. אַ לבנה־נאַכט.
האָפּן־פעלדער.
ס'איז שטיל — שטיל.
די גוטע לייט שלאָפן און חלומען פון אַ גרויס שטיק
ברויט.
און אַ שטיקל פוטער אויך.
ערגעץ אויסערן שטאָט אַרום דעם פאַרוואָרפענעם באַרג
פון ווייסן ליים שטייט דער אַלטער ברונען.
דער ברונען־קאַסטן איז מיט וואַלד־שוואָמען באַוואַקסן!
דער עמער הענגט אין דער הויך אויף דער פאַרראָסטעטער קייט
און פון אים טריפן טראָפּנס אַרונטער.
קאַפּ, קאַפּ!
אפשר האָט זיך דעם ברונענס האַרץ צעוויינט — צו טיף
האָט מען פון אים געשעפּט?
די קאַלטע נאַכט־שטערן אַרט עס ניט —
ווי ס'אַרן זיי ניט די שטילע טראָפּנס, וואָס פאַלן — אין
די פאַרחלומטע נעכט — פון מיין אויג אַראָפּ.
— — — — — — — — — — — — —
אַלטמאָדיש, אָבער — ניט אַלע קענען עס.

דאָס מוטערל ערד

ניט מיין טעמע, נאָר עס מאַכט ניט.
אַביסל ערנסט גיט צו קלאָריט און גוטער טאָן איז האָבן
אַ מיינונג וועגן אונזער אָרדענונג.
האָב איך מיר באַטראַכט די איצטיקע
געשעעניש און אין כעס געוואָרן.
דאָס מוטערל ערד איז מיט יוכע פאַרגאָסן,
ווי אַ צעביילטער חזיר.
צופיל בלוט זויפט די אַלטע — ווערט פעטער און פעטער.

און עפנט ניט איר פייערשפּייענדיק מויל און פרעסט
ניט אויף דאָס מענטשן־געזינדל,
אירע שוויינעץ־קינדער.
קייר ריר טוט זיך ניט — פון מאָראַלישער אַנטריסטונג
— איר פעט לייב.
אומבאַוועגלעך בלייבט איר גרויסער, קאָלאָסאַל־אויסגעזינדיקטער
קערפּער. זי איז אַלט און שוואַך און וויל
פעט ווערן און צוקריגן אַ גוידער אויף די עלטערע יאָרן.
נעמט דאָס מוטערל ערד יואַרימע בלוט־בעדער, און
פעטער און געזינטער ווערט זי פון טאָג צו טאָג.
און טאָן טוט זי דאָס ניט צוליב זיך, נאָר צוליב אירע
קינדער — די מענטשן.
זיי זאָלן האָבן אַ געזונטע מאַמע.
דו שוויניש, שוויניש, שוויניש מוטערל ערד!
דו!

מיין נייער אַנצוג

האָב איך מיר געקויפט אַ נייעם אַנ־צוג, זיך אויסגעפּוצט, אויסגערייניקט די נעגל, אָנגעשמירט די האָר מיט פעטס, זיי זאָלן גלאַנצן, נעם דעם שפּאַציר־שטעקן אין האַנט אַריין און פאַרלאָז מיין פאַרהייראַטע פרוי.

זוך אויס אין נאָטיץ־ביכל די אַדרעסן פון אַמאָליקע געליבטע און גיי.

פרעג זיך אָן ביי שכנים, קלעטער אויפן פּערטן, פּינפטן שטאָק און בין אַנטוישט.

אַרויסגעצויגן.

חתונה געהאַט.

כמעט אַלע פון מיינע געליבטע זיינען מער־וויניקער פאַרהיי־ראַט און יעדע האָט אַ מאַן וואָס קען דערלאַנגען אַזאַ ראָמאַנטישן בחור, ווי איך, פיינע געזונטע פעטש און —

אויסשמירן מיר מיין נייעם אַנצוג.

מיין זומערדיקן.

דריי איך מיך אַרום איבער די גאַסן אַן אויסגעפּוצטער מיט דעם געפּלעקטן שפּאַציר־שטעקן אין האַנט און — לאַנגוויל זיך.

קער זיך אום אַהיים, וואַרף אַראָפּ פון זיך דעם נייעם אָנצוג, דערלאַנג דער קאַץ איבערן קאָפּ מיטן שטעקן און בייזער זיך אויף מיין געזעצלעכער פרוי.

און קען זיך ניט באַרואיקן.

(פון בוך "ווילדע רויזן" ניו יאָרק, 1915).

פערלפלאַפלער

צומביישפּיל:

נאַכטהימל. האַלב־לבנה. בוימער. צווייזאַמקייט. לאַמטערנען. אויגנגליאונג. האַרצגעהאַמער. צײנציטערניש.

ער, און — — — — — — — — — — זי.

ער און — — — — — זי.

ער און — — זי.

ער־און־זי.

אַ באַרזש מיט פורפּורנע זעגלען, וואָס ציטערן אויף אַ פאַרפּומירטן ים, פאַרלבנהט, פאַרזיפּצט. בראַמפנפייערן צעגאָסן. דאָ־דאָרטן. אַנט־בלויזטע פרויען טאַנצן אַרומען בלאָ־פייער און אינגלינגען האַלטן זייערע הענט, ווי פינף־פאַכיקע רייפן אַרום די פרויענבריסט.

אָה, די לאַמטערנען פון פּאַרק — וואָס קענען זיי אויסדיכטן!

זי האָט אים געזאָגט. ס'איז אַ וואונ־דערבאַרע נאַכט היינט. אָבער געמיינט האָט זי.

ער האָט געזאָגט: צוקערמאַנגל, דרייפוס, סאָנעטן, עלף־דער־זייגער. דוד קעסלער. אָבער געמיינט האָט ער.

זי האָט געזאָגט. איר האָט זייער פיינע הענט, אָבער געמיינט האָט זי.

ער האָט געזאָגט: אַייערע האָר זיינען ווי, אָבער געמיינט האָט ער.

זי האָט אַ גלעט געטאָן זיינע האָר און געטראַכט.

ער האָט פעסטער צוגעשפּיליעט דעם זילבערנעם שמעטערלינג צו אירע געבונדענע טויבן, אירע בריסט און געטראַכט.

זיי האָבן גערעדט וועגן אַזעלכע אומשולדיקע זאַכן ווי דאָס וועטער, לעאָן טראָצקי, פּאַלעסטינע, אָבער געמיינט האָבן זיי.
ווייל: ס׳איז געווען בייגאַכטיק און הייס און דער אָטעם האָט זיך געפּלאָנטעט אין האַלז און דאָס בלוט האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין די פאַרזומערטע אָדערן־אַלייען און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. דער האַרצהאַמער האָט געקלאַפּט אויפן אמבאָס פון זינלעכקייט און גראָבע שרפה־פונקען האָבן פון די בלוטן אַרויסגעשפּרוצט.
אָהאָ, ווי האַלפּערין זאָגט, און אָהיי!
אָהאָ פאַר דער מאָראַל און אָהיי פאַר דער טוגנט!
אָהאָ פאַר די אַלע, וואָס טראַכטן ווי קעץ און ריידן ווי פאַרביקע פענצטער־ענגלען פון קאַטוילישע קלויסטערס.
אָהיי פאַר די פערלפלאַפּלער פון נשמה און אָהאָ פאַר די רויזנ־זינגער פון גוף.
וואָרים דער עוואַנגעליקער פון באַהעפטנטום, — מאַכט ער צו מיר, — איז דער ט י י ו ו ל, און ווער סע גייט נישט אין זיינע טריט דער ווערט געשטרויכלט. אַזוי וואָר, ווי מיר האָבן היינט דעם זעקס און צוואַנציקסטן נאָוועמבער, ניינצנזיבעצן! אמן.

דער דעמב און דער שטראָם

ביים לויפנדן שטראָם שטייט אַ דעמב
און שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם פלוס;
און האַרכט מיט גרויס קנאה זיך איין
אין פריילעכן, הילכיקן גוס.

און ס׳טראַכט מיט גרויס קנאה דער בוים:
ווי גוט איז אַ וואַסער צו זיין!
צו זיין אַזוי יונג —אַזוי ווילד,
צו בלאָנדזשען וועלט אויס און וועלט איין.

ווי גוט איז צו זיין אַזוי פריי,
ניט זיין צו קיין וואָרצל פאַרקנעכט;
און טראָגן דורך לענדער גאַנץ ווייט
דעם סוד פון די טעג און די נעכט.

פאַרביי אַ פאַרצייטיקן דעמב
אַ צאַפּלענדיק וואַסער זיך איילט:
און קוקט מיט פיל קנאה צום בוים,
וואָס הונדערטע יאָרן דאָ ווײלט.

ווי גוט איז אַ דעמבע צו זיין!
צו זיין מיט די וואָרצלען באַהאַפט,
וואָס וועבן אין טונקלען פאַר דיר,
און גיבן דיר נחת און קראַפט...

ווי וואויל איז צו האָבן אַ היים,
און האָבן אַ וואָרצל, אַ שטאַם,
ניט ווערן פאַרשלונגען צום סוף
פון טיפן און אייביקן ים...

(פ. א. ש. 1913 א. נ. יצחק רייז).

די אַלטע ערד

איך בענק אַצינד נאָך יענעם שטיקל ערד,
וואו פרויען האָבן בריסט און מאַנסביל בערד.
וואו יונגען זיינען יונג און זקנים — אַלט,
און יעדער אין אַן אומגליק שרייט „גוואַלד".
וואו טייכן גייען שטיל און מענטשן — אויך
און יעדער קען זיין שכנס קוימען־רויך.
וואו גוים מאַדליען זיך און אידן דאַוונען הויך,
וואו יעקב האָט דאָס קול און עשו האָט דעם כוח.
וואו נעכט זיינען צום פאַלן און צום שלאָפן — טעג,
וואו יעדער איד פאַרלויפט דעם צווייטנס וועג.
וואו טייכן זינגען פריי און וואַסער קוועלט פון קוואַל,
און דאָס גאַנצע לעבן ציטערט ווי אַ שטראַל.
איך בענק אַצינד נאָך יענעם שטיקל ערד,
וואו פרויען האָבן בריסט און מאַנסביל — בערד.

לידער פון אַ פאַרהייראַטן מאַן

מ׳דאַרף נישט ברוגז זיין

מ׳דאַרף נישט ברוגז זיין דערפאַר. —
אַ מאַן בלייבט מאַן און פרוי בלייבט פרוי,
און אייביק בלייבט די אַלטע וועלט אַזוי.
אַ מאַן דאַרף זיין — אַ הונט, וואָס לויפט אַרום,
אַ פרוי דאַרף זיין — אַ מלאך גוט און פרום.
אוןביידנס קינדער טיילן זיך אַזוי:
אין ה י נ ט און אין מ ל א כ י ם. ליבע פרוי —
מ׳דאַרף נישט ברוגז זיין דערפאַר!

וועגן דער כתובה

ליין איך מיר די כתובה איבער,
רעדט זיך פון „מזונות״ דאָרטן;
רעדט זיך, אַז דו דאַרפסט צו קענען —
קאָכן, נייען, באַקן טאָרטן.

רעדט זיך דאָרט: איך דאַרף דיך קליידן,
דאַרף דיך שוכן, געבן עסן,
און די קינדער, זאָלן לעבן,
דאַרף מען אויך צו געבן עסן.

רעדט זיך דאָרט, אַז מיר פאַרבלייבן
טיש־און־בעט־חברים תמיד,
לייען איך איבער די כתובה
און עס פאַלט אויף מיר אַן אומעט...

שטילערהייט

זי וואַשט מיר די שניפסן און העמדער,
זי פרעסט מיר די נאָז־טיכלעך גלאַט,

זי גיט מיר צו עסן פון שענסטן,
און גיט מיר אויך ליבשאַפט צו זאַט.

זי זאָרגט פאַר מיין זעל און זי זאָרגט אויך,
איך זאָל ניט פאַרנעצן די פיס,
זי באַקט מיר דאָס לעבן אויף האָניק,
עס איז אַזוי זיס, אַזוי זיס !...

זי ליבט מיך. גאָר פּראָסט און גאָר פשוט
ווי ס׳ליבט זיין שטיק פלייש — האָטנטאָט,
און איך בין באַקאַנט אַלס אַ „מערדער״
און זי איז באַרימט אַלס אַ „גאָט״...

אַ פאַבל

אַ יאַגד־הונט צו פאַרפאָלגונג אָנגערייצט
פון זיין „באַלעבאָס״,
איז פייל פון בויגן
געפלויגן
נאָך אַ האָז.
אין שרעק פון טויט,
פון פלויט צו פלויט,
עס איז דער האָז געשפרונגען.
דאָך דער הונט,
יונג, געזונט,
אַ יונג פון יענע יונגען,
וואָס האָבן האָלד צו וויזן, וואָס זיי קענען —
נאָך אים האָט אַלץ געיאָגט.
און ס׳האָט דער האָז געזאָגט —
(זייענדיק זיבן מייל פאָראויס) :
„איך זע אַרויס —
אַז איך בין גרויס,

און פלינק,
און גרינג
אויף די פיס,
געוויס, —
וועסטו מיך ניט כאַפּן קענען,
דען איך בין אַ העלד
אין אַ האָזן־פעל פאַרשטעלט!"...

אַ פוקס וואָס איז דערביי געוועזן —
האָט זיך געלאַכט
און האָט אַזוי געמאַכט —
צום האָז:
„דיין חוצפה האָט קיין מאָס,
דו קליינלעכער באַרימער!
דער הונט איז תמיד העלדישער ווי דו...
כאָטש ער אַליין גיט צו,
אַז דו געלאָפן ביסט אַצינד גאַנץ שנעל,
דאָך ניט פאַרגעס, דו האָז:
דער הונט — ער לויפט פאַר זיין באַלעבאָס,
און נאָר אויף זיין באַפעל;
און דו, וואָס? דו לויפסט
צו ראַטעווען דיין פעל!..."

(ק. 1911 א. פ. אידא ילדקרויט).

גוט מאָרגן

עס וואַרפט אַראָפּ איר נאַכט־געוואַנט
די וועלט — עס קושט דעם הימלס ראַנד
אַ נייע זון, אין מענטשנס לאַנד
ווינטשט מען זיך:
גוט מאָרגן!

אַ פויגל פלאַטערט און באַגריסט
ס'טונקלע טייכל, איילט און פליסט
אַוועק פון מענטשן אין דער וויסט:
גוט מאָרגן!

עס ציטערט לייכט די ווילדע בלום,
עס זויגט די בין איר האַרצס פאַרפום,
און די וועווערקע שפּרינגט אום:
גוט מאָרגן!

אויך אין פענצטער פון מיין הויז
קלאַפּט אַ שטראַל און רופט אַרויס
אויף גאַטס וועלטל — אַזוי גרויס
אין ליכטיקן פרימאָרגן.

אַ, ליבער טאָג! עס גיט דיר דאַנק
אַ דיכטער, אָרים, מאַט און קראַנק,
און האָפט... און שענקט דיר אַ געזאַנג:
גוט מאָרגן!

(פ. אָ. ש. 13 מערץ 1909 א. פ. „אנא דאנא").

10 מינוט רויִק גערדאַנקען

איך וועל זיך אָוועקזעצן שרייבן, איכ'ל זיך פאַרשמירן די פינגער. צום גוטן יאָר. ווייל די פען רינט. שוויס רינט. בלוט רינט. איך האָב אַמאָל געהאַט אַזאַ אויסדרוק אין מיינעם אַ פעליעטאָן. אַז די צייט רינט. דאָס איז אַ פיינער אויסדרוק. אויס־דרוק. איינדרוק. — איך מאַך זייער אַ גוטן איינדרוק. איך בין זייער אַ גוטער. אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ. וואָס טויג מיר דאָס גאָלד — מיין זייגערל שטייט שוין ווידער. מ'דאַרף עס אָנציען. און גאָלדע שרייבט גאָרנישט. מ'הערט נישט פון איר גאָרנישט. זי שרייבט נישט. איך שרייב.

זי האָט אַ שלאַנקע פיגור. — זייער שלאַנק. שלינגען איין די שלאַנג — איז אַ גוט קעפל פאַר אַ מעשהלע. איך האָב אַמאָל געדעכנט אָנצושרייבן אַ ליד אויף דער טעמע: „קאַרשן, ווייכשל און מאַרעלן". מאַרעלן, קוועלן, טרעלן — דאָס איז צו באַנאַל. באַנער, בענער. פאַר־אייניקט זיך אונטער דעם בענער פון סאָשעליזם. מען מוז, אַלע וואָך פיר אַרטיקלען. און אַמאָל מער. סע קומט אָן לייכט. אַז מע האָט נאָר אַ גוטע פען. אָבער אַז די פען רינט. און מ'פאַרשמירט זיך די פינגער. בלאַסע פינגער לאַנגע. מענטשן מיט טאַלענט, זאָגט פּראָספּער מאַלאַרמע, האָבן געוויינלעך שיינע הענט.

פּראָספּעריטי היי־יאָר. מ'זעט דאָך: עס פאָרן אַזוי פיל מענטשן אין דער קאָונטרי — אויפן לאַנד. איך וואָלט קיינמאָל נישט געשריבן „קאָנטרי", נאָר „לאַנד". אויפן לאַנד. אויף די שטויביקע וועגן. אויף די האָבערפעלדער. קאָרנפעלדער איז שוין צו אַלט. — איך האָב אַזעלכע מאָדנע ווערטער־קאָמבינאַציעס. איך בין אַ שפּראַך מייסטער. וואָס־וואָס אָבער שפּראַך האָב איך. איך בין אַ סטיל־אַנאַרך. איכ'ל נישט שרייבן אַנאַרכיסט, נאָר „אַנאַרך". פּונקט ווי מ'שרייבט „מאָנאַרך". וואָס פעלט מיר? סע פעלט מיר אַ קנעפּל אין זומערדיקן ראָק...

— זומער־לעבן. אַי, די זומערס און די ליבעס, זיי פאַרגייען. פאַרגייען. טראַגיש. ס'וועט נאָך אַמאָל קומען דער אמתער קריטיקער און אַנטדעקן אין מיר דעם טראַגיקער. נאָכאַלעמען בין איך דאָך אַ טראַ־גישע פיגור, און עקסצענטריש, און מיין לאַכן איז היסטעריקע. אַ ריירנ־

דיקע פיגור, און גוט צו יעדן איינעם. יעדער איינער האָט מיך ליב. הער קעלנער — האָט איר נישט געזען מיינעם אַן אָנהענגער? אָנהענגער. הענגער־אָן. האַנגעריע. אונגאַרן. סע גייט זיי אין לעבן די אונגאַרישע צו וויסן צי פראַנץ יאָזעף איז קעניג אָדער קייזער פון גאַליציע. מ׳דרוקט מיך אין קליינער שריפט — אין בראַוויר. ווער ווייסט צי איכ׳ל היינט קריגן אַ סך בריוו. ס׳שיין פאַר דער פרוי אַז מ׳דערהאַלט אַ סך „מעיל״. מעל ווערט שוין ווידער טייערער. מלחמה ברויט. ווילהעלם. די מלחמה צום טייוול. קומען נישט צו קיין נייע לעזער. און ווער ווייסט צי מיין ביכל „ווילדע רויזן״ איז אָנגעקומען קיין רוסלאַנד. זיי וועט עס געפעלן. נאָך דער מלחמה וועט ווערן ביליקער פאַפיר. עס וועלן אַרויסגיין נייע צייטונגען און זשורנאַלן. וועט זיך עפענען אַ ניי פעלד — פעלדמאַנס און בראַנדעסעס. מיר האָבן איבערהויפט ניט קיין גרויסע קריטיקער. די לאַגע איז קריטיש. 184 נייע פאַלן אינפלוענציע. מ׳טאָר נישט צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין מיטן קינד. ווי גאָט וועט געבן! מ׳גיט בלוט. איכ׳ל אפשר געבן בלוט. די צייטונגען וועלן מעלדן: משה נאַדיר, אַ דזשואיש הומאָריסט, גיט זעקס קוואָרט בלוט — זיבן. זיבן איז אַ ליגן. סאַ ליגן פון שלום־עליכמען. שטיל געוואָרן וועגן שלום־עליכמען. געשטאָרבן, מ׳פאַרגעסט. איך דאַרף נישט פאַרגעסן אָנצושרייבן אַ נאַכט מיט דעם גאָטזעליקן. זעליג דער מענטש דער דעם האָפן עררייכט האָט. די ליבע מאַכט מיך גליקלעך. אך! די ליבע מאַכט מיך זעליג. היינע. אין מיינע לידער איז פאַראַן עפּעס היינישעס. דאָס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט אָנגעשריבן: צוויי־ערליי לײדנשאַפטן האָט ער געהאַט דער לירישער היינע: איינע צו פרויען און איינע צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. ציון, ציון, קיין ציון. קיין ציון. וואו די צעדערן בליען. אַלץ בליט. און פאַרבליט. — און דער וואַלד רויטלט זיך מיט קופער. און דער הימל איז אַזוי ניכטער וויס. און די לבנה איז געל ווי אַ לימענע. קאַליפאָרניע פרוכט. ס׳איז נישט קיין פרוכטבאַרער באָדן די אידישע ליטעראַטור. מ׳מאַכט נישט קיין געלט אַזוי ווי ביי די קריסטן. דזשעק לאָנדאָן. „לאָנדאָן מעלדעט״, „לאָנדאָן גלויבט נישט״, „ווין לייקנט אָפּ״. — סע קען אַמאָל אַרויס אַ גוטע הומאָרעסקע. איך בין דורכאויס אָריגינעל. איך שרייב נישט איבער. און איך קוואַטשע נישט נאָך. קוואַטש. עס איז מיר קוואַטש. שוואַם דריבער. נאַ פּיעלוואַט. פּאַן פּלעווע. פּאָן פּלעוועס פּאָליטיק. פּאָם־פּאָם.

פּאַמערן. אומרועז אין פּאַמערן. פּאַמעראַנצן. ציגעלע מיגעלע קאַטינקע. אַ שיין וואָרט פּאַמעראַנצן. אַלץ וואָס ענדיקט זיך מיט „אַנצן" קלינגט שיין. קראַנצן. טאַנצן. און וואו איז וואַנצן? אַן אויס־נאַם. נאַמענסטאָג. דעם קייזערס נאַמענסטאַג. נאַדיר גאַר פּלוצים. נאַ־דיר — זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער גאַנצן אַמעריקאַנישן לעבן — דאָרט אין דער אַלטער וועלט „שלום־עליכם". העפלעך פיין באַ־לעבאַטיש. דאַ — נאַדיר, הפקרדיק. וואולגאַר. וואולגאַר — די וואָלגאַ. וועניז פּאַ מאַטושקע פּאַ וואָלגע. אַ גוטער גראַם צו אַלגאַ — אַ ביזנעס האָב איך! האָניק־לעקעך בווז! זיי מאַכן האָניק! זיי מאַכן האָניק! פון די רוי־טע שטעכערס. די בינען. בינען וואַרפן אַרויס אַ ליידיקגייער פון בינ־שטאָק. פּראַדעל שטאַק — ניו יאָרק האָט די העכסטע געביידעס. איך האָב אַ גוטע פּיעסע. דראַמע. ריינע דראַמע פון ריינסטן וואַסער. זשימנא וואָדאַ. און די רוסן זיינען שוין ניט וויט פון לעמבערג. מלך ראַוויטש שרייבט גאַנץ גוט. מ'דאַרף זיך נישט שעמען מיט אונזער גאַליציאַנער אַרבעט. אַרבעט מאַכט זיס ס'לעבן. מ'דאַרף מאַכן אַ לעבן. מ'דאַרף אַנשרייבן עפּעס אַ גוטע זאַך פאַר אונזער צוויי יאָריקן יובילייִ דעם 5טן נאָוועמבער. דעצעמבער. 1912 — די יאָרן לויפן. די יאָרן פליען. פליענדיקע פאַסט. אָט איז דער בריוועטרעגער. נאַדיר. יעס. — איכ'ל מוזן סטאַפּן און אַרונטערלויפן, אַנטשולדיקט אויף אַ מינוט!...

(„טאָג", ארום 1916)

דער אמת

(פעליעטאָן)

„גענוג געליטן פון דיר!" האָב איך אויסגערופן צו מיר אַליין — „גענוג אויסגעלאַכט און דערנידעריקט אַלצדינג וואָס איז שיין און דערהויבן און ערנסט. נאַ, זע אָקאָרשט וואָס די קריטיק דענקט וועגן דיר". אַרויסגענומען פון קעשענע אַן אויסשניט פון אַ צייטונג, האָב איך פאַרגעלעזן פאַר זיך מיט אַ הויכן קול: „זיין סאָרט שרייבן איז אַ ווילדער, אַן אומגעלומפּערטער... און אפילו זיין געלעכטער אַליין איז ניט קיין ערנסטער... גלאַט אַזוי געלאַכט... קיין איין פּונקט ערנסט... קיין מאָראַל".

„נו, וואָס דענקסטו וועגן דעם, האַ?‟ — האָב איך זיך פאַרגע־וואָרפן — איך האָב דיר געזאָגט‟...

„וואָס האָסטו מיר געזאָגט?‟ האָב איך זיך איבערגעפרעגט.

„אַלצדינג האָב איך דיר געזאָגט!‟ האָב איך זיך געענטפערט, „ערשטנס האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיין אַ מענטש ווי אַלע מענטשן... און צווייטנס‟...

„אָל־רייט!‟ —האָב איך זיך אַליין געענטפערט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, — „ביסט גערעכט! פון היינט מאָל אָן און ווייטער וועל איך ווערן אַן ערנסטער מענטש‟...

„ניט מורא האָבן פאַר קיינעם‟, האָב איך זיך אונטערגעגעבן קוראַזש.

„און זאָגן דעם אמת גלייך אין די אויגן אַריין!‟ — האָב איך זיך אונטערגעכאַפּט...

„און ניט שמייכלען קיינעם‟ האָב איך באַשלאָסן...

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז אַריינגעקומען דער רעדאַקטאָר. ער האָט אויסגעזען זייער ערנסט און פאַרטראַכט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט עפּעס אָנגעשריבן און וויל הערן מיין מיינונג.

— האָסט עפּעס אָנגעשריבן אַ גוטע זאַך? — האָט ער מיך געפרעגט.

— הערט אויס! — האָב איך געזאָגט צו אים — איך ווייס דאָך דעם אמת, אַז איר ווילט מיר עפּעס פאָרלייענען, טו וואָס דרייט איר זיך אַרום ווי אַ הון מיט אַן איי? לייענט און גענוג! — מאַכט ניט קיין פאַררעדעס!

מיין אמת האָט אַביסל געווירקט אויף אים. ער האָט זיך פאַר־שעמט און — באַלד גענומען לעזן מיט אַ געשפּרענקלט קול.

פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אויף מיר אויפגעהויבן די אויגן מיט אַ מין געבעט.

— הערט אויס — האָב איך געזאָגט, מיט אַ גלאַנציקער שטים, אין וועלכער עס האָט געקלונגען דאָס ריינע גאָלד פון אמת — איר מיינט מסתמא, אַז דערפאַר וואָס איר זענט מיין באָס, וועל איך אייך שמייכלען און חנפענען, וועל איך מאַכן מיין צונג צו ריידן פאַל־שקייט, וועל איך בויגן מיין רוקן פאַר אייך און לעקן אייערע פאַנ־טאָפל...

דער רעדאַקטאָר האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט, הפּנים ניט געוואוינט צו הערן פון מיר אַזוינע ווערטער.

יעס! — האָב איך אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש — געגנוג שוין גע־חנפעט...

— אַרויס פון מיין אָפיס! — האָט דער רעדאַקטאָר אַ געשריי געטאָן אויף מיר, און אויפגעמאַכט די טיר מיט אַ פוס.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָב איך זיך צעלאַכט מיט אַ העלדיש גע־לעכטער — איר טרייבט מיך אַרויס, האַ? אָל־רייט, איך גיי... איך גיי... אָבער אידער איך גיי, וויל איך אייך זאָגן, אַז אייער הומאָ־רעסקע איז די בעסטע, די גלענצנדיקסטע, די דערהויבנסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז געלייענט... אַזאַ בריליאַנטקייט פון שפּראַך, אַזאַ רייכקייט פון הומאָר, אַזאַ שאַרפקייט פון סאַטירע, אַזעלכעס טרעפט מען ניט אפילו ביי מאַרק טווין... ביי שלום־עליכמען... אפילו ביי גאָגאָלן אויך ניט... איך גיי!

— זע נאַר, ווי ער לויפט, דער משוגענער! — האָט מיך דער רעדאַקטאָר אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל און ניט געלאָזן אַרויסגיין — איך מאַך מיר אַ וויץ און ער באַליידיקט זיך, דער נאַר!

און מיט אַ זייער ווייכן, פאָטערלעכן טאָן האָט ער מוסיף־געווען: „איך ווייס, אַז דיר איז שווער היינט צו מאַכן אַ לעבן מיט דעם האָנאָ־ראַר, וואָס דו קריגסט, וועל איך דיר פון נעקסטער וואָך אָן געבן אַ הוספה — אַ פינפערל. ביסטו צופרידן? האַ? זאָג דעם אמת!

פון דעמאָלט אָן האָב איך אויסגעפונען, אַז מען קען מיט דעם אמת אויך מאַכן אַ גאַנץ פיינעם לעבן. נאַר וואָס דען? מען דאַרף וויסן ווי אַזוי אים צו נוצן...

2

פון יאָר 1914 ביז 1926

רייזע איבער אייראָפּע
און
דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד

דערקענטעניש און צוגעבונדנקייט

מלחמה-לידער

פון אַטלאַנטאַ ביז קאַמבראַי,
פון ווילנע ביז צום עין,
עס רופט אַ שטים: „נישט לאַז מיין בלוט
אומזיסט פאַרלוירן גיין!“

די בלייכע זעלנער זעט מען ציען
פון טויטנלאַנד אַהער,
זיי זאָגן אָפּט און אָפּט און אָפּט:
„מיר לעבן שוין נישט מער!“

און דורך די נעכט מ'הערט דעם גאַנג
פון פילע זעלנער-פיס,
און עמיץ לאַכט: „אַ, זעט מיין האַרץ
עס גלאַנצט דאָרט אויף אַ שפּיז“.

און יעדע נאַכט און יעדע נאַכט,
פון ווילנע ביז צום עין,
עס רופט אַ שטים: נישט לאַזט מיין בלוט
אומזיסט פאַרלוירן גיין!“

(פּ. אַ. ש. 1916 א. נ. יצחק רייז).

אויף די ווייטע וועגן...

אויף די ווייטע וועגן
זאָלסטו, גאָט, מיך שיצן,
פון די ווייסע שטורעמס
און די בייזע בליצן.

אויף די ווייטע וועגן
זאָלסטו מיך באַהיטן.
אַז מיין לעבן זאָל נישט
ווערן שטיל פאַרשניטן.

אויף די ווייטע וועגן,
וואו די וועלדער טינקלען,
זאָלסטו, גאָט, מיר לאָזן,
כאָטש א י י ן שטערן פינקלען...

אויף די פוסטע פעלדער
טאָמער וועל איך פאַלן, —
זאָלסטו מיינע קרעכצן
לאָזן דאָרט פאַרשאַלן.

זאָל ק י י ן מענטש נישט וויסן,
זאָל קיין מענטש נישט הערן
אַז ווי אַ שטערן וועל איך
שטיל פאַרלאָשן ווערן.

אין ווילדן וואַלד

איך בלאָנדזשע אום
אין ווערטער־וואַלד,
אין ווילדן, וויסטן ווערטער־וואַלד —
בלאָנדזש איך אום.

אַליין אין וואַלד,
אין ווילדן וואַלד,
אין ווילדן, וויסטן ווערטער־וואַלד —
אַ—ל—יין!

נאַראַיעוו

נאַראַיעוס טייך האָט קיין נאָמען ניט
מ׳רופט אים טייך און מ׳קומט אויס דערמיט.
די ערד איז דורכגעווייקט מיט דורות רעגן,
איז דורכגעווייקט מיט זונבלעטער און צוויט.
צעבראָכן איז דאָ אַלץ און קרום די וועגן —
זיי דרייען זיך אַהין, אַהער, און זוכן גאַרנישט ניט.

דער שניי, מיין גאָט, וועמענס שניי איז נאָך אַזוי ריין ?!
כ׳בין אויף חרמון און טשופוט־קאַלי שוין געווען —
ניט מדבר־קרייד, ניט זאַמד, ניט מילך אין אַ מוטערס ברוסט,
ניט רעגן וואָס גיסט, ניט די אייביקייט וואָס פליסט —
קען זיין אַזוי ריין, אַזוי בלאָאיק פישביין —
ניט אפילו דעם הימלס צער אַליין
קען זיין אַזוי צאַרט, ווי נאַראַיעווס ערשטער פראָסט,
מיט שטרוי־וואָנצעס אויף האַרבעדיקער ערד,
ווי אַ ווייסע קאַץ אין שטילן כראָסט . . .
שטראַלנד גאָלד אויף זילבערנעם פראָסט
און פאַרע — פון די קוימענס ווי אויפגעשטעלטע פערד.

פון קלויסטער־שויב אַ מלאך דעם טרומייטער שאַלט
אַ פעלדער־באַרג זיין פליגל הייבט צום וואַלד !
דער וואַלד שטייט יאָזשיק־בייז, פאַרהאַקט
מיט צוקערדיקע צווייגן פאַרזיגזאַגט,
און וועלכע ליבע ! אַ, וועלכע ליבעס
טויבנריין, טרערנשטיל, בענקשאַפט־פאַרביק —
רייסן אַלע סטרונעס פון דיין האַרץ צום שטאַרבן !

און וועלכע ווינטן קויקלען ווייסן דאָרן
צום ווינערוועג, צום לאַכנדיקן צאָרן
פון צווינטערס איינגעשטאָכענע מיט קרייצן
מיט ווינט־וואָרוכעס, מיט שניי־געפלייצן,

מיט גלעקערדיקער טרער פון שלעפּערדיקע גלעק,
מיט גאָלדענע, מיט זילבערנע זעק —
פּאָר קורצע ווינטן אויף ווינטערס לאַנגער פליִיט,
פּאָר באַנגע שטערן אויף דער ערד פּאַרזייט...

וועלכע וואָגשאָל ציטערט אין מיין מאַרך, וועלכע וואָג!
דעביוסי טרוימט זיין צאַקיגן עקלאַג.
אַ טונקלונג פון מיין גוף, אויפגאַנג פון מיין זעל!
גאַגען ברענט די וועלט מיט שוועבלגעל.
ס׳איז וויס ווי מירמלשטיין איינציקער מאַלאַרמעי
און איך און היינע זיינען מיר צוויי...

ס׳לעבעדיקע ליד שטעכט מיין ברוסט מיט מילך
דם ווינטערס ווייסע שוויגן הילכט —

איך קען ניט בלייבן דאָ, אַוועקגיין — אויך ניט
מיין ציגאַרפּאַפּיר מיט בלוט און גאָלד פאַררויכערט
קושט אַש־רויזיק דעם ראַנד פון לעבנס גילזע:
אַ ווייסער זיידע הינטער גרויע מיל־זעק.
די גראַלניע הענגט אַרויס איר רויך — אַ שלאַבריק פענדל,
עס שמעקט מיט „אָט״ דאָס נאַפט־געטונקטע שפּענדל.
דעם הימלס רענדל פאַרלאָשן אין אַ דרימל
די ערד איז לויטערער פון הימל...
אַ רויך, אַ שניי, אַ פליגל פון מיין נעכטן!
געטראָגן האָסטו מיך צו הויכקייט העכסטער.

און איצט איז אַלץ אַוועק — — — —
די יאָרן נייען־צו די וואונד מיט גאָלדענע שטעך.
ס׳ווערט אין חלום זילבער, וואָס אין וואָר איז בלעך.
נאָר איך וואָס לעב ניט וואָר, וואָס לעב קוים־קוים
איך שפּיל מיך אַלץ מיט אַלץ וואָס איז פון שוים.
ביים ים דער שפּריי וואָס זעצט פון שוואַרצן פעלז
ער איז מיין חלומס טיפער ווינטער־פעלץ.

ווי אַ רויער תהום מיט גראָז און בוים באַדעקט
אַזוי מיין אָפענע וואונד וואָס בלוטיקט ווייסע שרעק.
נאָראַיעוו! — — —
גרויע טויב מיינע, וואָס הענגט אין בלויער לופט,
אין מיין טויטן נאָזלאָך וועט בליען נאָך דיין דופט!

ניסים

אַ חנוכה־נס, אַ פורימדיק נס,
אַ נס פון יציאת־מצרים...
און איצטער מיט אָרעמס אויף בוזים פאַרלייגט
מען וואַרט אויף די ניסים די נייע.

מען וואַרט אויף אַן אסתר, אַ מרדכי. מ׳וואַרט —
דער טיראַן זאָל כאַטש ווערן אַנטשלאָפן,
מ׳טראָגט אונטער אויף טאַצן דאָס אייגענע האַרץ
דער טאָג איז — פון גאָלדענעם האָפן...

אַ, ניסים! אומזעבאַרע, ביטערע פיינט,
איך שעלט און פאַרשעלט די געביינען
פון אַלע וואָס לייגן די אָרעמס צונויף
און וואַרטן אויף אייך, אין די שיינען —

פון אַלטן, פאַרגאַנגענעם גלאַר
אין נעפלען פון טויטע געזאַנגען,
ווען וועלף און גזלנים הוליען אין וואַלד
און מעסערס צעהוליטע — בלאַנקען...

וויטאַ

אַ נישט־אָפּגעקילטע נאָך ביסטו אַוועק פון מיר,
מיך געלאָזט אויפן האַלבן בעט
אַ נישט־דערקווילעטער מיט ליבע.

די ערד אין דרויסן איז קאַלט,
דער הימל אין דרויסן איז קאַלט,
נאָר דיין פייער קילט נישט אויף די ליילעכער.

און ברענען ברענט
דער קאַפּקנייטש אויף מיין האַלבן קישן,
וואָס איז ליידיק.

קליין מירטעלע

דו קליין מורטעלע, בלאָנדע, זיסע,
ווי פיין איז דיין ליבע,
איך האָב דיך ליב!

קיין געלט האָב איך נישט,
צו געלט טויג איך נישט,
נאָר צו ליבע.

וואָס־זשע וועסטו טאָן?
וואָס־זשע וועסטו טאָן?

כ׳וועל גנבענען די זון פון הימל,
צעשניידן זי אויף קליינע
רענדעלעך פון גאָלד.

ווען דאָך מער קיין זון נישט זיין,
וועלן מיר ביידע אין בעט —
שלאָפן אויף אייביק־אייביק.

פעניקס

צוועלף מאָל אַ יאָר עפן איך מיינע שליוזן
פאַר דעם לעבנס ענדלאָזע פלוסן.
איך געבויר אַ קינד פון לויטער בלוט
און גאָט זאָגט ווידער „עס איז גוט".

ווי עב און פלוט לויטן שוואונג פון נאַכט
אַזוי דער סוד פון אונזער מוטערשאַפט:
עס ציילט די צייט אין מיר: לעבן־טויט
און יעדן מאָנדהייט שטרייכט זי אונטער — רויט.

ווי אַ פייער ציט זיך פון אַ פונק
אַזוי די זאָם־בלום פון מיין פרוכפּע־רונג.

מיין צער

מיין צער איז געשניצט און געקאַרבט,
מיין צער איז געזילבערט, געבראָנזט,
מיין צער איז מיין זיידענער האַרב,
מיין צער איז אַ קינדישע וואָנס.

מיין צער איז אַ גאָלדן קלאַוויר,
מיין צער איז אַ צירונג פאַר מיר...

ברוגז

איך בין טאַקע בייז אויף דיר,
נאָר פאַרשליסן די טיר —
פאַרשליסטו אומזיסט!

עס ליגן זיך אַריין אין שלום
דיינע צוויי ווייסע טייוואָלים —
רויט־פיסקלדיקע בריסט;
זיי ווילן צישן מיר און דיר
זאָל זיין אָפן די טיר.

ריגל־זשע, ריגל־זשע, ריגל־זשע אויף.
עס איז מיר קאַלט צו שטיין אין הויף;
ריגל־זשע, ריגל־זשע, ריגל־זשע צו.
מיט דיין ליילעך דעק מיך צו.

ווער איז די צייט?

איך אַליין בין די צייט,
איך אַליין בין דער וועג —
איך אַליין בין די גרינגרויע ליפּע,
איך הער אין דער ווייט,
איך הער דורך די טעג
דאָס ליד פונם האַרץ אין די ריפּן.

איך אַליין בין דאָס נייע,
דאָס נייע, וואָס גייט,
איך אַליין בין דער וועכטער פון מאָרגן,
איך קום צו באַפרייען
זיין האַלז פון דער קייט,
אין וועלכער ער ווערט שיר דערוואָרגן

איך אַליין בין עס —דו,
או דו ביסט עס איך,
מיר אַלע — דער וועג צו די ווייטן;
ווער עס טראַכט איצט פון רוען
אויף קילפּרישער ציך
דער וועט נישט צו רוען באַווייזן..

גיל-גלאַן

על־גיל און גיל־גלאַן.
ווער האָט נאָך אַזוינע קלאַנגען געהערט?
נישט קלויסטערס, נישט תפיסות קלינגען
על־גיל און גיל־גלאַן.

נאָר ביי מיר אין די אויערן
איז זיכער פאַראַן:
על־גיל און גיל־גלאַן.

ס'איז אַ ליד פון אַ מדבר,
מיט פלאַמיקע בערג.
און אפשר פון סוחרים
אויף טערקישע מערק.

על־גיל און גיל־גלאַן.
צום טויט איז אַ שפּאַן.

מיינע ביכער, מיינע ליבעס

מיינע ביכער, מייע ליבעס —
אין אָרדענונג.
אַביסעלע צעקנייטשט פון צופיל נוצן,
ביידע נישטיק און אָן זיי נישט צו לעבן.

ביכער מיינע: קיינמאָל נישט באַליידיקטע
פון נישט־באַגערן,
און אויכעט נישט פון זשעדנעם זוכן.

די בלעטער שנייד איך אויף מיט קילן מעסער,
אויפגעמאַכטער בוך,
אויפגעדעקטער בויך,
רייצן נישט מיט מי־יודע־וואָס.

זיי זאָגן שטיל און קלוג „נעם אונז,
לייען אונז אויס, פאַרגעס אונז,
נאָר גלעט אונז מיט דיין קילער האַנט".

איך האָב פּאַר מיינע ביכער, מיינע ליבעס,
קיין שיינע שראַנקען נישט.
פאַרשטויבטע,
צעוואָרפן אויף דער גאַנצער וועלט
זיינען מיינע ביכער, מיינע ליבעס.

און נאָנט מיט מיר,
ווען ווייט פון מיר.

קלוגע ביכער ווייִנען נישט,
קלוגע ליבעס — אויך נישט.

איך און דער ים

עס האַמערט דער מעכטיקער ים
מיט זיין צאָרניקן האַמער,
עס גרייכט זיין גיגאַנטישער גראַם
מיין דערשראָקענע קאַמער.

איך פיל אויף די ווייסלעכע בראַנדן,
דעם רויבפויגלס שרייען, דעם סוירף.
איך שפּיר פון געזאַלצענע זאַמדן
דעם וואַלקן, וואָס שרויפּט זיך אַרויף.

עס סקריפּעט דער דיל אין מיין קאַמער
מיט טריט, מיט פאַרוואַגלטע טריט,
עס האַמערט דער ים מיט זיין האַמער
און איך און מיין האַרץ שלאָגן־מיט.

גרויער ווי ווייס

זינגט יאָ מיינע לידער, זינגט ניט מיינע לידער —
ס'איז סיי ווי סיי אַלץ מיר דערווידער.

ס'האָט עפּעס אַ פינצטערער, פּיטש־נאַסער פליגל
אַ העץ געטאָן מיך שוין גלייך אין מיין וויגל.

ניט ציגן פון גאָלד, ניט פאַוועס מיט קריינדלעך
עס האָבן באַגלייט מיך מיט טענץ און מיט חנדלעך.

אַ קראָ איז געפלויגן ... דאָס טונקלסטע ביטער
אין קרייז פון מיין אָטעם האָט פינצטער געציטערט.

און האָב איך דעם לעבן די ליפּן געקושט,
האָט מיך בלוטיק געשטאָכן זיין וואַנציקער פלוש.

און ווינען? — צו וועמען? — און בעטן? — צו וואָס?
עס פלאַצט שוין מיין חלום, ווי ברעכיקע גלאָז!

אַ וואַלד פוילט פון וויטן — זיין ליכט זאָל מיך פירן?
אַ פּיקהאַלץ פון שרעק קלאַפּט מיר אין געהירן.

כ׳האָב זשמעניעס פון לויטערן גאָלדענעם ווינט
פאַרזייעט. איצט בליען פון גאַרנישט די בינט.

כ׳האָב אַ ווײַנשטאָק געפּלאַנצט צום קינפטיקן מענטש —
צעפּוילט ער, צעפּוילט ער מיר אונטער די הענט.

כ׳בין פאַרלוירן אין מדבר, אַ וועג מוז איך ווײַלן
און עס האַילן די וועלף אין די פינצטערע הײלן.

מײַן פוס קוקט אויף רעכטס און אויף לינקס און בלײַבט וואַרטן ;
כ׳וויל ציען די קניפּלעך, איך וועל אויסלייגן קאַרטן.

כ׳וואָלט ווײַנען געוואָלט, נאָר דאָס איז אַ לעסטער,
אַז מ׳האָט ניט קיין מוטער און מ׳האָט ניט קיין שוועסטער.

ווי אײַנזאַם ! עס ברילט ווי אַ וועלפּין מײַן שרעק,
איך קען דאָ ניט בלײַבן און איך קען ניט אַוועק.

עי כמאַרעס, עי שטורעמס, נו, ברענגט שוין דעם בליץ,
עי, שלאָג מיך אַנידער, דו געטלעכער וויץ !

מאָנקאָליע

איך דאַרף נאָר אַ פרוי, אַ בוך און אַ פאַיקע
און אַביסל דאָרט — עסן . . .
פונוואַנען איך קום, וואוהין איך גיי
קען איך קײנמאָל ניט פאַרגעסן.

הינט האָבן אויפגעהויבענע עקן
און קעץ — אויפגעשטעלטע רוקנס.
צום לעבנס שפּרונג און צום פּרוכפּער —
בוק זיך, האַרץ מײַנס, בוק זיך !

מיין ווילן, אַן אַ שייד אײַנגאַנצן,
שטאַרק נאַקעט און געפּערלעך
זיין שאַרף איז אומפאַרזשאַווערט
פון די לידערנע טרערן.

אויף מיין קאָפּ ליגט דער שניי דער בלויער,
אין מיין האַרץ — די רויטסטע גערטנער
עס זאָל מיר די זעלבסט־ריינקייט, געטרייקייט
ביז צום סוף נאָר באַשערט זיין...

שוין בלאָזט דער ווינט איבערן לאַנד־וועג
דערנבער־רעדער נעמען זיך צוזאַמען
זיי קייקלען זיך, קייקלען זיך ווייט
ביז צו דער שטוב פון מיין מאַמען.

אַ מיין לאַנד, מיין אייגן־אייגן לאַנד!
מיין יוגנט קרוין־שטאָט די פּאַרוואָרפענע!
דיין בייזן וואַלד־בוקעט, דיין שטיינער־קאַם,
וואָלט איך היינט בידאַרפן נאָר...

דיין צאַרטע שפּראַך, דיין דיאַלעקט
דיין „אינך־אַז־מ׳ווימיר־קעמיר"
ניט אין שעקספּירס ענגליש, ניט אין רילקעס דייטש
איז דאָ עפּעס שענערס.

נאָר איצט קלאַפּט אַ האַק איבער דיר, ווי מיר!
מיין לאַנד, מיין ווינקל, מיין ערשטע נעסט־שטרוי
ווען איך זאָל האָבן פליגל, אַזוי ווען איך זאָל האָבן
וואָלט איך אַריבערגעפלויגן, ביי דיר געזעסן שוין...

ווייל וואָס איז מיר געבליבן נאָך, חוץ אַ בעכערל
מיט אַש פון דיינע אויסגעברענטע רויזן?
אַ, נאָך איינמאָל זיך אַראָפּצוקוליען פון דיין טוליע־באַרג
און אין קרומען וויינשל־בוים זיך דעם קאָפּ צעשטויסן!

אַ בלעטל פון זיין לעבן

זיין רבי פלעגט שטענדיק זאָגן: וואָס לערנען מיר פון דעם
און וואָס אַ שטייגער איז דערפון געדרונגען?
און ער פלעגט טראַכטן: די וועלט איז שיין.
אַ שאָד, דער רבי עסט זיך אויס די לונגען.

דער טאַטע פלעגט שטענדיק פרעגן צי כומעשט ער און ראַשיט
אים שיקנדיק נאָך אַ פעקל דרייצענער טוטין,
ער פלעגט בייסן זיך די נעגל און זען ווי שעפעלעך פּאַשען
און מיטן ווייסן שטראָז זיך אָוועקטראַכטן קיין ווין.

„עס וואַקסט אַ כלי״, פלעגן פּאַנפען שכנים
די באָבע פלעגט אים גלעטן די נייע סאַמעט־וועסט,
ביז איינמאָל אין אַ זומער־טאָג אַ שיינעם
איז ער אָוועק קיין בודאַפּעסט.

דאָס בודאַפּעסט פון קערבלעך פּעטע טרויבן
דאָס בודאַפּעסט פון דאַמען מיט ציגאַרן
דאָס בודאַפּעסט פון דימענטענע שויבן
אין לאַנד פון אונגאַרישע פלאַמען און פון באַרן.

דאָרט האָט ער באַגעגנט גאָר די פיינע חברה
וואָס גלויבן ניט אין גאָט, אין קייסער, אין נעגאַטקען
און קיינער האָט אים ניט געקוקט מער אין די זשעברעס
און ער אַליין האָט זיך פאַרטראָגן מיט קינדער פון די יאַטקעס.

האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ היטל מיט אַ דאַשעק
און איבערן דאַשעק איז געוועזן אַ געלבלעך בענדל
און זיי געליבטע האָט איצט געהייסן קאַסיע
און ער האָט שיר־שיר ניט אויסגעביטן ס׳רענדל.

נאָר ער האָט זיך געכאַפּט אַז בייטן הייסט דאָך בייטן
אַ גרויע לאַפּטשע אויף אַן אַלטער שמאַטע

האָט ער זיך באַוואָרנט שוין באַצייטנס
מיט אַן אונטערשלאָק פון סאָפּיזם־וואַטע.

איז אַלץ פאַרהאַלבט געוועזן אין אַ האַלבן בויגן
ווי דער שאַרפער האָרן פון דער ים־לבנה
ער טראָגט אַ קרוין פון בענקשאַפט אין די אויגן,
און אין קעשענע — אַ האַלבע קראָנע.

מיט פּאַווע־פעדערן איז זיין ליד באַצירט, באַציטערט
געהויקערט פון דער לאַסט פון גאָלדענע שוימען
סאיז פיין און בענק ביי אים וואונדערלעך געפליטערט,
זיינע אַלע וועגן — ציטלאָזע, אָן רוימען.

גייט ער איבער דער גאַס ווי איבער הויכע שטרויכלס
הייבט פאַרזיכטיק זיין פוס און זיין מפונק־נעזל,
עס שווימט פאַר אים דער טאָג ווי אַ טערפּקע רויכל
ס'איז שווער צו זען די צייט דורך זיין אויגנגלעזל.

האָט ער געשפּאַנט, געשפּאַנט איבער גאָר דעם וועלטל
דורך בלאָטעס פון קאָנווענץ, אין שיך פון לאַק
(כאָטש שטורעמס האָבן זיך ערגעץ־וואו געשטעלט שוין)
פאַרבראַכט אַ העלפט פון טעג ביים „פּייוו־אָ־קלאַק״.

איז עס אַלץ געגאַנגען ווי געשמירט אַ מזמור
און 5 אידן אין 5 טיילן וועלט האָבן שוין געוואוסט : ער איז ער
מ'האָט אים גערופן : דער דיכטער דער קאַפּריזנער
און וואו מ'גיט'ן אַ קוועטש, הייסט דאָס, גייט אַ טרער.

האָט ער אויף אַלעסדינג מיטן האַרץ געטופּעט
און ווי אַ ווילדער לאָשיק האָט ער די ציין געשטשירעט.
מיט דעם בלאָנדן אומעט האָט ער געשטעלט אַ חופּה
„עה, קלעזמער פלעמט די טאַצן — אַ כאָליערע !״

איבער פעלזשפּיץ צום העכסטן שטיינדל
טויט־גליטשיק איז איעדער טריט געווען,
און פֿאַלנדיק געפּאַלן מיט אַ חנדל
און פֿאַלנדיק זיין אייגן ליד געלעזן...

* * *

יעדער איינגאַנג אין קאַפּע צום „בלאָעם גריינשל"
איז געווען אַן אויפּטריט, מיט פּאַראַדע.
איעדער ציגנביבקע איז געווען אַ ווינשל
יעדער שפּיציק בערדל — אַ שעקספּיר אוודאי.

מיט שטאָלץ פּלעגט ער זיך נעמען אונטערן אָרעם
און טראַכטן: וואָס נאָך עפּעס טוט מען היינט פֿאַר זיך?
ווי די שוואַלב וואָס אויף ווינטער פּליט זיך אָפּ קיין דרום
אַזוי איז ער געפּלויגן — פֿון זיך צו זיך.

„אל תתן לנשים" דעם פּסוק קען ער דווקא
דאָך גייט זיי זיי קלוג אַז די בלוטן יאָגן!
איז ער זיין לאַנגווייל אויף אַלע וועגן מפקיר
אים אַרט גאָרניט וואָס וועלן מענטשן זאָגן.

דאָך די שיפּן זיינע, כאַטש מיט ראָזע זעגלען
קומען פּוסטע אָן פֿון די ווייטע האַפּנס
עס גלאַנצט נאָר אויפֿן טשאַרטער די „גאָלדענע רעגלען",
נישט געבראַכט קיין אימבער, קיין עלפּאַנטבייך, קיין אַפּן...

די מאַסטן זיינע, פֿון צאַנשטעכערס צעבראָכענע
אויף טישלעך קויטיקע אין „קאַפּע־ראַיאַלן"
מיט צענדליק מענטשעלעך צעשפּאָלטענע, צעקראָכענע
אַלס מיט־מאַנשאַפֿט אין די שטורעמשוואַלן...

די גאַנצע וועלט אַ פֿינגערהוט מיט איך־איך,
גיט עמיצער אַ שנאַל נאָר מיט נאָגל,
איז ווערט ער טרויעריק ווי אַ תבואה־טאָל
נאָך אַ שווערן טשוויקעדיקן האָגל.

אַן אָפּענע וואונד — דאָס איז ער אַליין, אַלייענעט,
פאַרפודערט מיט דער בלייכקייט פון זיין לידער־טאַלקע,
און וואו מ׳רירט אים אָן, דאָרטן טוט עס ווי אים
אויף שטעך־בעטלעך וואַלגערט זיך זיין זעל און וואַלגערט...

* * *

וואוהין, וואוהין? קיין ווין, קיין ווין!
די וואונדער ווייטע ווין פון „שאַלע גאָלד״,
ער שטעלט זיין חלום־פּערל מיטן קאָפּ אַהין,
און פאַרקניפּט דעם עק אים אין אַ טראָלד.

היידאַ, ווישטא, וויאָ, פּעגאַזוס!
עס וואַרפט דיר שטיינער נאָך די גאַס... די גאַס.
איז נעם זיך אָן אויפסניי מיט כוח, מיט עזות,
ווייל שיכור בין איך דאָך — ניט פון עפּל־קוואַס...

מיין זעל, מיין האַרץ איז שיכור —
מיט גאָט, מיט מענטש, מיט ליכט פון ווייטע זונען
און ביי דעם אויפגלאַנץ פון דער גאָלדענער ריקע
האָב איך זיך אַליין אויף די קניעס געפונען...

אַ טייך אינדערפרי

דער טאָג האָט איינגעברענט זיין צייכן
מיט פייערדיקן בלייך,
אויף די שופּן ווייסע
פון דרימלדיקן טייך.

עס צינגלט זיך אַ ליכטונג
עס שלוקכצט אָפּ און אויף;
אַלעס וואָס פאַרניכטונג —
געזאַמלט האָט צונויף.

עס גענעצט אין זיין לאַנגשאָפּט
דער זילבערפיש, דער טייך.
מיט פּאַסטאָראַלער לאַנדשאַפט
דער אומעט גיט אַ שמייך.
ס׳איז וועלט און ערד פאַרגענגלעך
דער הימל פליסט אַוועק
און ס׳פליסט אויך זעלבסטפאַרשטענדלעך
מיין עלנט — צו אַ ברעג.

ווי איך, ווי דו

איך בין אַזוי סיוו, גראָד
ווי דו ביסט פינקלדיק,
ווי דו ביסט דער מיף־גאָט
אַזוי בין איך טינקלדיק.

ווי דו ביסט גרויס־געצירט
מיט שווערדן פון זון,
אַזוי בין איך אויסגעשמירט
אין אייגענער וואונד.

ווי דו ביסט לאַנג־דאָעוודיק —
אויף אייביקער אייב,
אַזוי פליס איך שעה׳עוודיק
אין פאַל און אין הייב.

ווי איך ביסטו זונדערלעך
אין שווייגזאַמקייט
ווי דו בין איך וואונדערלעך
אין איינזאַמקייט.

אונזער פאָן

(צום ערשטן מאַי)

עס איז ניט דאָס שטיקל געוואַנט
וואָס פלאַטערט אין מאַי־ווינט,
עס איז אונזער לעבן געמאַטערטס
וואָס שפּאַנט דאָרט פאָראויס און וואָס צינדט.

עס איז ניט קיין לייוונט אַליין
וואָס פלאַקערט אויף ימים פון קעפּ,
עס איז: אונזער בלוט און געוויין
פון יאָך און פון נויט און פון קלעפּ.

עס איז דער פאָדים דער רויטער
פון אונזער געשיכטע פון פּיין,
עס איז אונזער גאַנג צו דעם אויפגאַנג,
דער גאַנג אינם מאָרגן אַריין.

עס איז ניט קיין זייד און קיין לייוונט
וואָס פלאַטערט — אַן אַרבעטער פאָן:
עס איז אונזער כוואַליע פון ליידן
וואָס שטורעמט פון אייביק מאָל אָן.

איז העלער די פאָן צו די ווינטן,
איז העכער דער הימלגעשריי!
אַספאַלט און שטיין זאָל זיך צינדן
פון רויט אויפן גרין פונם מאַי...

פאָרשריט

איבערמאַכנדיק זאַכן
ווערן מיר איבערגעמאַכט!

איבערמאַכנדיק די וועלט
אין וועלכער מענטשן לעבן —
מאַכן מיר איבער דעם מענטש
אין וועלכן די וועלט לעבט.

ביים ים

דאָס אייזערנע רוישן, דאָס שטאָלענע זידן
פון ים
פענעטערירט
מיין האָריזאָנט־ליניִרטן איך
מיט הויט און ביינער שאָרך
אין יעדן וועלט־קיילעך פון נאָמאַדן בלוט
וואָס רוקט אין מיר
די וויזערס פון דער צייט
אַדאָרך.

צו מוטערפערלדיקן הימל
פאָכעט אינם פליגל מיינעם
די לוסט זיך אָפּצובינדן פון דער ערד,
שפריצנדיק אַ שוים פון ליכט
אַרום זיך...

דרימל־סירופּ

פון דרימל־סירופּ שווער קלעפּיק
טאַיעט אַ וואָרט אויף מיין ליפּ;
גרויס און ערדיק און טעפּיק
און קיין צונג האָט דאָס ניט.

אָטעמלאָז ברוין און בלאָ נאָך עטעם
פרייכט דאָס אָן אַ פאָרם,
אור־נייע צונגלאָזיקייט טשעפּעט
די בליצבייטש צום שטאָרם.

מיט בלינדקייט באָרוישט, באַטרונקען
גורל־באַשוואוירן צו דער ערד,
עס האָבן די ספערן די טונקעלע
מיין דאָרשט דערהערט.

אוי, ווי די ליפּן ברענען!
קנוילן זיך צונויף ווי שלענג.
פון וואַנען? וואו אַהין? צו וועמען?
אין אויג איז אַ נאַסער געדרענג.

סעפּטעמבער גאָלד!

סעפּטעמבער גאָלד! ווי קאַלט און דין עס איז,
אַן וואַרימקייט, נאַר צאַרט, און גליענדיק פּיין,
און ווי אַ זונה־בליק אַן לעבנס־פרייד אין זיך
עס פאַלט אין מיין נשמה קאַלט אַריין.

סעפּטעמבער גאָלד! די קראָען באָדן זיך אין דיר
און זינגען זייער איינציק טויטן־ליד;
און איך? איך שיט מיין בליק אויף טויטע פעלדער אויס
און פיל זיך פון דער גאָלד־לאַסט אַזוי מיד!...

לידער און ברויט

איך גיב אייך מיינע לידער,
שענקט אַ שטיקל ברויט!
איך בין שוין אַזאַ מידער —
פון באַרען זיך מיט נויט.

ניט וועלנדיק זיך נויגן
צו שטרויכלונג אויפן וועג —
האָב איך גאָר אויסגעבויגן
מיין קאָפּ אויף קריקצווועגס.

כ׳האָב שוין מער קיין שטאָלץ ניט —
ס׳איז אָפּגעטאָן די ווירד,
כ׳קוק שטום צו די וואָלקנס
איך זאָג זיי „פירט מיך, פירט!“

די פּראַכט איז אָפּגעריטן —
בין ריטער אָן אַ לאַנץ!

און וואָס עס איז פאַרשניטן
ווערט שוין מער ניט גאַנץ...

איך גיב אייך מיינע לידער,
שענקט אַ טראָפּן פריד!
איך בין איצט אַזאַ מידער,
איך בין אַ מידער איד.

בין פאַרברענט פון ווינטן,
באַוויינט פון רעגן־כליפּ;
וואו קיל איך אָפּ די טינטן
פון מיינע מאַנוסקריפּט?

ס'קען צומאָל אַ וואָרעם —
ניט לעבן אָן אַ פריינט,
און איך בין אַזוי אָרעם
עלנט און אַליין!

* * *

איך גיב אייך איידל־ביינער,
גיט מיר ברויט און קוואַס!
עס זאָל כאָטש אונזערס איינער
ניט אויסגיין אין דער גאַס...

פון שטיינער וואָס מען וואַרפט מיר —
איך בויע ניט קיין הויז,
נאָר ויסן זיין דאָס דאַרפט איר —
אַז איינזאַם גיי איך אויס!

עס ווערן לייט אין נאָרדן —
אָפּטמאָל טויט־פאַרשנייט,
און איר וועט מיך דערמאָרדן
מיט פאַרשוויגנקייט...

דאַן וועט איר לעבן העקל
לייגן דעמבע־בלעט,
און קלינגען אויף די גלעקער
דעם טויט פון אַ פּאָעט

די לעגענדע פון כאַנדראַ

די דאָזיקע לעגענדע איז דערציילט געוואָרן צו אַן אַמעריקאַנער מיסיאָנער פון אַ פּאַסטוך־יונג, פון טאָל כאַנדראַ, און איבערגעגעבן געוואָרן פון מ. ע. ווינסלאָו.

1

עס פאַלט קיין רעגן ניט. — — — —

די לאַנגע הייסע שטונדן קריכן שנעקן־פויל,
און פון דעם הימלס־בלייאַסקנד־העלן פייער־קנויל
אַן אויפהער שמעלצט אַראָפּ אַ שטראָם פון רויט מעטאַל,
און שטעלט די פולסן אָפּ פון יעדן וואַסער־קוואַל,
און מענטש און פי — עס פאַלט; פון אַט דער גיהנום־היץ,
וואו ס'איז אַ שטראָם געוועזן ,איצט גלאַצט אַ פעלזן־ריטץ.

און שטיינדלעך גלאַנצן הייס, וואו ס'האָט אַ טייך געלאַכט
און שווער ווי ס'איז דער טאָג איז שווערער נאָך די נ אַ כ ט !

און טשאַטעס קראַנקע וועלף עס פרייכן אין דעם וואַלד,
אַט הויבט זיך אויף אַ וואָלף און טוט אַ ברום און — פאַלט.
און ס'ציטערט יעדעס האַרץ, און יעדער בלוטסטראָפּ טראַכט:
„אוי, שווער ווי ס'איז דער טאָג — איז שווערער נאָך די נאַכט!"

2

דאָך ערגעץ דאָרט וואו שלאַנקע פאַלמען בליען,
דאָרט בליט אורך כאַנדראַס שטאָלץ — אַ מיידל־קעניגין.
איר לייב איז ווייס, ווי שניי, איר אָטעם שמעקט ווי נאַרד,
און ווי אַ טרוים פון גליק, עס איז איר ליבע צאַרט.
און פונקט ווי ס'איז איר קאָפּ פון לאָקן־רינגען שוואַרץ,
אַזוי איז מאַנבלום־רויט איר מיידל־האַרץ.

די שווערד פון דורשט ניט האָט דערגרייכט ביז איר פּאַלאַץ,
דען שקלאַפן טויזנט ציען דורך יעדן מדבר־פּלאַץ

פאַר כאַנדראַס קעניגין צו זאַמלען פעטע פרוכט,
וואָס איז אין גערטנער פיל געוואָרן אויסגעזוכט,
און קלעטערן צום אָרט, וואו פליסיק גאָלד זיך טראָגט
דורך בלויע פעלזן־ווענט, דורך אָדערן פון שטיין,
און ענדלעך קומט אַרויס אי גלימצערדיק, אי ריין...

און אַלעס נאָר פאַר איר, פאַר כאַנדראַס קעניגין,
וואָס פאַר איר הענגל־בעט פיר צענדליק מידלעך קניען,
און שקלאַפן פיל פאַר איר, מיט שוואַנען־פאַכערס שטייען,
און אויף איר ווייסן לייב אַ צאַרטע קילונג ווייען,
און אינדיעס פאַרפום — פון דופטן יעדער מין —
דערגלעט דעם צאַרטן טרוים פון כאַנדראַס קעניגין.

3

און איינמאָל, ווען די קעניגין ביי זיך אין שלאָס
געזעסן איז, באַטראַכט דאָס שויבן־גלאָז,
(דען אַנגעפלויגן איז שוין באַלד די זומער־נאַכט!)
האָט לאַנגזאַם פון פאַלאַץ די טיר זיך אויפגעמאַכט.
— העראָלד?״
— „קעניגין!״

פון פורפור איז זיין קלייד —
דאָך שוואַרץ און טרויעריק איז דער טאָן פון זיינע רייד.
„אָ, קעניגין!״ ער זאָגט און אויף דער קני ער פאַלט.
„אַ שוואַרצער פרינץ אַצינד דיין פרעכטיק לאַנד פאַרוואַלט״.

„אַ שוואַרצער פרינץ?״ זי פרעגט איר בליק אים טרויעריק גלעט.
זי שטרעקט איר סצעפטער אויס און זאָגט: שטיי אויף און
רעט!״

״אָ, כאַנדראַס קעניגין! ס׳אַ בשורה שוואַרץ ווי נאַכט,
וואָס פון דיין פאָלק און לאַנד איך האָב צו דיר געבראַכט;
אָ, כאַנדראַס קעניגין — עס פאַלט דיין פאָלק ווי שאָף!

ס'האָט גאָט אויף אונז געשיקט זיין דורשט־און־הונגער שטראָף.
פיל לעמער ליגן טויט אין הייסן זאַמד פון וועג.
די שאַרפע שווערד פון דורשט, זי הערשט שוין זיבן טעג.
אַ קעמל ליגט פאַרשמאַכט — ניטאָ קיין טרונק צו זעט.
דער וואַסער־גאָט איז טויב צום שטומען אויג־געבעט.
און אוי דער יאָמער־קלאַנג פון טיפער מענטשן־ברוסט
ער לאָזט דעם קלאָגערס האַרץ בלויז אָרימער און פוסט.
דער טויט מיט גרויסע שריט ביי אונז אין לאַנד שפּרייזט אום.
ער קלייבט זיין קרבן ניט, ער קאָסעט אומעטום.
היינט פרי, עס איז אישארד — דער מלחמה־העלד —
געפאַלן טויט פון דורשט — ער ליגט נאָך אויפן פעלד!
דען קיינער האָט קיין קראַפט אַ ריר טאָן מיט אַ האַנט.
דער בייזער דורשט פאַרוויסט און טיליקט אויס דאָס לאַנד!"

די מיידל־קעניגין הערט מערקזאַם אויס און פרעגט:
„ווען וואַסער קאַלט און פריש די בירגער מער ניט קלעקט
וואָס נוצט מען ניט אַ שטראָם פון הויכן הימאַלאַי,
וואו אייביק לייכט אַ קרוין פון גלימצעדיקן שניי?
דען אויך צו מיר, איר ווייסט, פון דאָרטן ווערט געבראַכט
דאָס וואַסער, וואָס נאָך אים אַזוי מיין פאָלק איצט שמאַכט.

— „אָ, קעניגין!" — עס זאָגט מיט טרערן דער העראָלד —
„זיי ווייסן, אַז דיין טרונק עס איז צעשמאָלצן גאָלד!
דען יעדער טרונק, וואָס קומט פון יענעם וויטן קוואַל,
ער קאָסט זיין וואָג אין גאָלד — און טרערן אויך אַ שלל,
און ס'רייכטום פון דיין פאָלק, עס איז שוין לאַנג פאַרשווענדט.
דען טעג, אוי, אָן אַ צאָל די זון שוין גליט און ברענט.
און ס'פאַלט קיין רעגן ניט!"

4

און לאַנג, גאַנץ לאַנג די קעניגין איז יענע נאַכט
געלעגן אויף איר בעט און שטום געוואַכט.
און ווען עס האָט דער טאָג באַוויזן זיך צום סוף,

געפונען אויף איר אויג ער האָט קיין טראָפּן שלאָף.
און ס'האָט די קעניגין צום שטערן־זעער געשיקט,
דען דערנער האָבן לאַנג איר מיידל־האַרץ געפּליקט.

„דו קליגסטער פּרינץ!" צו אים זי האָט געזאָגט —
„דו זעסט אין מזרח דאָרט, ווי וואונדערשיין עס טאָגט?
דאָך ווייס, פאַר כאַנדראַס פאָלק באַטייט עס הונגער־טויט,
דען יעדער שטראַל ער רויבט זיין וואַסער און זיין ברויט!
ברענגט הונגער, דורשט און נויט און טרינקט דאָס לעבן אויס.
און טויט די פּרוכט פון בוים, די פּרוכט אין ערדן־שויס.
און דאָ ביי מיר — אָט זע: די קרוגן שטייען לער!
דו קלוגער מאַן, פאַררוף די קנעכט אַהער
זאָג: „פילט די קרוגן אָן מיט וואַסער פון פאָנטאַן,
און פרוכטן זיסע נעמט פיל ס'איז נאָר פאַראַן,
און האָניק־קוכנס באַקט — און גיט דעם פאָלק פאַר שפּייז".

מיט מילדן זקן־שפּאַט עס קוקט זי אָן דער גרייז
און זאָגט: „אָ, הימל־קינד, דיין גאַנצע האָניק־שפּייז,
ביי כאַנדראַס פאָלק זי וואָלט קיין האַלבע שעה געווערט,
זיין אַפּעטיט זיך האָט געשלייפט אויף הונגער־שווערד,
און ביידע זיינען שאַרף — יאָ, שאַרף און טויטלעך שטאַרק,
און אַלע שטראָמען אויך פון הימאַלאַיען־באַרג,
ווען ס'זאָל קיין טראָפּן ניט אין וועג פאַרגאָסן ווערן,
און ס'זאָל קיין טראָפּן אויך די בייזע זון פאַרצערן,
ווען יעדער קרוג זאָל זיין פאַרזיגלט און פאַרפילט,
קוים פון די טרעגער בלויז ער וואָלט דעם דורשט געשטילט!"...

„איז דען קיין הילף ניטאָ?" — זי פרעגט, לאָזט שטיל אַראָפּ,
ווי אַ פולע זאַנג, איר יונגן, שיינעם קאָפּ.
דער גרייז, ער טראַכט אַ וויילע און ענטפערט אויף צו ענד,
און ציטערדיק ער שפּרייט פאַנאַנד די אַלטע הענט.
עס בויגט זיין קאָפּ די לאַסט — די לאַסט פון עלטערס שניי.
און רעדט גאַנץ שטיל און ווייזט צום וועג נאָך הימאַלאַי:

„ווייט הינטער יענעם באַרג, דאָרט וואוינט דער בייזער „וואַר״ ;
דער גאָט פון וואַסער־קוואַל, פון רעגן אויך דער האַר,
ער זאָגט צום רעגן : „פאַל !״ און ער געהאָרכט און פאַלט !
פון טויזנט אָדערן אויף זיין באַפעל עס קוואַלט
דאָס וואַסער ריין און פריש און בלענדיק, ווי קרישטאַל,
און טייכן גיסט ער אָן, און שטראָמען אָן אַ צאָל.
מען זאָגט : עס צאָרנט אונז אָט יענער וואַסער־גאָט,
אַ גרויסע זינד געוויס ס׳פאָלק באַגאַנגען האָט.

מען זאָגט : אַז קומען מוז אַ מענטש צו אים אין הייל.
און ס׳מוז גרייט זיין אויך דער מענטש צו אָפּפערן זיין זעל...
דאָך ווער האָט מוט גענוג צום „וואַר״ אַהינצוגיין ? —
זיך וואַרפן דער געפאַר, וואָס דאָרטן קען געשען ?״

„ווילט א י ר ניט גיין ?״
נאַאיוו עס פרעגט די מיידל־קעניגין.
„און שרעקט איר זיך, וויזיר — איך גיי מיט איין אַהין !״

די בושה פאַרבט די באַק ביים גרייז־גרויען וויזיר,
אַ בויג, און שוין ער נייגט זיין פוס צום פאַלאַץ־טיר ;
און ווילי־ק טראָגט דער גרייז זיין לעבן איצט אַהין,
דען וואונטש — עס איז באַפעל ביי כאַנדראַס קעניגין !...

5

„עס גייען שווערע טעג, מיט קליינע שווערע טריט,
דאָך — אוי, פון גאָטס שליח קיין שפור נאָך זעט מען ניט !
און „ראַאר״ וואַנדערט שטיל אַרום איר קעניגס הויף
און צו די ווייטע בערג זי קוקט און קוקט אַרויף ;
און נויגט איר דורשטיק אויער צו יעדן טריט און קלאַנג.
פון וואַרטעניש עס איז איר האַרץ שוין קראַנק.
עס שעפּטשעט שטיל איר ליפּ : „ווען קומט ער שוין ?״
און ס׳עכאָ ענטפערט איר : „ווען קומט ער שוין ?״...
און ענדלעך, ווען געמיינט האָט יעדער, אַז געפאַלן
אַלס קרבן איז דער גרייז צום גאָט פון וואַסער־קוואַלן,

עס האָט אַ וואָלקן־שטויב געגענטערט צום פּאַלאַץ,
אַ גרויסער יובל־רוף אין לופטן האָט געפּלאַצט:
„דער וויזיר קומט!“

6

ווען איינגעשטילט האָט זיך די גרויסע יובל־כוואַליע,
געקלונגען האָט אַ מידל־שטים, ווי זילבער העל:
„ברענגט האָפענונג דער גוטער מאַן זיין קעניגין?“

„יאָ, איינע בלויז!“ באַטריבט עס ענטפערט דער וויזיר.
„ניט זאָגן, קעניגין, איך קען די בשורה דיר!
גיי צוריק אין שלאָס און שפּין דיין צאַרטן טרוים,
זאָל שטאַרבן ווער עס מוז — דען העלפן קען איך קוים!“

„דו רעדסט צו מילד! — כ'שווער ביי קרוין און שווערד!
ס'האָט לעבנס שוין געגנוג דער בייזער גאָט פאַרצערט!
און פאָדערט „וואָר“, דער גאָט, אַ מענטש־אָפּער — טו רעדט!
צי וויל ער, איך זאָל ווידמען אים מיין מידל־בעט?
וואָס איז דער קרבן? זאָג!“

„אַ, קעניגין, איין אָפּער בלויז עס ווינטשט דער רעגן־גאָט,
די קעניגין פון כאַנדראַ זעלבסט דעם גרויסן קרבן האָט!
צו אים, פון פרייען ווילן, זי מוז זיך מקריב זיין —
זיך וואַרפן אין זיין טיפער אָפּגרונט־הייל אַריין.
דאַן וועט ער אָפּטאָן גלייך די בייזע שטראָף,
און וועקן יעדן קוואַל, אַט באַלד, פון טויטן שלאָף!“

7

עס זינגט די קעניגין:
„ווי שיין און יונג איך בין! ווי צאַרט מיין טרוים!
און טויזנט וועלטן נאָך עס הענגען אין דעם רוים,
און טויזנט האָפענונגען — זיי בלייבן ניט געוועבט!

די גאַנצע וועלט איז יונג און איך בין יונג אַזוי
און שוין פאַרגיין אַהין, וואו אַלץ איז שטום און גרוי ?...
און זאָל בלייבן דען מיין בעט אָט ווי אַ לײדיק פעלד...
אַ מענטש און ניט געלעבט ס׳מענטשלעכסטע פון וועלט !
און זאָל קיין בחורס קאָפּ זיך טוליען צו מיין ברוסט,
קיין קינד — זיך צאַפּלען אויף מיין שויס ? — איר מוזט,
אַ, געטער, ניט פאַרלאַנגען עס פון מיר !...

און, פאַרוואָס דען איך ?...
אַ, איך בין איינע בלויז און אַנדערע זיינען פיל —
אַ, גאָט !
מיין בוים האָט בלויז איין צווייג. מיין צווייג איין בלעטל האָט...
קיין עלטערן איך האָב — קיין קינד, קיין ליבסטן ניט.
און שניידסטו אָפּ דעם צווייג, אַלץ ענדיקט זיך דערמיט !
דאָך ניין !
יוגנט, ליבע, פריינטשאַפט, ריינע יונגפרוישאַפט —
אַלץ זאַמלט זיך אַהין, אין וועלט־שפּיכלער פון קראַפט,
דער פאַסטוך, ווי דער קריגסמאַן און דער העלד,
דער מירמל־פּאַלאַץ, ווי דאָס פראָסטע לײוונט־צעלט —
יאָ, אַלץ פאַרגייט — פאַרפליסט... דאָס ליד און אויך די פלייט !...
און אַלץ צענאַגט, צעפרעסט דער שאַרפער צאָן פון צייט —
וואָס מאַכט עס אויס : קלענסטער, גרעסטער —
איך בין גרייט !״

8

מיט פורכט עס האָט דאָס פאָלק זי שטיל באַגלייט צום באַרג,
קיין שאַרך האָט זיך געהערט.
די לופט אַליין אויף אָטעמען געווען איז קאַרג...
צוויי אָקסן, ווייס ווי שניי, אין וואָגן איינגעשפּאַנט,
געצויגן האָבן כאַנדראַס קעניגין צום טויטן לאַנד...
אין פאַנצער־שטאָל, באַקליידט עס האָט די קריגס־גוואַרדיי,
באַגלייט די פריסטערין מיט טיפן שטומען ווײ...

אין ווייס געקליידט עס האָבן נוביער־קינדער פיר
די גאָלדענע חופּה הויך געהאַלטן איבער איר...
און דאַן געפאָלגט עס האָט פון יונג־פרויען אַ קראַנץ,
אַ יעדער טראָט — מוזיק, אַ יעדער קער — אַ טאַנץ.

דאָך ס׳פאָלק קיין בליק עס שענקט דעם שיינעם יונגפרוי־שפּיל.
די קעניגין איז איצט אַ יעדנס אויגן־ציל...
און זע! קיין הויך פון שרעק עס פארבט איר באַק איצט בלייך
און שטאָלץ זי האַלט דעם קאָפּ — צו מירמל־זיילן גלייך.
און יעדנס האַרץ עס פילט, אַז זי צופרידן איז
צו שטאַרבן פאַרן פאָלק, און אַז איר טויט איז זיס...
און גרינג — —
און אָט אַזוי עס ווערט דער באַרג דערגרייכט!...

9

צוויי גרעבערס אויף דעם באַרג. דאָרט ווערט אַ גרוב געמאַכט.
אַ קבר, וואו אַ גאַנצן טאָג דער הימל לאַכט...
און בלומען־גאָלד, עס ציטערט לייכט אין ווינט —
און רויזן ליגן דאָרט און ליליען — גאַנצע בינט!

איין לעצטן ציטער בלויז... דעם לעצטן זעגן־בליק —
אַהין צום טאָל... דאָס וויגל פון איר גליק!
אַ בליק פון גליק צום גאַנצן פאָלק געווענדט,
וואָס שטייט פאַרציטערט און עס ברעכט די הענט...

„מעין האַזיר האַר!"*) — אַ שעפּטש... זי ווענדט זיך אום,
און ווי צום טאַנץ זי שפּרינגט אין אָפּגרונט פלינק און שטום...
ס׳איז גרויס און שיין און שטאַרק — אָט יענע געטער־קראַפט,
וואָס ציט אין קבר איצט די ריינסטע יונגפרוישאַפט...
און שטאַרק ס׳האַרץ פון טויט!...

---

*) איך בין גרייט.

10

פיר מיידלעך, ווייס געקליידט, איר קערפּער הויבן אויף,
און טראָגן צו דער זון — צום באַרג צוריק אַרויף,
שטיל זינגענדיק, באַגלייט מיט לייכטן ציטער־טראָט...
אַזוי באַגלייט אַ פֿאָלק זיין שלאָפֿנדיקן גאָט!

11

דאָך פּלוצים — שאַ! אַ רויש זיך טראָגט, מ'הערט אים קוים
שטאַרק ענלעך צו דעם פֿאַלן פֿון בלעטער פֿון אַ בוים!
און לאַנגזאַם וואַקסט דער קלאַנג... ביז ענלעך ווי געברויז
פֿון ווילדן ים עס קלינגט און ראָלט... מער דייטלעך בלויז!
אַ הויכער שלוכץ... אָט ווי אַ פֿלאַם עס שמעלצט אַ פֿרישן שניי,
אַזוי די הערצער האָט געשמאָלצן איצט אַ טיפֿער וויי!
און אָנגעזאָפּט מיט שמאַרץ — עס האָט ווי דונער־קלאַנג
אַ הונדערט־טויזנטפֿאַכער קרעכץ, געציטערט לאַנג...
אַ קרעכץ, וואָס אַלע הימלען האָט צעוויגט,
און האָט אַן עכאָ אין די בערגער ווייט צעשיקט...

און ווידער זיינען אַלע שטיל — און שאַ!
ווי עמיץ מיט אַ שאַרפֿן מעסער, פֿון די ליפּן
אָפּגעשניטן וואָלט —
דעם הויכן יאָמער־קלאַנג... און אויך דעם כליפּ.
קיין עכאָ ראָלט!...
דער וואונדער האָט אַ יעדנס ברוסט פֿאַרפֿילט!
נאָך זיינען ביט פֿון גרוב די טרערן אָפּגעקילט
אַז לאַנגזאַם פֿאַלט פֿון הימל אַ קרישטאָל
אַ רעגן־שפּריץ... אַ צווייטער... און מערער וואָס אַמאָל.

און יעדער טראָפּן בלאָנדזשעט הין־און־הער,
ווי אַ טרער —
וואָס שטייט אין באַנגן אויג, און קלערט וואוהין צו פֿאַלן.
און ענדלעך האָט אין כאַנדראַס טאָל גענומען שאַלן

אַ רעגן־ליד — לאַנגע, קילע וואַסער־שטראַלן!
און ווייט און ברייט געפלאַסן שטאַרק פאַרשייט,
ווי גליקלעך פון דערפון, וואָס ר׳האָט זיך שוין באַפרייט,
אַ יעדער הויז האָט געהאַט זיין שטראַם האָט יענעם טאָג,
און אָפּגעלאָשן האָט דעם דורשט, און אויך די קלאָג —
און הויך עס האָט געשאַלט אַ פרייד פון יעדער ברוסט:
„וואַסער! קאַלט און גליקלעך וואַסער אומעטום!...
דער וואַסער־גאָט איז גוט! די זאַנגען־בלום
וועט בליען צוריק אין אונזער לאַנד. אַ, גליק!...
פון וואַסער־קלאַנג עס גיט קיין רייכערע מוזיק!...
אויף וואַסער־סטרונעס שפּילט ס׳שענסטע בליאונגס־ליד —
און צווישן ערד און הימל הענגט — די האַרף...

12

געוואָרפן האָבן הייסע קערפּערס זיך אין שטראַם,
געהאַלזט זיך און געקושט זיך און געגלויבט זיך קאַם...
אַז דאָס, וואָס איז געשען — געשען טוט אויך איצט...
ווי קינדער, האָבן זיי מיט וואַסער זיך געשפּריצט...
און פיל גערעדט, געלאַכט, געזונגען און געוויינט...
אַ גרויסע פרייד די הערצער האָט פאַראייננט.
און ראַאוס נאָמען קלינגט פון יעדער צונג —
מיט טויזנט הייסע ברכות... אַ יעדער אויגן־פונק
געטראָגן האָט צו איר אַ לויב.
און אַט אַזוי זיך אויסגעוועבט האָט כאַנדראָס קעניגין —
אַ קראַנץ, וואָס אייביק אין די מענטשן־הערצער
בלייבט ער גרין...
און דויערט — ווי לאַנג — עס דויערט אויף דר׳ערד
דער לעצטער שטויב!...

און פיל יאָרהונדערטער עס זיינען שוין פאַרביי —
דאָך יענער שטראַם, ער פליסט אַן אייביקער אַזאַ.

דורך די זיסע טאָלן פון כאַנדראַ...
און ווען אַ מענטשנס האַרץ הויבט צווייפלען אַן אַמאָל,
איין טראָפּן בלויז פון יענעם קוואַל געניגט,
ר'זאָל אויף אייביק צוריק מיט גלויבן זיין באַגליקט!

(פ. אַ. ש., אפריל 1914, א. נ. יצחק רייז).

תאווה

גלאָקן ווי נאַכט-העמט
העמדלעך ווי גלאָקן,
און איך בין שוין אַלט
איך בין אַ זקן.

לאָקן ווי פייגל —
אַ, בלאָנדע גינגאָלדן,
איר האָט זיך צו שפּעט
צום טאַנצן געמאָלדן!

בריסטן ווי זונען
פון אָטעמס פון ראָזע —
איך טראַכט שוין מיין ליד
אַצינדערט אין פּראָזע.

ניט ווענוס, ניט סאַפּאָ
און ניט אַפראָדיטע
קענען שוין רייצן
ביי מיר די געבליטן.

מיין תאווה צו שטרוי־בלאָנד
צו אויגישן בלוי —
זי האָט זיך פאַרוואַנדלט
אין גלוסט נאָכן טויט.

אַ דאַרשטיקער ליידן
אַ שמאַכטיקער ברען —
צום שטילן, צום זיסן
צום ענדלעכן ענד.

גרעסער ווי מאַן־לוסט
צו דעם פאַרניקירן —
עס איז איצט מיין ווילן
דעם גוף ניט צו שפּירן.

זיך אויסצוטאָן נאַקעט
פון וואונד וואָס איז לעבן,
און מער ביי דעם חלום
ניט נעמען, ניט געבן.

האָטעל

אין פאַרהויז פון אַ פרעמדן האָטעל זיץ איך
און רויכער מיין ליולקע.
איך קאָן קיינעם נישט. קיינער קאָן מיך נישט.
צו טאָן האָב איך גאָרנישט נאָר צו זיצן און קוקן
אויף די קאָלירטע פענצטער,
צו הערן געפלויש פון פידלען
און פון שפּאַנגליעס —
אויף קליידער וואָס צעבלישטשען אַלע
זיבן טעמים פון דער זינד.
(זיגזאַגיש ליידנשאַפט פון אונטערקלייד־שפּיצן
לאַנג־שמאָלע ליידנשאַפט פון הויזנטאַשמעס!)

איך זיץ אין גרינלעדערנעם שטול,
אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל פון מירמלשטיין
און אין קאַלאָנעס
פון מוריש שוואַרצגאָלד.

דער מאָזשאָליקא פוסבאָדן שפּיגלט זיך
אין די זוילן פון מיינע נייגעריקע שיך.
איך בין אַן עלנטער, אַ פרעמדער,
צווישן געקוילעטע גענז, פידלען און קורוועס.

תורה און סחורה....

אַז גאָט איז פאַרטיק געוואָרן מיט באַ־שאַפן די וועלט, האָט ער זיך אָפּגעווישט די הענט אין אַ שטיק הימל און געזאָגט:

— נו, איצט, האָב איך שוין אַלצדינג וואָס כ'דאַרף האָבן אויף אויסצולעבן די יאָרן בכבוד און ניט דאַרפן אָנקומען צו די קינדער.

אָבער ווי ווערט מען פּאָפּולער? — האָט ער זיך פאַרטראַכט — אַנהאַ. איך ווייס שוין. מען דאַרף עפּעס אָנשרייבן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער פּלאַן געווען פאַרטיק: ניין, קיין סקיצן אָדער לידער וועט ער ניט שרייבן, ווײַל ער האָט ניט וואו צו דרוקן, דערפאַר אָבער וועט ער אָנשרייבן אַ תורה און זי אַוועקגעבן צו אידן — וועלן זיי אים האָבן צו געדענקען...

ער האָט אָנגעשריבן אַן אויספירלעכע תורה און זי אַוועקגעטראָגן צו „די פעלקער". האָבן די פעלקער געזאָגט:

„וואָס טויג אונז אַ תורה מיט לאַ־תעשהס, מיט שמאָכטעס, אַ מער לאָז ער עס בעסער אַוועקגעבן צו די אידן, וועלן מיר האָבן אַ תירוץ פאַרוואָס זיי צו שלאָגן, און מיר'ן זיך גוט אַמוזירן.

האָט גאָט געזען, אַז „די פעלקער" זיינען גערעכט, האָט ער געשיקט רופן משהן און צו אים אַזוי געזאָגט: „משה", האָט ער צו אים געזאָגט, „העלאָ, האַוואַיע, וואָס מאַכסטו? איך האָב פאַר דיר, מאַכט ער, אַ האַנט־געמאַכטע תורה, נאָך כמעט אַזוי גוט! ווי נישט קיין געניצטע. אויב די ווילסט, מאַכט ער, קענסטו זי צונעמען און זי אַוועק־

געבן צו די אידן. טאָמער נישט, האָב איך צו דיר אויך גאָרנישט, מיר'ן בלייבן, מאַכט ער, די זעלביקע פריינט וואָס געווען, נאָר איך וועל דיך דערהרגענען". און ער האָט זיך גענומען וואַרפן מיט דונערס און מיט בליצן.

— אַלרייט, מאַכט משה, גיב אַהער די תורה, מיט די לוחות, מיט די אַלע זאַכן, וועל איך זיי אָוועקטראָגן צו די אידן.

און ער האָט אַ זיפץ געטאָן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט משה געלאָזט אויסקלעפּן ריזיקע אַפישעס מיט פּיקטשעס, וואו ער האָט מודיע געווען דעם עולם, אַז אין אַ געוויסן טאָג, וועט לעבן דעם באַרג סיני געגעבן ווערן אַ ריזיקע מאָנסטער־פאָרשטעלונג, ס פּ ע צ י ע ל פ אַ ר מ ע נ ע ר — ווייבער וועלן ניט צוגעלאָזן ווערן... אַדמישן פריי... קומט אין מאַסן.

אַז אידן האָבן דערהערט, אַז מ'גיט אַ פאָרשטעלונג ספּעציעל פאַר מענער, און פרויען ווערן נישט צוגעלאָזן, האָבן זיי געסטאַפּט אַ טאָג און גענומען זיך פאַרזאַמלען אַרומען באַרג סיני.

אויפן וועג צום באַרג סיני האָט מען שוין גאַנץ פרי געקענט הערן ווי אידן רעדן צווישן זיך:

— וואָס, זאָגט איר, ר' עליע, צו דעם?... מ'לאָזט דאָך ניט צו קיין ווייבער. אפשר ווילט איר אַ גוטע באַנאַנע?

—אַ דאַנק, ר' מעכיל. דאָס וואָס מ'לאָזט ניט צו קיין ווייבער איז אַ סימן, אַז ס'עט זיין וואָס צו זען. אויב איר האָט אַ גוטן מאַראַנץ, וועל איך ביי אייך נעמען...

— קיין מאַראַנץ האָב איך נישט, ר' עליע. איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסן, צי זי וועט טאַנצן אין געלע פלודערן... אַ גוט שטיקל וואורשט קען איך אייך געבן.

— אַ דאַנק, ר' מעכיל. עס וועט זיין וואָס צו זען... און אָן געלט. נישט אַלע טאָג טרעפן זיך אַזעלכע מציאות. אפשר האָט איר אַ זויערע אוגערקעלע ביי זיך?

— קיין זויערע אוגערקע האָב איך נישט„ ר' עליע, נאָר אַ זויערע טאָמייטאָ אויב איר ווילט... אָט הויבט זיך עס שוין אָן — עס דונערט שוין... לאָמיר זיך האַלטן ביי די הענט, ר' מעכיל... מיר זאָלן זיך נישט פאַרלירן.

באַלד האָט זיך באַוויזן משה מיט די לוחות. עס האָט גענומען

דונערן, נאָך שטאַרקער... און — די אידן זיינען געוואָרן נערוויִיאיש און גענומען שרייען:

— לאָז ער אויפהערן דונערן דאָרטן! לאָז ער בעסער אַרויפּ־שיקן די טענצערקעס. מיר ווילן זיך ענדזשאָיען.

— איר׳ט זיך שוין שפּעטער ענדזשאָיען! — האָט געזאָגט משה — צוערשט נעמט צו די תורה... מיט די שטיינערנע לוחות... ס׳איז מיר שווער צו האַלטן...

נאָר די אידן האָבן זיך אַלץ געטומלט און געטענהט, אַז די לוחות זיינען צו שטיינערדיק פאַר זיי און אַז ס׳איז ניט פּאַר קיין אידישע כוחות אָפּצוהיטן די אַלע „לאס״. האָט משה געזען, אַז ס׳איז שלעכט, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו גאָט, ער זאָל זיי אָנטאָן דעם באַרג אויפן קאָפּ — וועלן זיי ווערן אַנדערע מענטשן...

און אַזוי איז טאַקע געווען: אַזוי גיך ווי די אידן האָבן געזען, אַז מ׳האָט זיי אַריינגענאַרט אין אַ פּאַסטקע, און אַז אָט־אָט דערקוועטשט מען זיי ווי די מייז, האָבן זיי מקבל געווען די תורה באהבה — וואָרים קיין נאַרישע מענטשן זיינען זיי נאָך אַלעמען נישט געווען די אידן!

אַרויף און אַראָפּ

כ׳האָב אויפגעהויבן צו גאָט די הענט
האָט ער מיך נישט דערקענט;

כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דר׳ערד —
האָט זי מיך גלייך דערהערט.

און שטיל און פּראָסט און סתם,
איז פון איר מויל אַרויס אַ פלאַם,

האָב איך מיט פלאַקערדיקע הענט —
זיך ווידער צו גאָט געווענדט.

נאָר גאָט און די ווייסע שטערן —
האָבן מיך ניט געוואָלט דערהערן!

מאַטראָסנליד

אַז שטורעם וואַרפט און ברענט און בייטשט
מיר טאַנצן אינם שטורעמס קנייטש.

מיר זיינען שיפן אויף דעם שרויף
מיר בויגן זיך און קומען אויף.

מיר האַלטן פעסט זיך אינם גריף
פון דער וואַקלדיקער שיף.

שלוכץ פון וואַסער, כליפּ פון פלאַם
פאַר מאַטראָסן אויפן ים.

כוואַליעס צאַפּלען זיך אומזיסט
מיר בלייבן שטענדיק אויף די פיס.

מיר לערנען זיך דעם שטורעמס קונץ,
הוידע, שטורעם, הוידע אונז!

מיר שפּאַנען בלויז די לייוונטס האַרט,
מיר שפּאַנען אָן דעם מוט אין האַרץ.

און קנאַקן אָדערן ווי שטריק —
מיר קערן קיינמאָל ניט צוריק.

מיר זיינען שיפן אויף דער שרויף
מיר בויגן זיך און קומען אויף.

איציק

דער ענגלענדער האָט אַ שטאָט לאָנדאָן,
דער פראַנצויז האָט: „לאַ בעל פראַנס",
זיין הימן אַזוי ווי אַ באַמבאָן —
נאָגט יעדער אין ווערטלעכן טאַנץ.

נאָר איציק פאַרמאָגט נישט קיין הימנע
ער האָט נישט קיין הייליק ליד,
„התקוה" — דאָס קלינגט אַזוי סימנע
פאַר אַ ניט־היסטאָרישן איד...

ס'רעדט ד ע ר, ס'רעדט י ע נ ע ר פון פאַרן
צוריק פוניואַנעט מען קומט.
עס וויאַנעט אין איציקס זכרון
בלויז אַ פאַפירענע בלום...

ר'האָט אַ פידל, אַ פערד און אַ סמיקל,
עס האָט אויך אַ לאַנגע בייטש.
ער לויפט־נאָך דעם גאָלדענעם ביקל
ער רעדט צו אים עברי־טייטש.

דאָס ביקל, ס'גאָלדענע ביקל
אַנטלויפט אַז מען יאָגט אים נאָך,
ער האַלט עס ביים ווידל — צעבריקלט
עס זיך, ס'גיט אים אַ באָך...

דער דייטש יאָהאַן האָט זיין ה י י מ אַ ט
און ללאָיד האָט זיין „פייער־סייד",
איציק ביים טאָג בלויז אַ ניימאַט,
איציק אַ קנעכט ביי דער צייט.

און כאַפּט אים אַמאָל אָן אַ בענקשאַפט
ער גיט אַזאַ וואָרף, אַזאַ מאָסט זיך,
ער בענקט אין דער ברייט אין דער לענגשאַפט,
ער בענקט וואוהין נאָר עס לאָזט זיך...

„איציק, וואָס טוסטו אָבקען?"
כ'האָב היימוויי נאָר כ'האָב ניט קיין היים,
ניט פאַר זיך און ניט פאַר מיין טיאָכקען
און ניט פאַר מיין גרויס געוויין...

פאָלק

(פון פרעמדע קוואַלן)

מיר זיינען צעטרעטענע בלעטער אין וואַלד.
פאָלק!
מיר זיינען דער פרילינג, די גרינונג פון פעלד.
פאָלק!

און זאָל דער אַקער אונזער האַרץ צעררייסן,
זאָלן נויט־ציין אונזער ביסן ברויט צעבייסן,
מיר זיינען יונג,
און אונזער יוגנשאַפט — אייביק.
פאָלק!

מיר זיינען די קערנער פון גרודיקער ערד,
מיר זיינען דאָס זאַלץ פון דער ערד,
מיר ווייסן,
מיר הייסן
פאָלק!

מיר טראָגן דעם נאָמען מיט בלוטיקע הענט,
די פלייצעס געהויקערט, די נאַקנס פאַרברענט,
פאָלק!
מיר ברעכן די שלעכטקייט, מיר טויטן דעם מאָרד
מיט דעם איינזילביקן ברויזיקן וואָרט:
פאָלק!

אַרויס מיט די פויסטן און פויסטיק דיין האַרץ,
פאָלק!
דיין ראַסטיקע שווערד צי אַרויס פון דער שייד,
לאָז בליצן די שרעק און די שרעקלעכע פרייד,
פאָלק!

אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף

וועגן יעקב פּ. אַדלער

איך ווייס נישט,
צי האָב איך דאָס אַליין
אויסגעטראַכט.
צי איז דאָס טאַקע אַן אמתע
מעשה.
איך ווייס נאָר, אַז ס'איז אַ
אַ וואוילע מעשה.
עס הויבט זיך אָן
אין דער שפּראַך פון יעקב פּ. אַדלער:
ס'איז געווען, זאָגט אַדלער,
אין די ערשטע יאָרן פון מיין
אָדלעריי.
איך האָב דעמאָלט געשפּילט מיט אַלע
כוחות,
געאָדלערט מיט דער שוואַכקייט
פון אַ יונג אָדלערל
וואָס לערנט זיך ערשט
פליען,
איבער דער פּאַרביקער וועלט פון
שמינק און פּודער און רכילות
און אַז איך פלעג דערזען אין גאַס, אַ
בליצלאָמפּ,
פלעג איך אונטערשטעלן ס'פּנים,
כדי ס'ליכט זאָל פאַלן אויף מיר,
פערזענלעך.
(באַמערקונג. —
היינט איז דאָס שוין פאַרקערט, היינט

באַלויכט שוין יאַקאָב פּ. אדלער דאָס ליכט
און נישט דאָס ליכט אים!)
און ס׳איז געווען עפּעס אַ שטיק,
דערציילט אַדלער,
אין וועלכן איך האָב
געשפּילט
אַלס „פאַהטער״,
מיט אַ גרויער באָרד און מיט
פאַרוואַקסענע ברעמען,
און מיט אַ יאַרמולקע,
און ס׳איז געווען אַ שרעק אויף מיר
אַ קוק צו טאָן.
און נאָכדעם ווי איך האָב
דערציילט דעם ווערטן פּובליקום
אַז איך בין אומגליקלעך אויף אַלע
אברים,
און אַז מיינע עלפינייננציק קינדער האָבן
מיך פאַרלאָזן,
און דאָס ווערטע פּ. האָט געוויינט
ווי אַ ביבער,
און גענאַזטיכלט אויף אַ הויך
קול,
בין איך אַרויס הינטער די קוליסן
און בין אַנטשלאָפן
געוואָרן.
האָב איך דערזען אין אַ שפּיגל,
עפּעס אַן אַלטן אידן
מיט אַ גרויער באָרד,
און מיט אַ שטעקן אין האַנט,
און מיט רויטע ברעמען,
און אַביסל איינגעהויקערט,
און איך האָב פאַרגעסן אַז איך בין
אין טעאַטער,
און הינטער די קוליסן,

און אַז איך וואַרט אויף מיין
„שטיכוואָרט״.
איך האָב נאָר געדענקט, אַז איך האָב
מיך געלייגט שלאָפן אַ יונגער
מענטש,
מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר,
און מיטאַמאָל בין איך געוואָרן
גרוי און אַלט,
און ס'איז מיך נישט
צו דערקענען,
און אַז מסתמא האָב איך איבערגעלעבט
עפּעס אַ שוידערהאַפט אומגליק,
און איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן
און איך האָב גענומען שרייען:
גוואַלד! און גוואַלד?!!
און טאַקע נאָכאַמאָל
גוואַלד!!
און ס'גאַנצע טעאַטער איז זיך
צונויפגעלאָפן,
און מ'האָט מיך קוים
דערמינטערט,
און אַראָפּגענומען ביי מיר
די באָרד,
און די פּאות,
און די ברעמען,
און די יאַרמולקע,
און דעם וואַטע־האָרב פון דער
פּלייצע,
און איך בין געוואָרן צוריק
יונג,
און שיין,
און ליבנסווירדיק,
ווי תמיד. — — —

אין אַ פילאַדעלפיער רעדאַקציע

אַנטקעגן דעם שרייב הויז
וואו מיר זיצן און דריקן אויס
געדאַנקען,
און מיר שרייבן די גוואַלדיקע
זאַכן,
און מיר דיכטן די באַרימטע לידער
און מיר זיינען אַזוי געמיטלעך
פאַרצווייפלט, זעקס שעה אַ טאָג, —
(טאָפּל געהאַלט פאַר אָווערטיים).
אַנטקעגן דעם נעמלעכן שרייב הויז
איז פאַראַן עפּעס אַ פאַבריק
און אַלע זייגער צוועלף,
ווען די ברילנדע נשמה פון דער פאַבריק
גיט זיך אַ צאַפּל און בלייבט
שטיין,
דעמאָלט קומען אַרויס אַ צאָל
יונגע מיידלעך,
מיט פאַרשלאָפענע געזיכטער
און אַ מידן גאַנג,
און אומעטיקע אויגן — —
פון יעדן אויג שרייט אַ געשטאָרבענע
וועלט אַרויס,
(נאָר קיינער הערט עס נישט.)
פון יעדער ליפּ פאַלט אַראָפּ
אַ שמייכל, וואָס טוט וויי,
(נאָר קיינער מערקט דאָס נישט.)
און שטיל זיצן די מיידלעך
אויף די טרעפּ פון פאַבריק,
און לאַכן נישט,
נאָר זיי זיצן און וואַרטן אויפן
געבריל פון דער אייזערנער חיה,
וואָס וואַרנט זיי, זיי זאָלן

קומען און זיך לאָזן —
צוריק איינשלינגען,
אינם פינצטערן האַלז פון אַרבעט.
און זיך לאָזן צעקייען,
און אויסשפייען,
און ווידער איינשלינגען
און ווידער אויסשפייען.
טאָג איין טאָג אויס. — —
און מיר די נאָבעלע דענקער און
שריפטשטעלער,
זיצן דאָ אַנטקעגן, און מיר
שרייבן די גוואַלדיקע זאַכן וועגן —
אוקראַינע, מאַקעדאָניע, פלאַנדריע,
וועגן באַרג חרמון און דעם טייך חדקל.
אָ, מיר שרייבן אַלצדינג, מיינע ברידער!
נאָר וועגן די יונגע מיידלעך דאָרטן,
אויף יענער זייט גאַס
און וואָס זייבען אונז אַזוי נאָבעט, —
וועגן זיי שרייבן מיר נ י ש ט.
פ א ר ו ו אָ ס ?

נביאים...

...און אַז דעם חכם איז מיאוס געוואָרן צו
אַקערן די ערד,
מיט אַ האָרן, אָדער אַ שטיק האָלץ,
און צו טונקען זיין טעגלעך ברויט
אינם שווייס פון זיין
אָנגעזיכט —
איז ער געגאַנגען און גענומען און
אויסגעגראָבן אַ
גרוב,

און זיך אָוועקגעשטעלט און געשריען:
„אָט דאָ אין דעם גרוב
ליגט אַן אוצר,
אַן אמתער אוצר.
און אויב איר וועט מיר באַצאָלן
דריי און אַ האַלב טולער אַ טאָג,
וועל איך שטיין און היטן,
אַז מ׳זאָל נישט צוגנבענען
דעם אוצר,
דעם גוואַלדיקן אוצר״.
און אַז די מענטשן האָבן דאָס געהערט,
האָבן זיי געזאָגט:
„אָלרייט. מיר׳ן אייך געבן
דריי און אַ האַלב טולער אַ טאָג,
אָבי שטעלט זיך אַוועק
און „וואַטשט״ דעם אוצר,
דעם גוואַלדיקן אוצר,
אַז מ׳זאָל אים חלילה
נישט צוגנבענען״.

און דער חכם איז געשטאַנען מיט אַ
בעזימשטעקן אויף די פּלייצעס,
און געוואַכט איבער
דעם ליידיקן גרוב, —
פאַר דריי און אַ האַלב טולער אַ טאָג.

און אַז אַן אַנדער חכם
האָט גענומען און אויך
אויסגעגראָבן אַ גרוב,
און זיך אַוועקגעשטעלט און געשריען
דורך אַ פּאַפּירענעם טרומייטער:
„גוואַלד! אָט־אַדאָ־אָ־אָ־אָ
ליגט אַן אוצר,
אַ גוואַלדיקער אוצר,

וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס
נישט געזען,
און אויב איר וועט מיר צאָלן
דריי טולער אַ טאָג,
וועל איך מיך אַנידערשטעלן און היטן
דעם אוצר, דעם ריזיקן אוצר.
בלויז דריי טולער אַ טאָג,
באַנוצט זיך מיט דער געלעגנהייט!"

און אַז די מענטשן האָבן דאָס געהערט,
האָבן זיי געזאָגט:
„אָלרייט. שטעלט זיך אַוועק אַרבעטן".
און דער איד האָט זיך אַוועקגעשטעלט
אַרבעטן...
און אַז אַנדערע חכמים זיינען
געוואויר געוואָרן
פון דעם „טריק",
האָבן זיי גענומען און אַרונטערגעלאָזן
די פּרייזן,
און געאַרבעט לענגערע שטונדן.
און ס'איז געוואָרן אַ ריזיקע „ביזנעס!"
און כמעט אַ האַלבע וועלט מיט מענטשן
זיינען געשטאַנען און געהיט —
אוצרות אויסגעטראַכטע,
די וואָס האָבן אַ ל י י ן ניט געקענט היטן
האָבן געצאָלט די וועכטערס —
זיי זאָלן באַוואַכן די אוצרות,
וואָס זיינען נאָך דערווייל —
נישטאָ...
און דאַן האָבן זיך די וועכטער
פאַראייניקט
אין אַ יוניאָן,
און יעדער מענטש וואָס האָט געלייקנט
אין די „אוצרות", האָט געכאַפּט

אַ קנאַק איבערן קאָפּ,
און ער האָט שוין מער נישט
געפּייקנט.
און ציוויליזאַציע האָט געטאָן הערשן
איבער דער וועלט.
אמן!

שלום אַש

עס איז געווען ביינאַכט
און מיר זיינען געפאָרן
איבער דעם בראָדוויייאישן טייל
פון ניו יאָרק.
און מיר זיינען געווען אַביסל
אָנגעשאַמפּאַניערט.
און מיר האָבן זיך געשאָקלט
ווי דער עסטרייכישער
פּאַרלאַמענט,
און אַש האָט געטראָגן אַ ווייכן הוט
אויפן קאָפּ,
נאָך אַ ווייכערן פונק
אין זיין אויג,
און מיר אַלע האָבן גערעדט
וועגן די אַלערלייעסטע זאַכן,
און אַש האָט געזאָגט: „די צעדערן פון
לבנון",
אָדער עפּעס ענלעכס.
און די טרערן־זעקלעך אונטער
זיינע אויגן,
זיינען געוואָרן שווער און זאַפטיק
ווי די וויינטרויבן פון ציון.
און מיר אַלע צוויי האָבן פון צייט צו צייט
געזונגען

וואונדערבאַרע לידער,
וואָס מ׳דאַרף זיי ערשט
פאַרפאַסן.
און אַש האָט זיך אַרויסגעבויגן
פונם טאַקסי און פאַרלוירן
דעם קאַפעליוש,
און איך האָב געזאָגט: אַש, גיי אַרויס
און כאַפּ דיין קאַפעליוש,
איידער ער ווערט אַ זאַך
פון דער פאַרגאַנגענהייט!
אָבער אַש האָט זיך נישט
גערירט פון אָרט.
איז פאַרבייגעגאַנגען עפּעס אַ
דזשענטלמאַן מיט אַ
געלער בלום אין לאַץ און מיט אַ
שטעקן מיט אַ
זילבערן הענטל און מיט אַ
הויכער אונטערנעמונג
אויפן קאָפּ.
און אַש האָט אויף אים אַ געשריי
געטאָן:
— „היי מיסטער, האַיבטס אויף דעם
קאַפעליוש!“
און דער „מיסטער“ מיטן צילינדער,
און מיט דער געלער בלום,
און מיטן זילבערן שטעקן,
האָט זיך דערשראָקן פון אַשעס
טאָן,
און ער האָט גענומען נאָכלויפן
דעם אַנטלאָפענעם קאַפעליוש,
און ער האָט אים נאָכגעיאָגט
צווישן קאַרס און אויטאָמאָבילן,
און מ׳האָט אים שיר
איבערגעפאָרן,

און ענדלעך האָט ער געבראַכט דעם
אָפּגעראַטעוועטן
קאַפּעליוש,
און שלום אַש האָט אים צוגענומען,
און איך געדענק נישט — צי ער האָט
געזאָגט „טהענק יו", צי נישט,
און דערנאָכדעם האָבן מיר
געדריקט אַשן די האַנט,
און פאַרשטאַנען דעם סוד פון זיין
פערזענלעכקייט,
און פאַרוואָס
אפילו פרעמדע מענטשן
מוזן לויפן כאַפּן —
זיין קאַפּעליוש,
ווען ע ר באַפעלט.

ווילדע רויזן

די ליבע, ליבע!

אַ נויטווענדיקייט איז זי געוואָרן, די ליבע.
אַ נויטיקייט ווי ברויט און גוטע, פרישע לופט.
נויטיק איז געוואָרן די ליבע און — ביליק.
פון אַלע דעכער פייפט אַרונטער די ליבע.
פון אַלע זשורנאַל־פּאַדערבלעטער שרייט אַרונטער די ליבע.
אויף אַלע מאַרקן האַנדלט מען מיט ריינער ליבע.
מיליאָנען דיכטער באַלידלען די ליבע און מאַכן דערפון אַ לעבן.
אַמאָל איז די ליבע געווען אַ לוקסוס, היינט איז זי אַ באַקוועמלעכקייט.
אַמאָל איז די ליבע געווען אַ זינד, היינט ווערט זי פּראַקטיצירט אפילו צווישן געזעצלעכע מאַן־און־ווייב.
גיט מיר צוריק — אַזוי רוף איך מעשה נביא־דע־לוקס — גיט מיר צוריק יענע צייטן ווען ליבע איז געווען אַ שטילע, זינדיקע און

פאַרשוויגענע אומבאַקוועמלעכקייט, און איך וועל אייך מוחל זיין אַלע באַקוועמלעכקייטן פון דער מאָדערנער ליבע.

מאַכט צוריק די ליבע פאַר אַ לוקסוס, בעט איך אייך, און נישט פאַר קיין נויטיקייט פאַר אַלע באַלמעלאָכעס און צייטונגשרייבער.

לייִדיק פּאַפּיר

פאַר מיר ליגט אַ ריינער בויגן פּאַפּיר.
ריין — ווי אַן אומשולדיק מיידל.
איך וועל אים פאַרשמירן און באַשמוצן.
און פיל נאַרישקייטן באַגיין.
אויף זיך אַליין שטיינער וואַרפן.
און דאָס הייליקסטע וועט דאָך אין מיר בלייבן.
וועל עס אויף דעם פּאַפּיר ניט אַרויסהויכן.
אָרים, אומשולדיק פּאַפּיר!
אויף דיר האָט מען געקענט שרייבן שיר־המעלותן.
אָדער ברית־קאַרטלעך.
און לייט זאָלן נישט האָבן צו רעדן,
און די ליבע פּרעסע זאָל נישט זיין אויפגערעגט
און די קריטיקער זאָלן זיך נישט ערגערן.
נאָר איך נעם נישט אין אָנבאַטראַכט.
האָב עס קיינמאָל נישט געטאָן.
מיינע נאַרישקייטן האַלט איך פאַר זייער וויכטיק.
באַגיי איך זיי.
שרייב איך זיי אויף.

איר אַלע דאַרטן

ס'הויבט זיך שוין ווידער אָן!
פאַרזאַמלט זיך מיט נאַטיצביכלעך און פאַרצייכנט.
און שרייבט עס איבער אין אייערע בריוו צו אייערע געליבטע.

די רויז, מיינע טייערע, באַשיצט זיך מיט אירע דערנער וואָס צעבלוטיקן די הענט פון אַלע וואָס האָבן שלעכטע כוונות.

די טשערעפּאַכע האָט איר האַרטע הויט. די קו אירע הערנער. דער וואָלף זיינע ציין. די פליג איר פּייאיקייט צו שטיין הויך אויף דער סטעליע מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַלע גוטע פּרוכטן האָבן אַ שאָלעכץ וואָס איז מער אָדער ווייניקער אַ באַשיצונג. אָבער די פּשוטע און נישט געשמאַקע יאַגדעס שיצן זיך דערמיט וואָס זיי זיינען צ ו פ י ל.

זיי זיינען אַזוי פיל און אַזוי פרייגעביק אַז זיי פאַרלירן יעדן חן, יעדע מעגלעכקייט אָנצורירן די אַפּעטיט־סטרונעס.

דאָס איז זייער נאַטירלעכע פעסטונג, זייער באַשיצונג.

די פּשוטע נישט שיינע דומלעכע, געזונטע פרויען זיינען אין אַ גרויסער צאָל און נישט באַשיצט פון אַ וואונטש זיך נישט צו לאָזן. אָבער זייער צופילקייט איז זייער נאַטירלעכע פעסטונג. זיי רייצן די אַפּעטיטן — נישט מער ווי די יאַגדעס אין וואַלד וואָס וואַקסן טויזנט אויף אַ צווייג...

זשעסטן

איך האָב געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ לוסטיקן מענטש און מען האָט מיר געגלויבט.

איך האָב געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ פאַרליבטן און מען האָט אויף מיר רחמנות געהאַט.

איך האָב געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ פאַרצווייפלטן און — מענטשן האָבן געוויינט אויף מיין אומגליק.

נאָר איינמאָל האָב איך קיין שום אָנשטעל נישט געמאַכט און איך האָב געזאָגט דעם אמת, אַז איך מאַך בלויז אָנשטעלן, ווייל מיין לעבן איז אַ ז ו י שרעקלעך ליידיק (אונטערשטרייכן דעם „אַזוי“, הער שריפטזעצער, דאַנקע!) דעמאָלט האָבן אַלע געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט:

— דער מענטש מאַכט בלויז אַזאַ אָנשטעל!

און קיינער האָט מיר נישט געגלויבט.

פרילינגערײַ

ציפּציף, מאַכט דער פֿויגל. עס איז פֿרילינג.

קוואַל, קוואַל, מאַכט דאָס שניי־וואַסער, עס איז פֿרילינג.

ווינווין, מאַכט דער ווינט, איך ברענג דעם פֿרילינג אויף מײַנע פֿליגלען צו טראָגן.

גרינגריין, מאַכט דער דאָס גראָז, איך רײַס מיך פֿון דר'ערד אַרויס אינאיינעם מיטן פֿרילינג.

צאַרט־צאַרט, מאַכט דער קאַרשנצווײַט, דער פֿרילינג האָט מיר אַ ווײַסן קוש געטאָן.

אַלצדינג רעדט וועגן פֿרילינג. און איך אַליין, גיי אַרום אַ פּאַר־ניויאָרקטער, און איך זאָג צו מיר אַליין: עס איז פֿרילינג, פֿרילינג, פֿרילינג.

אָבער דאָס האַרץ הערט נישט וואָס דאָס האַרץ טראַכט, און די ליפּן אַליין פֿילן אויף זיך דעם טעם פֿון פּאַרוויאָלעטע ווערטער. עס איז אַזוי

ל־אַ־נ־ג־וו־ײַ־ל־י־ק!!

דאָס לעבן זאָל לעבן

(פּעטער אַלטענבערגיש)

דרײַ לידער

ערשט ליד פֿון אַ מוטער בײַ דער וויג פֿון איר קינד:

ליולינקו מײַן פֿייגעלע,
ליולינקו מײַן קינד.
כ'האָב אָנגעוואוירן אַזאַ ליבע,
ווי איז מיר און וואונד.

צווייט ליד פֿון אַ מוטער בײַ דער וויג פֿון איר קינד:
בײַ דײַן וויגל זיצט דײַן מאַמע,

זינגט אַ ליד און וויינט,
אַז דו וועסט עלטער ווערן, מיין טייער לעבן,
וועסטו וויסן וואָס איך האָב געמיינט.

דריט ליד פון אַ מוטער ביי דער וויג פון איר קינד:
בש. בש. בש...

דער קוואַל

איז פאַראַן אַ קוואַל?

אַ קינד קומט צוגיין, וואַרפט אַריין שטיינדלעך, ניין, נישטאָ קיין קוואַל.

אַ דאַמע איז געקומען און געוויינט. ניין, ס'איז נישטאָ קיין קוואַל.

אַ מאַן איז געקומען און געטרונקען — ניין, נישטאָ!

אַ קינסטלער איז געקומען און געזען — און דער קוואַל איז געוואָרן.

אַ הער און אַ דאַמע זיינען געשטאַנען ביים קוואַל.

זי האָט געזאָגט: איך וואָלט מיר געוואונטשן צו זיין דער קוואַל פון אייער גליק, פון אייער נשמה...

ער האָט געזאָגט: איך וואָלט מיר געוואונטשן איר זאָלט אויס־טאָן אייערע שיך און די שטרימפּ און לאָזן אייערע ווייסע פיס שימערן אינם קוואַל־וואַסער.

קוואַל־פילאָזאָפיע

אַזוי לאַנג ווי מיך דאַרשט, זע איך נישט דעם אָפּגלאַנץ פונם „קוואַל", הער איך נישט זיין טיף געזאַנג. האָט געזאָגט דער יונגלינג.

אַזוי לאַנג ווי מיך דאַרשט זע איך דעם אָפּגלאַנץ פונם קוואַל, הער איך זיין טיף געזאַנג. האָט געזאָגט דער מאַן.

שטענדיק זע איך דעם אָפּגלאַנץ פונם קוואַל, שטענדיק הער איך זיין טיף געזאַנג, האָט געזאָגט דער זקן...

אַ ליבעס־ליד

שיין־געררויטלט ווײַל איך זען דײַן
געליבט בלאָס פּנים.

שיין־געררויטלט ווײַל איך זען דײַן ליב פּנים, רויטלעך מיט דעם קינדישן אויסדרוק פון וואוילגעפיל.

געליבטע מײַנע — —

ווילסטו, אַז דער פּרינץ פונם ראָמאַן זאָל אין דײַנע אָרעמס זײַן?

ווילסטו דעם ראָמאַנטישן גימנאַזיסט?!

ווילסטו דעם קעלנער וואָס באַדינט דיך?

ווילסטו דעם בעקער־יונג וואָס ברענגט דיר פרישע זעמל?

ווילסטו דעם דיכטער וואָס שרײַבט דיר פריש וואַרימע לידער, אַלע אינדערפרי?!

בלייך ביסטו מיר געוואָרן זינט טעג, געליבטע מײַנע.

און אפילו דײַן רויטלעך בושה־געפיל פון דער ערשטער נאַכט, איז בלייך געוואָרן, מאַט, פאַרלאָשן.

בלייך ביסטו געוואָרן און קרענקלעך.

ווילסטו דיך פאַרשיכורן?

און ווען עס זאָל מיר אפילו אויסקומען עס רויט צו פאַרבן מיט מײַן האַרץ־בלוט! איך וועל עס טאָן — אין מײַנע לידער.

געליבטע מײַנע — — — —! נו, שוין! — — — —

פון איר בריוו

...דאָ איז אַזוי שיין, ווי אַ נישט־גע־שפּילטער ראָמאַן, אַזוי וואונדערלעך ווי דאָס שטאַרבנדיקע לעבן.

דאָ זײַנען בערג, טאָלן, שאָף און — די אַנדערע זאַכן דאָרטן. זע די לידער־ביכלעך!

אָבער די לידער־ביכלעך זײַנען שענער, ליגנערישער.

דאָ איז אַלצדינג אַזוי ווי אַ חלום — ווי אַ חלום וואָס דו בעטסט גאָט, עס זאָל זיך דיר קיינמאָל נישט חלומען.

ווי אין אַן אמתן גן־עדן — אַזוי איז דאָ לאַנגווײַליק!

צו מיינע געליבטע — אַ גרוס!

צו אַלע, וואָס ליגן קראַנק אין די שפּיטאָלן, אָדער אין זייערע היימען — מיין גרוס און מיין טרייסט־וואָרט.

צו אַלע וואָס שרייען פון גרויסע יסורים, אָדער קלעמען די נישט אַנטשלאָפן־ווערן — צו זיי מיין בענטשונג.

צו אַלע וואָס שרייען פון גרויסע יסורים, אָדער קלעמען די ציין צונויף און שווייגן — צו זיי מיין נשמה־ציטער, מיין תפילה מיט אויפגעהויבענע הענט.

צו אַלע וואָס זיצן איינזאַם, און פאַרלאָזן אין די ווייטסטע ווינקלען פון די שפּאַציר־גערטנער — צו זיי דעם וואַרימסטן דרוק פון מיין האַנט.

צו אַלע וואָס פּלאָנטען זיך אין אַ נעץ פון נישט־פאַרשטענדלעכקייט, פון אומווילן, פון נישט־זיכערקייט, פון אויסגעלשענע פאַרלאַנגען, פון נישט דערקוויקטע גליק־דאַרשטן — צו זיי אַלע די טרער וואָס לאַכט אין מיין אויג און שפּיגלט אָפּ דאָס טיפסטע, דאָס וואונדיקסטע.

צו אַלע גאָט פאַרלאָזענע, גאָט פאַרגעסענע, גאָט פאַרשאָלטענע, גאָט געשטראָפטע — צו זיי מיין נבואה אויף בעסער, מיין צוזאָג אויף נעכט פון שלאָף, פון פאַרגעסנקייט, פון רו.

מיינע געליבטע זענט איר, — איר קראַנקע און מעלאַנכאָלישע, איר מידע און געשטרויכלטע, איר אָרימע און פאַרגעסענע! לעבן אייערע קראַנקענבעטן זיץ איך אָט איצט־אָ. — אין געדאַנק. — איך האַלט אייער פיבערדיקע האַנט אין מיינער, איך גלעט אייערע צעוואָרפענע האָר, אָט־אַזוי־אָ, איך האַלט אונטער ס'קישן אונטער אייער קאָפּ, איך טראָג־צו וואַסער צו אייערע פאַרברענטע ליפּן און איך זאָג:

עס גייט אייך צום געזונט ווערן, מיינע טייערע, מען דערקענט עס אויף אייער פּנים. אייער אויג איז ליכטיקער ווי נעכטן. אייער פּולס איז רואיקער, אייער האַנט פעסטער.

נאָך אַ טאָג און נאָך צוויי און איר וועט זיך אויפהויבן פון אייער קראַנקענבעט, און דאָס אייביק־יונגע לעבן וועט אייך אַנטקעגן שמייכלען מיט גליק. אָבער אין די טעג פון אייער שנעלן געזונט ווערן, ווען אייערע חלומות וועלן זיין אַזוי דין און שפּינוועביק און דורכזיכטיק ווי אַ הערבסט־פאָדעם, זאָלט איר נישט פאַרגעסן צו בענטשן

דאָס קראַנק זיין וואָס איז אַ היילונג, אַ טרייסט אַן אָפּרו, — אַ ריין, שטיל ווינקל, אין די מיד־מאַכנדיקע, שטויבע גאַסן פון אונזער טעג־לעכקייט.

און צו אַלע וואָס ליגן און ראַנגלען זיך מיטן שלאָף און קענען אים נישט בייקומען, צו זיי פליסטער איך:

עס קומט שוין דער זיסער שלאָף, מיינע טייערע! מיט געגנבעטע טריט קומט ער. איבער די פעלדער געצויגן. זיין אָטעם איז וואַלד־שטילקייט. זיין צוזאָג איז אַ גאָלדענער שליסל, וואָס עפנט אַלע טויערן פון דער בלויער וואונדערוועלט.

נישט ווי נעכטן־ביינאַכט קומט אייער שלאָף. נישט ווי אַ שונא וואָס שטייט ביי דיר צוקאָפּנס און פייניקט דיך מיט זיינע פינגער־שפּיצן, נאָר ווי אַ פריינט וואָס ברענגט בלויע ניט־פאַרגעס־מיך־בלומען און היילונג.

און צו די וואָס האָבן זייער לעבן פאַרשפּילט אין ליבע, וועמענס פייער איז רויך געוואָרן, און וועלכע מיען זיך צו מאַכן פונם רויך צוריק פייער, צו די זאָג איך: זייט געטרייסט! אייער ליבע איז נישט פאַרשפּילט. אייער געליבטע, אייער געליבטער, וואָס האָט אייך פאַרביטן פאַר אַן אַנדערן, איז אייער ליבע נישט ווערט געווען. און ווייסט איר דען נישט וויפיל וואונדערבאַרע מעגלעכקייטן עס עס ליגן יונג־פרוילעך פאַר אייך און וואַרטן אויף אייער קראַפט? וויפיל יונגע חלומות הענגען אויף אַלע בליענדיקע ווערבן? וויפיל טיפע סודות עס זיינען אין אַלע שטיינער פאַרשטיינערט? און לבנה־צירונג האָט די וועלט אַזוי פיל! און פרילינג־פאַרנאַכטן, און טייכן וואָס זעען אויס ווי בלויע, און אויגן האָט די נאַכט — פאַרטרויעטע, וואונדערלעכע, אַלצפאַרשטייענדיקע, איז דען דאָס נישט אַ גרויסע טרייסט?

און די וואָס האָבן זייערע נאָענטסטע און בעסטע פאַרלוירן, צו זיי זאָג איך, מיט אַ גלעט פון מיין האַנט: געליבטע מיינע, אַלט איז דער טויט און — שוואַך. זיינע הענט ציטערן. זיין רוקן איז געבויגן אין צווייען, פון שווערער אַרבעט. און — וועט ער דען אייביק לעבן?

און אויפן הייליקן אָרט איז אַזוי קיל און טרוימעריש, — און שטיל. ביסטו אַליין די מצבה וואָס שטייט צוקאָפּנס פון דיין מאַמעס קבר, און דער ווינט גיסט אויף דיר זיין געוויין, און דער רעגן קלאָגט אין דיר אַריין זיין אומרו. ביסט ס׳לעבעדיקע דענקמאָל וואָס מוז —

אויס געטריישאַפט צום טויטן — זיך האַלטן פעסט און זיכער, און זיך נישט לאָזן צעברעכן. שטאַרבסט ד ו, דאַן שטאַרבט דיין מאַ־מעס מצבה, און דאָס טאָר מען דאָך גיט דערלאָזן.

פאַרצווייפלט־זשע נישט, מיינע טייערע, איר וועט געזונט ווערן. איר וועט שטאַרק ווערן. די שלעכטע טעג וועלן אָוועקגיין, און בעסערע טעג וועלן קומען — יונגע, פרישע, לאַכנדיקע, זוניקע.

גלויבט עס מיר, ווייל כ'קום ערשט פון מיין שוועסטער, וואָס ליגט קראַנק, אַזוי קראַנק. (אָ, גאָט, דערבאַרים דיך איבער מיין שוועסטער!)

פון מענטש צו מענטש

אַ גלגול פון אַ שבועה

זי האָט אים געשוואוירן אַ שבועה פון איביקער ליבע, און ער האָט גענומען די זעלביקע שבועה און ער האָט זי אַוועקגעשוואוירן צו אַן אַנדערער.

און די אַנדערע האָט גענומען די זעלביקע שבועה און האָט זי אַוועקגעשוואוירן אַ ד ר י ט ן.

און דער דריטער האָט גענומען די זעלביקע שבועה און האָט זי צ ו ר י ק ג ע ש ו ו א ו י ר ן צו דער ע ר ש ט ע ר, אָבער די ערשטע האָט שוין איצט איר א י י ג ע נ ע ש ב ו ע ה נישט דערקענט — אַזוי פאַרענדערט איז די שבועה געווען, און בלאָס, און פאַלש. און די זעלביקע שבועה וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דער היים אַ געזונטע, אַ ריינע, אַן אָרנטלעכע, איז נאָך אַ האַלב יאָר אָפּזיין אין דער פרעמד, צוריקגעקומען אַ געפּאַרבטע, אַ געפּודערטע, אַ פאַרענדערטע.

פרידן?

אַז דער פרידן וועט שוין קומען צו־גיין, וועט ער זיין אַזוי אָפּגעאַרבעט און מיד, אַז עס וועט אים ציען אין בעט אַריין. ס'וועט זיין אַן אַלטער, גרייז־גרויער פרידן, וואָס איז אַלט געוואָרן פאַר דער צייט. ס'וועט זיין אַ נערוועזער, נערוועז־מאַכנ־דיקער פרידן, וואָס וועט זיך דערשרעקן פאַר יעדער מויז, און טאָמער

וועט ער דערהערן אַ שאָס פון אַ פייערווערק, וועט ער ווערן טויט ווי די וואַנט.

ס׳וועט זיין אַ בלאַסער פרידן, מיט אויסגעווייינטע, צעשראָקענע אויגן, וועלכער וועט זיך כסדר אומקוקן, צי מ׳לויפט אים נישט נאָך, און ער וועט מורא האָבן צו שלאָפן אַ ל י י ן. און כסדר וועט ער קוקן אין שפיגל אַריין, צו זען, צי ס׳פּאַסט אים, און כסדר וועט ער זיך טאַפּןביים דופק, צי פילן צי ער לעבט און כסדר וועט ער זיך אַרומטראָגן מיט אַ רעוואָלווער, ווייל ס׳וועט זיך אים אַלץ דוכטן אַז מ׳גייט אויף זיין לעבן.

וואָס פאַר אַ פּנים קען שוין האָבן אַ פרידן, וואָס איז עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געלעגן אין אַ טרענטש — אַ קרעציקער, אַ הונגערי־קער, אַ פאַרלייזיקטער ?!

ברוגז־טאַניץ

דאָס פּאָרל, הער צענטראַל און מאַדאַם אַליאירטע, זיינען נאָך דערווייל ברוגז איינס אויף ס׳אַנדערע, אָבער דער כעס איז שוין אַריבער און מען רעדט שוין — דורכן שטיף־קינד. „גיי זאָג דעם טאַטן דיינעם אַז כ׳וויל נאָך אַ שטיקל דעמאָ־קראַטיע״, זאָגט מאַדאַם אַ. צו הער צ. דורך זייער קליינעם באָלשע־וויקל.

„גיי בעסער זאָג דער מאַמען דיינער אַז זי זאָל מיר בעסער געבן נאָך אַ שטיקל ערד־קוגל״.

„זאָג אים, באָלשעוויקל, ער זאָל זיך נישט מאַכן נאַריש״.

„זאָג איר, אַז זי איז אַ בהמה״.

„זאָג אים, אַז פון אַ בהמה הער איך עס״.

„פרעג זי, אפשר וויל זי אַ שטיקל באַלקאַן״.

„פרעג אים, אפשר דאַרף ער אַ שטיקל דאַרדאַנעל״.

„פרעג זי, פאַרוואָס זי זעט אַזוי שלעכט אויס״.

„פרעג אים, פאַרוואָס האָט ער אַזאַ וויסט פּנים״.

און דאָס קליינע באָלשעוויקל לויפט אַהין און צוריק, און סע רוט נישט אַ מינוט. עס שמייכלט צום טאַטן און עס בעט זיך ביי דער מאַמען. עס וויל נעבעך עס זאָל זיין שלום־בית. אַ ל י י ן פאַר זיך, וויל עס שוין גאָרנישט. אַבי מען זאָל עס אויפהערן אַרומצושיקן! אַבי סע זאָל זיך אָביסל אויסרוען די פיס, און אַבי סע זאָל נישט

זיין אין געפאַר, אַז דער שוך וואָס דער טאַטע צילט אויף דער מאַמען, זאָל חלילה פאַלן אויף דעם קינדס אומשולדיק קעפּל.

דאָס פּאָרל ברוגזט זיך נאָך דערוויל. אָבער אַזוי ווי מ׳רעדט זיך שוין דורך, דורכן קינד, און מ׳קוקט זיך שוין אָן איינס ס׳אַנדערע, און מען טוט אַ שטילן זיפץ, איז אַ סימן אַז דער ברוגז וועט שוין לאַנג נישט דויערן.

מיין קינד פרעגט

מיין קינד פרעגט מיך: פאַרוואָס רעגנט היינט אַריין דורכן הימל? און פאַרוואָס פאַרריכט מען אים נישט, אַז עס זאָל ניט אַראָפּרינען?

דער הימל רינט, מיין קינד, ווייל ער איז צעבראָכן. ווייל דער הימל־דיל ווערט רואינירט פון צופיל קדושה־שפרינגען. ווייל די מענטשלעכע תפילות און געוויינען וואָס טראָגן זיך צום הימל, רייסן דורך דעם בלויען אונטערשלאָק. ווייל דער בלאָנדער מלאך, וואָס זיצט רייטנדיק אויף דעם לבנה־סערפּ, שטעקט אַרויס די קאַפּריזנע פיסלעך און מאַכט אַ לאָך אין הימל. ווייל גאָט אַליין גייט אָפט אַרויס פון געדולד און ער כאַפּט אַ שטיק הימל, פאַרוואַרפט דאָס אויפן אַקסל, אַזוי ווי אַן אָפּפערע־זינגער און ער וויל ערגעץ אַנטלויפן, נאָר ער האָט נישט וואוהין. ווייל די מיליאָנען פאַרבענקטע אויגן וואָס קוקן צום הימל אַרויף, רייבן אויס די דינע, ציטערדיקע פלאַך...

דעריבער רעגנט אַריין דורכן הימל, מיין קינד!

מען פיקסט זיך

די גאַנצע מענטשהייט פיקסט זיך.

טאָג־איין און טאָג־אויס.
מ׳פיקסט זיך די ציין.
דאָס האַרץ.
די לונגען.
די נירן.

מ׳האַלט זיך אין איין פיקסן, אויסבעסערן, צונויפשטעלן, קורירן. דענטיסטן דרילעווען, כירורגן שניידן, אַפּטייקערס מישן, ברילנ־מאַכער שלייפן, מעדיקער שטעלן צונויף — עס טוט זיך אַביסל!

כמעט יעדער מענטש איז פאַרנומען מיט דער אַרבעט פון פיקסעריי.

עס דופטן די שפּיטאָלן, עס שמעקן די קאַנאַלן, עס פּלאָנטערן זיך די באַנדאַזשן — די מענטשהייט פּיקסט זיך.

און אינמיטן דער נאַכט ווערסטו אויפגעוועקט פון אַ פאַרצווייפלט געשריי. — איינער פּיקסט זיך אַן איבערגעפּאָרן האַרץ — אַ צווייטער פּיקסט זיך אַן איבערגעפאַרענעם פוס; די מענטשהייט שרייט גוואַלד און פּיקסט זיך. אַזוי לאַנג ביז וואַנעט זי ווערט אַנטשלאָפן. דאַן דערהערט זיך אַ הויכער קימפּעט־קרעכץ, און די מענטשהייט הויבט זיך אָן פּיקסן אויפסניי.

גראַנדיעזע מענטשהייט!

ביים שפּיגל

ער שטייט ביים שפּיגל און זעט זיין אייגענע בלינדקייט.

שווער זיינען אים די אויגן־פּראַנזן, ווי פון שטאָל געשניצט.

גרוי איז אים דאָס שוואַרצאַפּל, ווי דער נעפּל וואָס הענגט איבער דער וועלט־אידייע.

און שטאָק־בלינד איז דער שפּיגל אין וועלכן ער קוקט אַריין און זעט זיין אייגענע בלינדקייט.

ער שטייט ביים שפּיגל און קוקט אַזוי שאַרף, אַזוי העל, נאָר איבער זיין אייגענער בלינדקייט קען ער נישט אַריבערקוקן — זי איז אַזוי ו ו י י ט, אַזוי אומענדלעך!

אָכצומיר!

אַזויפיל הימל, אַזויפיל זון, אַזויפיל ערד און איך זיץ און שרייב.

צווייהענטיק בין איך, טאָפּלפיסיק און מוסקולן האָב איך שטאַרקע, פונדעסטוועגן זיץ איך און שרייב.

איך זיץ און שרייב ווייל דאָס שרייבן איז אַ לייכטע אַרבעט, אַ ריינע אַרבעט, אַ געמיטלעכע אַרבעט.

גראָבן דאָס פעלד? אַקערן די ערד? האַקן דעמבעס? דאַנקע שיין. עס איז נישט פאַר מיר. איך דאַרף זיצן ביים קליינעם שרייב־טישל און דערקלערן פאַר דער וועלט די שיינקייט פון אַרבעט.

דאָס לעבן זיס...

די שיינקייט פון אַרבעט געזען דורך די אויגן פון איינעם וואָס אַרבעט זייער, זייער — ווי זאָל איך אייך

זאָגן ? ווייניק. און זייער, זייער. ווי זאָל איך אייך זאָגן ? באַקוועם. מיט אַ גרינג. ווי זאָל איך אייך זאָגן ? בלײַשטיפטל.

און אַז איר זיצט לעבן אַן אָפענער טיר דורך וועלכער עס בלאַנדזשען אַריין די קילע וואַסערווינטן און מען דערלאַנגט אייך בשעת שרייבן די גוטע, רויטע מאַלינעס און דאָס גוטע ביסל מאַנדל מילך, דעמאָלט צעברענט זיך אין אייך דאָס גראַסאַרטיקע פײַער פון גע־ניאַליטעט און איר שרייבט לידער וועגן אַרבעט און איר באַזינגט די שיינקייט פון די וואָס „שמידן די רעדער פון עקזיסטענץ״.

הער דיכטער, ביטע !

זייט־זשע אַזוי פריינטלעך, הער דיכ־טער, אויף איין מינוט ביטע. אָט איז דער פיל באַזונגענער האַמער וואָס האַמערט אויס די פאָרמען פון אונזער לעבן. נעמט אים, זייט אַזוי פריינטלעך, אין דער האַנט אַריין, טוט זיך אויס דאָס אַרטיסטישע ווינדזאָר־קראַוואַטל און שטעלט זיך אַוועק ביים העלישן פײַער און האַמערט די פאָרמען פון אונזער לעבן.

איר ווילט נישט ? נאַטירלעך. עס איז הייס. דער האַמער איז שווער. אײַערע הענט זיינען אידל. אײַער נשמה, וויסנזי, איז דע־ליקאַט.

זיצט איר, זיצן מיר און מיר זינגען לידער פון אַרבעט. טאַ !

מיט פאָמפּ

איך האָב פיינט — גיט ער אַ מאַך — דאָס שרייבן. דאָס פלעשל טינט. די פעדער. דאָס פאַפּיר. אַז איך דערזע דאָס שרייבגעצייג ווערט מיר נישט גוט, נישט גוט, נר־גוט, אַ־גוטע־נאַכט.

איך האָב פיינט, מאַכט ער צו מיר, אַלצדינג וואָס איז פאַר־בונדן מיט דער אַרבעט פון שרייבן. שריפטשטעלעריי — מאַכט ער צו מיר, איז אַ הייליקע זאַך, אַ גרויסע זאַך און עס טאָר נישט פאַר־שוועכט ווערן דורך די אויגן וואָס לייענען עס. מ׳וואָלט באַדאַרפט איינפירן, מאַכט ער צו מיר, אַז די לעזער זאָלן לייענען מיינע ווערק מיט פאַרבונדענע אויגן, ווייל דאָס ליכט פון זייערע אויגן איז נישט קיין ריינס. פאַרשוועכן זיי די הייליקייט פונם געשריבענעם וואָרט — נישט אַזוי ?

יאָ אַזוי. ס׳פאַרשטייט זיך אַזוי. שריפטשטעלעריי איז די הייליק־

סטע אַרבעט פון דער וועלט, אויסגעפּירט פון די הייליקסטע מענטשן אונטער די הייליקסטע, מאַכט ער צו מיר, אומשטענדן.

און הסט — זאָגט ער צו מיר — איך וועל אַוועקגיין ערגעץ אין אַ ווייטן לאַנד וואו מ׳קען מיך נישט און מ׳ווייסט מיך נישט. איך וועל מיר, זאָגט ער פאַרשמירן די פּענצטער מיט זייף, קיינער זאָל נישט קענען אַריינקוקן און כ׳וועל, זאָגט ער, זיצן און שאַפן די איידלסטע פּערל, וואָס די וועלט, זאָגט ער האָט נאָך אַזוינס ניט געזען. דער־לאַנגט, זאָגט ער, דעם צוקער... און וויפיל, האַלט ביי אייך, מאַכט ער, דער זייגער? איך מוז שוין, מאַכט ער לויפן.

קיין ראיה ניט

נישט אַלצדינג איז גאָלד וואָס גלאַנצט

— נישט.

נישט אַלצדינג וואָס האָט נישט קיין שיינעם גלאַנץ איז אמתע קונסט.

נישט אַלע וואָס באַרימען זיך אַז זיי קענען נישט שרייבן זיינען גרויסע שריפטשטעלער.

אַ מענטש מעג נישט קענען קיין גראַמאַטיק, בויען שלעכטע זאַצן, נישט אָפּהיטן די פּונקטואַציע און פאַרט זיין אַ קאַליקע.

און פאַרקערט: אַ מענטש מעג האָבן אַן אויסגעצייכנטן סטיל, שרייבן זייער קלאָר און פּינקטלעך און דאָך זיין אַ גוטער שרייבער.

נישט אַלצדינג וואָס וויקלט זיך איין אין אַ טומאַן איז קלאָר.

נישט אַלצדינג וואָס גרילצט איז מוזיקאַליש און נישט יעדערער וואָס האָט שמוציקע פינגער־נעגל איז אַ מאַקסוועל באַדענהיים.

ווערטער!... ווערטער!...

מיר וואַלגערן זיך אין פּעטע, וואַרימע, באַקוועמע ווערטער און עס איז אונז גוט.

מיר גיבן אונזער נשמה צוויי מאָל אין טאָג אַ יסורים־באָד און זי קומט אַרויס דערפרישט און פאַרפלאַמט.

מיר פליושקען זיך אין פּראָזע.

מיר שווימען אין אַ פּעטער מקווה פון אידעאַלן.

מיר גיסן זיך אָפּ מיט פולע צעבערס מיט טרוימען.

און מיר דרייען זיך אַריין און אַרויס. מיר ריפּען־אויס דאָס ביסל וואַרימקייט. טומלדיק און פרעך און אָנגעפּודערט און קויטיק.

אַלע פֿאַרטאָג קרייען מיר אַרויס אונזער שוואַך געקריי און מיר לאָזן וויסן דער זון אַז מיר זיינען שוין ענלעך אויפגעשטאַנען, גוט מאָרגן! און אַז ס׳איז שוין צייט אַז זי זאָל א ו י ך...

אונזער גאַנץ לעבן איז איין גרויסער, גרויסער טאַנץ אויפן גע־שליפֿענעם ים פון ווערטער, פון ווערטער.

גלייך ווי איך וואָלט געווען אומשטערבלעך ווי דער טויט און גלייך ווי דער ים וואָלט זיך געטרונקען אין מ י ר און נישט איך אינם ים.

וואַסערוועל, וואַסערוועל, קענסטו אויך פלושן אַזוי לייכט, — אַזוי ליריש!

באַטראַכט די שפּין!

די לויפט אַרויף און אַראָפּ איבער איר אייגענעם בריק, איבער די פעדים וואָס קומען אַרויס פון איר לייב.

אַליין די בריק. אַליין דער איבערגייער איבער דעם בריק.

און ווען די שפּין ציטערט אין דער לופטן אויף אַ דינעם פאָדים, ווייסט זי, אַז אַלצדינג וויגט זיך אַרום איר, און קיין זאַך שטייט נישט אויף איין אָרט.

דער גאַנצער אוניווערזום, טראַכט די שפּין, הענגט אויף אַ פאָדים און דער פאָדים, טראַכט זי, איז מיינער.

נאָר באַלד קומט אַ לייכטער ווינט און רייסט איבער דעם פאָדים. די שפּין פאַלט. זי פילט די ערד אונטער איר בויך אָבער זי ווייסט אַז דאָס איז נישט די אמתע וועלט. די אמתע וועלט איז זי איבערצייגט איז געווען אויפן פאָדים אין דער לופטן. און קוים איז דער פאָדים צעריסן איז אַלצדינג געענדיקט.

און די נאָענטע פריינט פון דער שפּין וואָס הענגען אַרום איר אויף דינע פעדים קומען זיך צונויף און קלאָגן אויפן אומגליק פון זייער מיט־שפּין וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פונם שפּינוועבס.

* * *

דער מענטש

די געוואַלדיקע דערפינדונגען פון דער גאָטהייט — קאָפּירייט אין וואַשינגטאָן.

דער מענטש וואָס מאַכט שמוציק די ערד מיט זיינע פיס, רייבט אויס דעם הימל מיט זיינע אויגן, פאַרבלוטיקט די שוועלן פון גן־עדן מיט זיינע וואונדיקע פיס.

דער מענטש, די אידייע, ענדציל, גאָטס העכסטער שטאַפּל צו זיין אייגענער גרויסקייט, דער לייטער, אויף וועלכן די גאָטהייט קריכט אַרויף כדי צו קענען אַ קוש טאָן זיך אין שטערן און זאָגן: עס איז אויס־געצייכנט.

די הייזער זיינען קויטיק מיט מענטשן, די פעלדער זיינען באַ־פלעקט מיט מענטשן, די בערג זיינען אָנגעטאָפּטשעט מיט מענטשן, דער ים איז אַרומגעברעגעוועט מיט מענטשן. מענטשן, מענטשן אומעטום.

דער גאַנצער ערד־קוגל איז פאַרפּרישטעט מיט מענטשן. די געדערים פון דער וועלט זיינען פול מיט מענטשנמיסט, מיט מיסט־מענטשן.

די גאַנצע וועלט ליידט פון מענטשן און די מענטשן אַליין ליידן פון זיך אַליין. דער בלאָטער (ווי דר. שפּינגאַרן וואָלט געזאָגט) טוט זיך אַליין ווי. און ווען ער פּלאַצט ווערט אים דערפון ניט בעסער. — נאָר אַדרבה.

די דרויסנפראַגע

דער דרויסן איז אין דרויסן. ער האָט נישט קיין מורא אַז מען וועט אים צוגנבענען.

די טייערסטע הימלען מיט „דזשועלערי" ליגן אין דרויסן און מען רויבט זיי נישט אָוועק.

די הערלעכסטע לאַנדשאַפטן וואָס האָבן די ווערט מיליאָנען דאָ־לערס ליגן פראַנק און פריי אונטערן הימל.

די פּלעאַדעס שלאָפן אין דרויסן, און קיינער גנבעט זיי נישט אָוועק.

די ווערטפולסטע טיגערן (מיט די טייערסטע טיגער־פעלן) שלאָפן אין דרויסן.

די גאַנצע שווייץ ליגט אין דרויסן.

גאַנץ איטאַליע ליגט אין דרויסן.

נאָר איך, אייער ערגעבנסטער, רינגל מיך אַרום מיט אַן איבער־געקערט שטיקל דרויסן וואָס זעט אויס ווי אַן אינעווייניק, וואָס קאָסט צען טולער אַ וואָך דירה־געלט.

איך בין חשובער ווי דער ערד־קוגל, מציאהדיקער ווי דער הימל, ווערטפולער ווי די שווייץ.

איך רינגל מיך אַרום מיט צונויפגעקלאַפּטע, צונויפגעהאַמערטע שטיקער דרויסן און איך באַוואָרן מיך קעגן דרויסן.

דער טייך לאַכט

אַ לעגענדע פאַר שווערקערפּערדיקע מענטשן און פילאָזאָפן:

אַמאָל איז געווען אַ טייך, אַ שיינער, אַ ליכטיקער, דערפרישנ־דיקער טייך מיט לעבעדיק וואַסער.

האָט זיך אין אים געשפּיגלט די נאַקעטע לבנה און די ערשט אויפגעשטאַנענע זון און די אָפּיצערישע קנעפּלעך פונם הער גאָטס בלויען מונדיר — די שטערן.

האָט דער טייך געלאַכט און געזאָגט: איך בין דאָס וואַסער. איך בין דער סוד פונם לעבעדיקן וואַסער. איך בין דער געטער־שפּיגל.

איינמאָל איז דער טייך אויפגעשטאַנען אינדערפרי הערן זיך־אַליין שפּילן אויפן פידל, לכבוד די ווערבעמיידלעך, האָט ער פּלוצים דערזען אַז ער איז נישטאָ, אַז דאָס וואַסער איז אַוועק אין אַן אַנדער זייט, אויף אַן אַנדער שטיקל ערד.

דעמאָלט, דערציילט מיין פּריוואַטע לעגענדע, האָט דער טייך אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און געזאָגט:

„איך בין טויט“.

און דער נאַרישער טייך האָט נישט געוואוסט אַז ער איז נאָר אַריבער אויף אַן אַנדער אָרט און אַז ער לעבט אַביסל ווייטער, אין הינטערגרונט, רעכטס.

איידער אַזאַ לעבן

אַ ליד איז צו מיר געקומען און מיט פאַרוויינטע אויגן מיך געבעטן: שרייב מיך אָן. איך האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן.

האָב איך רחמנות געהאַט אויף דעם לידס פאַרוויינטע אויגן און עס אָנגעשריבן גלייך אויפן אָרט — נישט געוואַרט אפילו אַ מינוט.

שפּעטער מיט אַ האַלבער שעה איז דאָס זעלביקע ליד צוריקגע־קומען צו מיר, נאָך מיט רויטערע אויגן ווי פריער און מיך געבעטן:

ענטשרייב מיך. מיין לעבן איז קיין לעבן נישט. איך וועל שוין בעסער זיין אין גאַנצן נישט אָנגעשריבן איידער אַזוי.

איך האָב געקוקט אויף דעם קאַפּריזנעם ליד און געטראַכט: וואָס האָט צו מיר דער פריקרער נפש? און וואָס איך טו פאַר אים איז אַלץ נישט רעכט. טפו זאָל עס ווערן.

און איך בין געוואָרן, הערט איר, אַזוי גוט אויפגערעגט.

אַרום און אַרום

בּרידער פון דער פען, שוועסטער פון די טינטשיסלען. ווי גוט דאָס איז וואָס ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי געשלעכט. דאָס איז אונזער ברויט און פוטער, אונזער פאַרמעג, אונזער אוצר. גיט נאָר אַ טראַכט: ווען מענטשן זאָלן קענעןריידן אָפן און קלאָר וועגן געשלעכטלעריי, ווי קורץ אונזערע סקיצן וואָלטן דעמאָלט געווען, ווי נישטיק־שפּאָרעוודיק אונזערע צייטונג־ראָמאַנען, ווי איינפאַך אונזערע פּאָעמעס.

אָבער צום גליק גייען מיר אַרום און אַרום דעם באַרג, מאַכן מיר ליטעראַרישע הקפות אַרום דער „אייביקער פראַגע״. מיר פּאַנפען אונטער דער נאָז, מיר זינגען, וואָרטשען, שטאַמלען, מעקען, בעבען און אונזער פּרנסה איז געזיכערט.

אַנשטאָט צו זאָגן קורץ און שאַרף: ער האָט זי אַזוי און אַזוי, רינגלען מיר אַרום דעם אויפגעבלאָזענעם באַרג פון דער ברייטער זייט. מיר גייען העט אַרום, מיר מאַכן מיסטעריעזע מינעס, מיר באַשרייבן צוערשט די לאַנדשאַפט, דערנאָכדעם דאָס וועווריקל אויף דער לאַנדשאַפט, דערנאָכדעם דאָס לייזל אויף דער וועוויריקע, דערנאָכדעם שילדערן מיט אויף צוויי הונדערט און דרייסיק פּעסט געדרוקטע בלעטער ווי אַזוי די פּסיכאָלאָגיע האָט זיך ביי אים, איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, צעשפּילט און ווי אַזוי איר ליליען־חלום האָט זיך צעוויגט איבער דעם זאַגענאַנטנטום, און מיר שליסן מיט אַ סך פּינטעלעך און מיט דער באַרימטער פראַזע:

„ביידע זיינען פּאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן קוש וועלכער האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט״.

באַמערקט? אין לעבן קושן זיך די רעפּרעזענטאַנטן פון ביידערליי געשלעכטער אויף שריט און טריט. אַזוי צו זאָגן, און ווער קימערט זיך וועגן דעם? ווער שטעלט זיך דערביי אָפּ? און וועלכעס מיידל וועט צומאַרגנס איינדערפרי, נאָכדעם ווי „ער האָט איר אַ לענגערן קוש געטאָן״, אויפשטיין אַ בלאַסע, אַ

צעטראָגענע און טראַכטן פון זעלבסטמאָרד? און פּאָרוואָס מוז אַ לייטיש מיידל פּאַרגיסן טרערן נאָך דעם ווי „ער האָט זיך אַריינגע־נומען אין זיינע אָרעמס?"

ווי נאַאיוו, ווי אומשולדיק מיר זיינען, ברידער ליטעראַטן, און ווי רייך מיר ווערן דערפון.

וואָרנונג!

דעט, איר זאָלט אייער היינטיקן יום־הקדוש קריגן אייער גוט־קוויטל אין קעש. געטרויט נישט אפילו דעם עלטסטן פון די געטער. ער קען אייך אָנשרייבן דאָס בעסטע קוויטל אין דער וועלט און דערנאָכדעם זאָל מען ביי אים צונעמען דאָס „בלויע קעניגרייך" און איר זאָלט נישט האָבן וואו איינצומאָנען.

הייסט זיך געבן וויפיל יאָרן עס איז אייך באַשערט נאָר מיט אַמאָל נישט איינציקוויס, נישט מינוטנווייס. איילט זיך בכלל אַביסל אונטער מיט אויסבעטן אַ גוט יאָר ווייל די בעסטע יאָרן זיינען שוין כמעט צעכאַפּט.

לעגענדע

די פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן זיך צעקריגט מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט.

און די פינגער פון דער לינקער האַנט האָבן נישט געקענט דורכקומען וועגן דער פראַגע, ווער עס איז גרעסער, וויכטיקער, ניצלעכער. יעדער פון די צען פינגער האָט געשריגן אַז ער איז דער בעסטער פינגער, דער שטאַרקסטער פינגער, דער ניצלעכסטער פינגער.

און די פינגער פון דער לינקער האַנט האָבן געשריגן אַז וואָס עס זאָל זיך נישט טאָן צווישן זיי אַליין אָבער זיכער איז אַז זיי זיינען בכלל „בעסערע" פינגער ווייל זיי זיינען נעענטער צום האַרצן.

און אַז דער באַלעבאָס פון די פינגער האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך אָנגערופן:

„פינגער פון מיין רעכטער האַנט, פאַראייניקט זיך קעגן די פינגער פון מיין לינקער האַנט. לאָמיר זען ווער ס'איז שטאַרקער".

און די פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן גענומען אַ שאַרפע האַק און אָפּגעהאַקט די פינגער פון דער לינקער האַנט.

און אַז דער באַלעבאָס פון די פינגער האָט דערפילט דעם ווייטיק האָט ער זיך דערמאָנט אַז ביידע הענט, סיי די רעכטע האַנט און סיי די לינקע זיינען אַ טייל פון זיין לייב און אַז מען קען נישט אָפּהאַקן איין פינגער און דער אַנדערער זאָל דאָס נישט פילן.

עס שיינט די זון

די וועלט איז גרויס און וואונדערלעך און פיין. פיל חכמה ליגט אין יעדן טראָפּן וויין. פיל גליק-וואונטש שלאָפט אין יעדן מענטשן-לייב. און אומעט איז אַ זיסער צייטפאַרטרייב! פיל באַרגלעכקייט ליגט אין יעדן טאָל. די שטערן ציילט מען נישט — זיי זיינען אָן אַ צאָל. די ערד גיט ברויט, דאָס ברויט האָט זאַפט און חן, און סאיז דער מענטש אויף דר׳ערד נישט עלנט און אַליין. זיין מזל וואַכט און היט אים אָפּ די טריט, און ראַמט אים אָפּ דעם שטיין, און מעסט אים אויס די טריט. און פאַלט ער פון זיין הייך, מ׳שטראָפט די הייך גאָר שטאַרק. דער טיפסטער טאָל זיינער טאָלט אַרויף צום באַרג. און יעדער שאָטן האָט זיין העלע זייט. און יעדער „פּלוצים" קומט געצוי אין צייט, און יעדער טאָג זיך מעלדט מיט רויטער שריפט, און יעדער באַלזאַם היילט — אָפּטמאָל היילט אויך גיפט. אין יעדן זומפּ עס זעט דער הימל זיך. און יעדע לאַנגזאַמקייט קומט פלינק און גיך. און יעדער צער האָט ביטערניש וואָס קוויקט און יעדער אומגליק זיך אַליין באַגליקט. און ליב איז דאָך די ליבע פיינע וועלט — וואָס פון זון-געגילטער פלייצע ווערט פאַרשטעלט!

אויסברענגעריש

איך לייען איצט אַ ראָמאַן, אין וועלכן דער אויטאָר איז שרעקלעך אויסברענגעריש אין זיינע באַשרייבונגען. ער שילדערט דעם מיידלס אויגן אַלס וואונדערבאַרע, בלויע סאַפּירן. אירע האָר זיינען ווי געשפּונען פון גינגאָלד. אירע פינגער זיינען ווי וואונדערבאַרע, ווייסע ליליען. פון-צייט-צו-צייט גיט זיך די העלדין אַ שאַרפן קער אום און טראַכט פון איר פאַרלוירענער יוגנט. אַמאָל באַוויזט זיך אַ קראַנקהאַפטער שמייכל אויף איר געזיכט. זי בענקט נאָך אַ טראָפּעלע גליק. אַ פייער ברענט אין איר האַרץ אויף בלעטל 283 און אַביסל ווייטער — מיט עטלעכע הונדערט בלעטער — דריקט ער זי צו זיין שטאָלצער ברוסט און ער זאָגט צו איר מיט אַ קול וואָס ציטערט פון ליידנשאַפט: איך, ע... ליבע דיך!

איך לייען דעם דאָזיקן ראָמאַן און איך טראַכט: צו וואָס פאַרווענדן אַזויפיל גוטע צייט און פּאַפּיר אויף די געוויסע באַשריי־בונגען פון דער העלדינס אויגן, און פון דעם העלדס גיפּטיקן שמייכל וואָס באַווייזט זיך אויף זיינע ליפּן, און פוןביידנס הערצער, וואָס האָבן געקלאַפּט אַזוי ווי האַמערס עטצעטראַ?

פאַרוואָס זאָלן די ראָמאַנען שרייבער ניט אָפּמאַכן צווישן זיך (צוליב דער עקאָנאָמיע דערפון) צו באַצייכענען די אַלע זאַכן מיט נ ו מ ע ר ן?

איך אַליין נעם מיך אונטער אַרויסצוגעבן אַ בוך, אין וועלכן אַלע וואויל־באַקאַנטע ראָמאַן־פּאַזן, זאָלן זיין נומערירט. למשל, „אויגן ווי בלויע סאַפּירן" וועלן זיין באַצייכנט אין מיין בוך, אַלס נומער 2. „פינגער ווי ווייסע ליליען וואָס שלומערן אין טאָל", וועלן טראָגן דעם נומער 13. „די העלדין האָט זיך געטאָן אַ שאַרפן קער מיט די פּלייצעס, און געטראַכט פון איר פאַרלוירענער יוגנט, פון וועלכער זי האָט נאָך וויניק גענאָסן", וועט זיין נומער 214. און אויף אַזאַ אופן וועלן זיך די שריפטשטעלער איינשפּאָרן אַ מאַסע אַרבעט. דער גרעסטער ראָמאַן וועט זיך — אויב מען וועט אָננעמען מיין סיס־טעם — קענען אָפּדרוקן אויף עטלעכע בלעטלעך. עס וועט זיך לייענען אומגעפּער אַזוי:

די העלדין וועלכע האָט געהאַט אויגן נומער 2 האָט זיך גענומען אויסקנאַקן אירע פינגער, נומער 13. און זי האָט געטאָן נומער 214. באַלד איז אַריינגעקומען איר געליבטער נומער 10½ און ער האָט זי אַריינגענומען אין זיין נומער 1462. און ענדלעך האָבן זייביידע געגומערפּופּצנט.

אַלצדינג וואָס דער לעזער וועט דאַרפן טאָן די ערשטע צייט, וועט זיין: נאָכצוקוקן אין בוך פאַר „ליטעראַרישער עקאָנאָמיע" אונטער די נומערן 2, 13, 214, 10½, 1462, און 5, און זען וואָס די דאָזיקע נומערן שטעלן מיט זיך פאָר.

אין אָנהויב וועט דאָס נאַטירלעך זיין אַביסל שווער. אָבער דער־נאָכדעם וועט דער לעזער שוין געדענקען אַלע ציפערן אויף אויסווייניק, און זיי וועלן צו אים רעדן נישט ווייניקער ווי ווערטער. און נישט איין אַכצניעריק מיידל וועט גיסן טרערן, אַז זי וועט אויסגעפינען אַז די העלדין האָט באַגאַנגען נומער 18. אָדער אַז דער העלד געפינט זיך איצט אין אַ לאַגע 719.

ביים לידער־וואַרשטאַט

מיר דיכטן לידער און מיר טראַכטן:
וואָס וועט די היסטאָריע זאָגן וועגן דעם? מיר לעבן און מיר טראַכטן:
צי וועט זיך די היסטאָריע אָפּשטעלן ביי אונז? און אויף ווי לאַנג?
און פאַרוואָס?

מיר לעבן פאַר דער היסטאָריע, מיינע ליבע הערן!

אָ, ווי מיר ציטערן פאַר דער טויטער געשיכטע! ווי מיר קניען פאַר אירע אויסגעטראַכטע פיס. ווי מיר לייגן אַוועק אונזערע לעבנס אויף איר פיקטיוון מזבח. ווי מיר טוען אַלצדינג פאַר איר, פאַר איר!

געשיכטע, געשיכטע, וועסטו זיך אַמאָל, מיט 36 טויזנט יאָר שפּעטער, אָפּשטעלן ביי דעם פענצטער פון מיין פילגעשטאָרבנקייט און זאָגן, אַז איך בין געווען אַ פיינער מענטש און אַ קינסטלער, אָדער וועסטו מיך פאַרבייגיין און נישט מאַכן קיין שום באַמערקונג?

געשיכטע, געשיכטע! וועסטו נעמען מיינע פאַרגאַנגענע טעג און זיי צעזייען מיט אַלע ווינטן, אָדער וועסטו זיי צונויפקלייבן אויף דער פלאַך פון דיין גרויסער האַנט, און זיי אַרויסשטעלן פאַר דער נאָכקומענדיקער וועלט?

געשיכטע, געשיכטע, ווי לאַנג וועט דיר נאָך דינען דיין זכרון און וויפיל וועסטו נאָך אינגאַנצן קענען געדענקען? אָ, נאַרישע, אַלמעכטיקע געשיכטע, אין דיינע לײדיקע טעמפּלען שטייען מיר — פאַרציטערט און פאַרשמאַכט און מיר בעטן ביי דיר: פאַרגעס אונז נישט. פאַרגעסט אונז נישט!...

פאַרגעסט כאָטש נישט, אַז מיר האָבן אַזוי האַרציק געלאַכט פון דיר — אָ, געשיכטע!

שטענדיק אַזוי...

און אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן
און מיר וועלן זיך אומקערן צו די אַמאָליקע גוטע, רואיקע צייטן, וועלן מיר ווידער פאַרברענגען אונזערע טעג אין לאָגישע שמועסן וועגן ציין־ווייטיק, טאַשנטיכלעך, ביליאַרד. וועלן מיר ווידער זיצן אין די קאַוועשטיבלעך און דעבאַטירן ביז חלשות וועגן כהנס נייער סקיצע און וועגן לעווינס ניי לידל, וועלן מיר ווידער פאַרברענגען אונזערע טעג אויף אַריינצובייסן זיך מיט די ציין אין דער וועלט פון בהמות און פון עופות. וועלן מיר ווידער פאַרברענגען אונזערע נעכט אויף צו פאַרגאָרנישטן דאָס אומשולדיק ביסל שלאָף וואָס פעלט אונז

אין די אויגן אַריין. ווענ׳ן מיר זיך ווידער רייניקן די ציין, שלייפן די נעגל, פּאָליטורן די אויגן. אין די ראָמאַנטישסטע מינוטן פון אונ־זער לעבן וועלן מיר ווידער טראַכטן ווי ווייט מיר זיינען פון אַ באָד־צימער.

ניעטשע, מיין פריינט, מאַך פאַרטיק דעם שטריק מיטן קנופּ. איך גיי מיך אויף — — איך גיי מיך אַביסל דורכשפּאַצירן. די לופט איז היינט זייער געשמאַק.

קירכן

ביי אונז אין פילאַדעלפיע האָט מען צוגעשלאָסן די קירכן צוליב דער עפּידעמיע און מענטשן זיינען שטאַרק פאַרצווייפלט. ס׳טייטש, זיי האָבן אפילו נישט צו וועמען תפילה צו טאָן אין אַזאַ שרעקלעכער צייט.

אָבער לעבלעכבלוטיקע דענקער און פילאָזאָפן זאָגן אַז ס׳איז פאַרקערט זייער אַ גלייכע זאַך וואָס מ׳האָט צוגעמאַכט די קירכן.

זיי דערקלערן דאָס אומגעפער אַזוי:

אַן אונטערגאַנג איז פון גאָט. איאָ? גאָט האָט רחמנות אויף זייער אָרימע שעפעלעך נעמט ער און פאַרטרייבט זיי אין אַ ווינקל, באַגיסט זיי מיט נאַפט און צינדט זיי אונטער. טאָמער זעט ער אַז אַן אומשולדיק שעפעלע גייט נעבעך אָרום אַ גערוואַטעוועטס, לויפט ער דעם נאָך ביז אַהיים און מאַכט אים די זאַך. פון אַזאַ אַרבעט, פאַר־שטייט זיך, ווערט די גאָטהייט שטאַרק אָפּגעמאַטערט. אָבער פונדעסט־וועגן האָט זי צו קיינעם קיין טענה נישט. זי טוט זיך איר פליכט.

אָבער אַזוי ווי ס׳איז פאַראַן אַ מאַסע שעפעלעך וואָס אַנטלויפן און ווילן אַמאָל זיך ראַטעווען און שטענדיק קען מען דאָך נישט נאָכ־לויפן, איז די גאָטהייט דעריבער געפאַלן אויף אַ פּלאַן און געעפנט אַזוינע מין דאָוונשטיבלעך, קירכן, טעמפּלען און זי האָט געשיקטע אירע אַגענטן אַז זיי זאָלן צעפּויקן אין אַלע פּעיפּערס אַז אויב מען וויל זיך ראַטעווען פון גאָט זאָל מען קומען צו אים אין שטוב אַריין בעטן ער זאָל צוריקרופן דעם באַפעל צו טויטן אייער יונג שוועסטערל, וועט ער דאָך נישט נעמען און אייך דערפאַר דערהרגענען. האָ? בפרט אַז ער האָט אייך אַליין פאַרבעטן צו קומען און דערלאַנגען אַ פּע־טיציע. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז גאָט איז זיך אַן אַנדער טאַרט קעניג. אדרבה. ער פאַרבעט אייך טאַקע זייער שיין צו קומען און אים אַ פאָל טאָן צו די פיס און אים אַנלויבן אַ פול אויער און אַלצדינג. אָבער אין

דער זעלביקער צייט וואָס איר עפנט אויף די ליפּן אים אַ לויבצוטאָן, נעמט ער און שיט אייך אַריין אין האַלז אַריין זיבעצן ביליאָן פון זיינע האַנטגעמאַכטע באַצילן. און איר ווערט, חלילה, אומגליקלעך. נעמט איר דאָך און קומט צולויפן און שרייט: „גוואַלד, גזלן, וואָס האָסטו מיר געטאָן?" נעמט ער און גיט אייך אַ טשמעל איבערן קאָפּ און ער איז מיט אייך פאַרטיק.

דעריבער, אַזוי זאָגן געלערנטע מענטשן, דאָקטוירים, איז די גלייכסטע זאַך נישט צו גיין צו אים אַהיים. אויב ער וויל אייך דער־הרגענען זאָל ער קומען צו אייך. איר זענט נישט מחויב צו זיין אַזוי וויט העפלעך.

מעג איך זאָגן?

מיין קראַפט איז אַ סך שטאַרקער פון מיר. זי באַזיגט מיך.

איך בין אַ שוואַכלינג אין די הענט פון מיין ווילדן כוח.

איך האָב נישט קיין כוח אויסצוהאַלטן אַזויפיל ווילדע, נישט געצוימטע קראַפט.

מיין כוח איז שטאַרקער פון מיר. ער דערשלאָגט מיך.

דערפאַר ווייל איך שטיי אים אין וועג.

אָ, ווען איך זאָל זיין אַזוי שטאַרק ווי מיין כוח. וואָס פאַר אַ גיגאַנט איך וואָלט געווען.

צו טייער!

דער הויכער פּרייז אויף וואָפן־שטיל־שטאַנד איז עטוואָס שוידערהאַפט.

אַן אָרימער מענטש קען זיך דאָס גאָרנישט דערלויבן.

דאָס מינדסטע שטיקל וואָפן־שטילשטאַנד איז מיט גאָלד צוגלייך. מען כאַפּט עס פון די הענט נאָך איידער עס איז פאַרטיק.

און דער אָנפרעג וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

עס גייט גאָר נישט אַוועק די מינוט אַז עפּעס אַ קעניג זאָל נישט קומען צולויפן מיט אַ געוויין און פרעגן צי מ'האָט נאָך אַביסל וואָפן־שטילשטאַנד און וואָס'ט עס קאָסטן ?

עס גייט שוין אַזוי וויט אַז עטלעכע אָרימע פעלקער ווען מוזן זיך צונויפלייגן און צוזאַמען אויפהאַנדלען אַביסל וואָפן־שטילשטאַנד.

און די ווערסאַלער וואַרע איז גאָרנישט צום קריגן. אפילו פאַר קאַ געלט אויך נישט.

דער גרינער טיש

מען האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ לאַנגער, לאַנגער טיש, געדעקט מיט כל־טוב און אַרום דעם טיש זיצן די דעלעגאַטן פון די פעלקער און מען רעדט און מען רעדט און מען רעדט און מען רעדט און מען דינגט זיך און מען דינגט זיך און מען דינגט זיך. אייניקע ווערן הייזעריק. גייען זיי אַהיים און שיקן זייערע ווייבער. און די ווייבער דינגען זיך און דינגען זיך ביז וואַנען זיי ווערן אויך הייזעריק, גייען זיי אַהיים צוריק און שיקן זייערע מאַנען. קומען צוגיין די מאַנען מיט פאַטשיילעס אַרום די העלזער און מיט רויטע אויגן און זיי דינגען זיך און דינגען זיך. און די דעלעגאַטן פון דעם אַנדערן צד טומלען זיך, קלאַפּן זיך אין האַרצן אַריין, שווערן זיך, זיי זאָלן אַזוי דערלעבן צו זען נחת ביי זייערע קינדער ווי עס קאָסט זיי אַליין טייערער. און די קעניגע שטייען און נודיען און נודיען און ווילן נישט אַוועקגיין. און אַרום דעם פרידנטיש דרייען זיך אַרום מעקלערס מיט שטעקעלעך און מיט שיטערע בערדלעך און פּרואוון איינרעדן אַז מ׳זאָל צונעמען. מען גייט אַרויס און אַריין. מען שושקעט זיך און מען קלאַפּט דעפּעשעס און סע טוט זיך אַביסל.

אַזוי האָט מען זיך פאַרגעשטעלט דעם פרידנסטיש, אויפן פרידן־יאַריד.

סוף־כל־סוף לאָזט זיך אויס אַז ס׳איז גאָר נישט קיין טיש.

דער גאַנצער פרידן־מסחור ווערט אַראַנזשירט שטייענדיקערהייט. נישטאָ קיין דינגען זיך. קיין מעקלערן. מען קומט שטילערהייט אַריין און מען הייסט זיך אָפּשניידן אַנדערהאַלבן אַרשין פרידן, מען באַצאָלט און מען גייט אַוועק מיטן שטיקל פרידן אונטער פּאָלע, ווי מיט אַ גניבה...

* * *

דער פרידן איז אָנגעקומען מיט אַ געוויין.

זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט.

זיין אויג איז געווען צעשראָקן ווי ביי אַ בוהיי וואָס מ׳פירט אים צו דער שחיטה.

אוי, האָט ער נישט געוואָלט קומען צו אונז, דער פרידן.

ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט אַז ער איז נישט מער ווי אַ שפּילכל אין אונזערע הענט.

אַזוי שוואַך און אומבאַהאָלפן.
און מען דאַרף אים אַרומרינגלען מיט רעוואָלווערס און מיט שטעך־מעסערס.

* * *

גוט איז צו זיין אַ מענטש אין אַזאַ צייט.
אַ ווילדע חיה. וואָס ווייסט זי ?
וואָס פאַרשטייט זי וואָס צו טאָן אין אַזאַ גרויסן מאָמענט ?
מיר זיינען מענטשן.
מיר האָבן פאַר אַלצדינג אַ פאַרגעשריבענע פאָרמולע.
אַז די פרייד שפּאַרט אונז פון אַלע אָדערן אַרויס, ווייסן מיר גענוי אַז מיר דאַרפן לאָזן פייפן די פאַבריקן, קלינגען די גלעקער, צערייסן פּאַפּיר, טרינקען בראָנפן, שרייען הוראַ.
און אַז עס שטאַרבט אונז די מאַמע ווייסן מיר אויך אַקוראַט וואָס צו טאָן.
מיר נייען זיך אַרויף אויפן אַרבל אַ שוואַרצן באַנד און מיר ווייסן אַז מיר האָבן געטאָן אַלצדינג וואָס די אומשטענדן פאָדערן.

* * *

די דייטשע פרידן־שילוחים זיינען געפירט געוואָרן (צו גענעראַל פאָש) מיט פאַרמאַכטע אויגן.
מיט בלינדע אויגן האָבן זיי אַריינגעוואָרפן דאָס דייטשע פאָלק אין פרידן.
איז דאָס נישט סימבאָליש ?
באַטייט דאָס נישט אַז דאָס דייטשע פאָלק איז אַרויס פון דער מלחמה פונקט אויף דעם אופן ווי עס איז אריין ?

פּינקטלעך . . .

דעם ניינטן אָקטאָבער, 1915, האָב איך שוין געקלאָגט דערויף.
און איצט קלאָג איך נאָכאַמאָל.
איך פרעג :
פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיין אַזוי אָפּהענגיק פונם דרויסן ? פאַרוואָס זאָלן די מענטשלעכע לאָקן נישט זיין קיין ווינטרויבן ? פאַר־וואָס זאָל די האַנט־פלאַך נישט זיין גענוג גרויס צו פאַרזייען פערל־

גרויפּן ? פאַרוואָס זאָלן אויף די אויערן נישט וואַקסן קיין קאַרשן און ווייַנשל ?

פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך מוזן פאַרשקלאַפן צוליב דעם שטיקל ברויט, בעת ער אַליין איז דאָך אַ סך מער ווי ברויט ?

מיין באַפעל...

דער ביאָגראַף מיינער, אויב ער וועט שרייבן וועט ער שרייבן.

ער האָט געפירט אַ שטיר־מיש לעבן.

שטיר־מיש.

אויף אַ שוואַך ברעט אין מיטן ים האָב איך געפירט דאָס שטיר־מישע לעבן.

מערקט איך : נישט דער ים איז געווען שטורמיש, נישט דער וואָל־פיש וואָס האָט מיך געוואָלט איינשלינגען, אפילו נישט דאָס אומרואיקע ברעט אויף וועלכן איך בין געשוואומען. נאָר איך אַליין בין געווען שטירמיש.

איך האָב געשטורעמט, געשטורעמט.

איך האָב אויפגעהויבן דעם אָקעאַן אין מיין האַנטפלאַך און אים אַרויפגעשלידערט צום הימל.

איך האָב מיט מיין אַרונטערגעפלויגן היטל אָנגעמאַכט דעם שרעקלעכן שטורעם־ווינט וואָס האָט חרוב געמאַכט וועלטן.

איך איינער אַליין, מערקט איך, מיט מיינע אייגענע הענט, האָב מיך אַוועקגעזעצט און גענומען און געפירט אַ שטירמיש לעבן.

זאָל ער ?

אַ ליבער לעזער איז אַרייַנגעקומען און געפרעגט : וואָס זאָל ער טאָן ?

איך האָב אים געענטפערט אַז ערשטנס זאָל ער נישט און צווייטנס : ביטע, זיצט און דערציילט.

האָט דער לאָמעד־לאָמעד זיך אַוועקגעזעצט און גענומען מיט גאָטס הילף דערציילן אָט אַזאַ מין געשיכטע :

מיין ברודער, דערציילט ער, איז געווען אין שלאַכטפעלד — אַ פאַנענטראָגער. אַליין קומט ער פון אָט־דאָ־נישט־ווייט. אָבער אַ פאַטריאָט איז ער, פאַרשטייט זיך, מער ווי וועלכער ס'איז אַמעריקאַנער, ווייל ער לייענט בלויז אידיש.

הקיצור ?

הקיצור, מאַכט ער, האָט מיין ברודער געטראָגן די פאָן קעגן שונא. האָט אים דער שונא דורכגעשטאָכן מיט אַ באַיאָנעט. אָבער מיין ברו־דער, פאַרשטייט איר דאָך, וועט די פאָן נישט אַרויסלאָזן פון דער האַנט.

— **נאָכאַמאָל הקיצור ?**

— **נאָכאַמאָל** הקיצור, מאַכט דער דערציילער, איז מיין ברודער געפאַלן מיט דער פאָן אין האַנט און די פאָן איז אינגאַנצן רויט געוואָרן פון זיין לעבעדיק בלוט.

נו ?

נו, איצט וויל ער צוריקקומען, נאָר ער האָט מורא אַז ווילסאָן וועט אים באַשטראָפן דערפאַר וואָס ער האָט גענומען אַ גוטע, עכט־אמע־ריקאַנישע פאָן און זי רויט געמאַכט.

בין איך געקומען פרעגן אַן עצה. וואָס טוט מען ?
„מ׳טוט״, האָב איך אים געזאָגט אויפן אויער...
און אים געבעטן ער זאָל קיינעם ניט אויסזאָגן.

מאַדאַם קעני ליפּצין

(געשטאָרבן דעם 18טן סעפּטעמבער 1918)

אַ פּערל־קראַנץ פון ליכטיקע אויגן־בלומען — פון טרערן.

מאַדאַם: צו אייער טראַגישן פינאַל!

אַלע פינאַלן זיינען טראַגיש, אָבער רירנדיקער ווי אַלצדינג איז די טראַגעדיע פון אַ טראַגעדיסטין, ביי וועמען דאָס שטאַרבן איז אַ פּראָפעסיע געוואָרן.

אין די ווערטער פון דער זייער־מענטשלעכער סאַראַה: „איך שטאַרב כדי צו מאַכן אַ לעבן״.

און איצט איז די פיל מאָל געשטאָרבענע — געשטאָרבן.

געשטאָרבן יסורימדיק, נישט־דעקאָראַטיוו, אָן סטיל. געשטאָרבן נ י ש ט ווי אויף דער בינע.

די קעניגין איז טויט.

דער כאָר — פון אַלע לעבן־געבליבענע — קומט פייערלעך אַריינצוטרעטן, זיי נויגן מיט די קעפּ — לויט רעזשי. די מוזיק

שפּילט געפּילפּול און ערנסט, און אַלע זינגען אין כאָר די גוט־איינ־געשטודירטע הספד־סצענע.

ביטע, נישט צו אַפּלאָדירן. דאָס לעבן איז ניט קיין טעאַטער, דער טויט איז נישט קיין עפעקט פאַר דעם איבערגעזעטיקטן אויג. אַ מענטש איז געשטאָרבן!

און וואָס? אַז מענטש איז מענטש,
און וועלט איז וועלט.
ס'איז אַלט. מען ווייסט דערפון!

מען ווייסט דערפון. אָבער יעדעס מאָל ווען דער פליגל פון טויט גיט אַ פאָך איבער דיין לעבעדיקייט, גיט עס אַ ציטער אין דיין נשמה־וועלט. דיין חלום קלעטערט אַראָפּ פון דעם ליכטיקן עלפאַנט־ביין־טורעם, און ער נייגט זיין אויער צו דר'ערד, צו דר'ערד.

הערט איר אימיצן גאַלאָפּירן?

ווער איז עס דער מעלאָדראַמאַטישער רייטער, וואָס קומט צופליען אויף אַ שוואַרץ פערד?

איז עס שוין דער דריטער אַקט? דער פערטער? און האָבן מיר כאָטש גוט געשפּילט אונזער שווערע ראָלע, דאָ אונטן אינם שאָטנ־טאָל? און וועט די מוטערדיקע פרוי נאַטור לאָזן פון אירע כישוף־הענט אַרויסבליען אַ בוקעט פון אימאָרטעלן — איבער אונזער לעצטן דער־פאַלג, איבער אונזער קבר?

מיט בלאָע שפּיגלען פון מעלאַנכאָליע איז אַרומגערינגלט דאָס לעבן פון אַ מענטש, און ווער עס קען זען, דער פאַרמאַכט זיך די אויגן, אָדער פאַרהענגט די שפּיגלען מיט פאַר־האַנגען פון זיידענע ליגנס.

און די וועלט־מוזיק שפּילט — מיט דונערפּויקן און וואַסער־שטראָם־פידלען. און דאָס טעאַטער איז באַלויכטן מיט העלער עלעק־טרישער זון, און קליינע, פינקלדיקע, גרוי־בלויע שטערן, און אויף

דעם פנים פון יעדן בלייכן שפילער פאַלט דאָס אָפּליכט פון דער געלער לבנה.

און די טירן פוןביידע זייטן בינע מאַכן זיך נישט צו. מען קומט אַריין און אַרויס. צווישן אַריינקומען און אַרויסגיין ווערט מען זעלטן באַמערקט — כאָטש הערצער גייען אויס, און לעבנס ווערן צעבראָכן, און דאָס דראַמאַטישע געוועב — ווערט פאַרפּלאָנטערטער און אומגעגלעכער...

שפּילן מיר איינס קעגן דאָס אַנדערע — דאָס פּובליקום און די אַקטיאָרן — דאָס לעבן קעגן דעם מענטש. דער מענטש קעגן לעבן. יעדער אַן אַנטבלויזטע שווערד און ווען די צוויי שווערדן שלאָגן זיך צונויף ווערט אַ דראַמע, און דאָס פייער וואָס ווערט אַרויסגערופן פון דער צעבראָכענער שווערד רופט זיך: פינאַל.

אידישע שוישפּילער זיינען בטבע זייער נאַאיוו און מעלאָדראַמאַטיש — נישט נאָר אויף דער בינע, נאָר אויך אין פּריוואַטן לעבן. „זיי מיטלמעסיק אין דיין טעגלעך לעבן, כדי צו קענען זיין גרויס אין דיין בוך", האָט געזאָגט (אָדער האָט באַדאַרפט זאָגן) דער קלוגער הער עץ־עץ. דאָס גרויסע טאַלענט איז זיך זעלבסט געגנוג — אין זיין ווערק.

מאַדאַם קעני ליפּצין — קעני, מסתמא, אָפּגעקירצט פון קעני־גין! — איז געווען די קעניגין פון דער אידישער בינע, אפילו ביי וואָכע־דיקע „מאַטינייען".

אַ פאָלק פון זשעסטן זיינען די בינע־קינסטלער. דער געקינסטל־טער, דרויסנדיקער זשעסט ווערט אין לעבן אַריינגעפּלאָנטערט און פאַרדראַמאַטיזירט — נאַאיוו, קינדיש, אומבאַהאָלפן, ראַיעל־טראַגיש.

א י ד י ש ע שוישפּילער — זיינען אי שוישפּילער אי קינדער. — זיי שפּילן נישט נאָר פאַר יענעם, נאָר זיי פאַרשפּילן אויך זיך, און דעריבער הערט מען אָפט ביי דעם אידישן שמינק־און־פּודער־שבט די ווערטער: „אין דער ראָלע פון האַצמאַך איז ער אַ גאָט".

שוישפּילער וואָס קומען אין מיין הויז אַריין האָבן אַ טבע צו באַמערקן, אַז מיין זון איז אַ פּ ר י נ ץ... און אַז מיין פרוי איז אַ מ ל א ך, און מיין אַרטיקל אין דעם נעכטיקן בלאַט־צייטונג איז ג ע ט ל ע ך.

נישט ווייניקער!

אַז איך טראַכט פון אידישע שוישפּילער זע איך קינדער וואָס שפּילן זיך מיט שווערדן און ביקסן און מיט פאַרביקע היטלען, און זיי טומלען זיך אַזוי ערנסט, ווי דאָס געל־פּאַפּירענע היטל וואָלט טאַקע געווען אַ קרוין, און דער בעזים־שטעקן אַ צעפּטער...

די מאַדאַם ליפּצין, וועלכע האָט אַזוי אָפט געשפּילט מירעלע אפרת, איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ מירעלע אפרת אויך אין פּריוואַט לעבן — שטאָלץ, פּעסט, אידיש־דעקאָראַטיוו, חסידיש־נגידיש — די אַלע דראַמאַטישע ליניעס פון דעם גאָרדינשן אפרת־כאַראַקטער האָט זי אין וואָכעדיקן טימלדיקן ניו יאָרקישן לעבן אַריבערגעטראָגן.

עס האָט איר נאָר געפעלט, אַז מען זאָל אַוועקשטעלן דאָס ציר־רונג־קעסטל פאַר אירע פיס — אַלס אַ בענקל.

און אויך דער נקמה־חלף פון דער באַליידיקטער „אסתר'קע" האָט אָפט אַרויסגעבלישטשעט פון אירע אויגן, און „די יתומה" האָט זיך אַ ווינקל־טיש אויסגעזוכט אינם אידישן אַקטיאָרן קלוב, און האָט דאָרט געהערשט אַזוי יתומהדיק, אַזוי אָפּגעזונדערט פון אַלע קאָלעגן.

און ביי אַזאַ געלעגנהייט האָב איך באַמערקט, אַז זי טראָגט אויפן האָרץ אַ בראָשקע אין דער פאָרם פון אַ קרוין, באַזעצט מיט דימענט־לעך — די עלנטע קעניגין פון דער אידישער בינע.

מאַדאַם קעני ליפּצין איז אפשר געווען די ערשטע וואָס האָט געוואַגט צו רעדן אַ נישט־דייטשן אידיש אויף דער בינע.

זי האָט זיך אויך אָפּגעשיידט פון די אַנדערע אידישע שוישפּי־לערינס דערמיט וואָס זי איז אַוועק פון דראַמאַטישקייט, צו דאָס ריין־טראַ־גישע אָדער העראָאישע. איר שפּילן איז געווען אויסגעצייכנטע פּוב־ליציסטיק, פול מיט געדאַנקלעכקייט און שפּיציקייט. זי האָט נישט נאָר געצייכנט אירע מענטשן, נאָר זי האָט זיי אינטערפּרעטירט; אונטער־געשטראָכן מיט רויטער פאַרב, יעדן פאַרבאָרגענעם נשמה־ציפער — כמעט בוכהאַלטעריש.

מאַדאַם קעני ליפּצין — אפשר צוליב דעם וואָס זי האָט פּשוט נישט געקענט זינגען און טאַנצן — האָט געמוזט ווערן אַ מענטשלעכע טראַגעדיסטין. נישט שטענדיק האָט זי געהאַט די מיטלען איבערצוגעבן די פיינערע נואַנסן פון דעם מענטשנס נשמה — אָבער איר היסטע־ריקע איז תמיד געווען א מ ת. און מיר די קינדער פון אַ ז י י ע ר ־ ה י ס ט ע ר י ש ן פאָלק, האָבן אין איר געזען אַן אויסדרוק פון אונזער אייגענער טראַגיק, פון אונזער נערוון־טראַגיק, אַזוי צו זאָגן, און מיר האָבן זי דערפאַר ליב געהאַט, ווי מיר האָבן ליב אונזערע איי־גענע שוואַכקייטן.

מאַדאַם קעני ליפּצין איז אפשר נישט געווען קיין גרויסע קינסט־לערין אויף דער בינע, אָבער אין לעבן איז זי געווען אַ טראַגישע אילוזיע. מיר אַלע פאַרבלאָנדזשעטע קעניגס־קינדער, גייען־אום און זוכן די צויבערלעכע קרוין, וואָס מוז ערגעץ ליגן באַהאַלטן. און זומערדיקע לבנה־נעכט קייטלען מיר אויף דאָס הינטערטירל פון אונזער גאָרטן און מיר שלעפּן זיך אַרויס איבער די שטאָט־גאַסן, צו די אָפענע פעלדער, צו די בערג, און דאָרט זוכן מיר די פאַרלוירענע קרוין אונזערע... און שטיל, מיטן פאַלן פונם מאָרגנטוי קומען מיר צוריק, מיט צעבלוטיקטע פינגער און אַזוי פאַרשעמט! אָבער קיינער ווייסט נישט, אַז מיר זיינען קרוינזוכערס, אַז מיר זיינען קעניגן פון וואָס־נישט־איז, אַז אונזער קעניגרייך ליגט ווייט־ווייט הינטער אַלע בערג און מיר קענען עס נישט דערגרייכן.

מיר זיינען דערוואַקסענע מענטשן —אַמאָל קינסטלער, אַמאָל האַלב־קינסטלער, אָבער שטענדיק געטאָפּלט אין אונזער לעבן: פון אינעווייניק — טיף־טראַגיש־פאַרלוירן, פון דרויסן — לייכטזיניק, קלוג, אויבערפלאַכיק.

שמייכלען מיר ווען אימיצער קומט צו גיין צו אונזער מיטאָג־טיש מיט אַ דימענט־קרוין אויפן האַרץ און זאָגט: איך וויל אַ קעניגין זיין יעדן טאָג פון מיין לעבן, ווייל עס איז מיר אַזוי שלעכט, אַזוי אומעטיק, — און איך מוז מיר מיין אייגן קעניגרייך א ו י ס ־ ט ר אַ כ ט ן.

פאַרגעסן מיר דעמאָלט אַז אַ ל ע קעניגרייכן זיינען אויס־געטראַכט און אַז אַ קעניגין ווערט מען נאָר דורך דעם וואָס אַלע אַנדערע זיינען נישט קיין קעניגינס.

פעדער שטריכן

אומאַנשטענדיקע רייד זיינען ווי אומאַנשטענדיקע פרויען. בלויז די שענסטע און קליגסטע פון זיי האָבן וואָסער־ס'איז חן.

* * *

ער זאָגט מיר: איך בין אַרויס אין גאַס זוכן נייע פאָרמען. האָט אָנגעהויבן צו רעגענען, קיין רעגנשירעם האָב איך נישט געהאַט. האָב איך מיך מישב געווען: וואָס דאַרף איך מיך פאַרקילן צוליב אַ נייער פאָרם? מיין געזונט, מיינע קינדער זיינען מיר טייערער ווי הונדערט נייע פאָרמען.

בין איך, זאָגט ער, אַהיימגעגאַנגען און געשריבן צוריק אין דער אַלטער פאָרם.

* * *

נעכטן האָט ער נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער זיך אָפּגעוואויגן, דערזען אַז פון פאַראַכטאָגן ביז היינט האָט ער צוגענומען 4 פונט אין געוויכט.

געענוי.

האָט ער געזיפצט:

אַ רחמנות נעבעך אויף די נייע 4 פונט פון מיין פערזענלעכקייט,

זיי קענען מיך נאָך גאָרנישט.

זיינען נישט צוגעוואוינט צו מיינע קאַפּריזן —

פונקט ווי איך בין נישט צוגעוואוינט צו זיי,

און צו זייערע קאַפּריזן.

ער טראַכט: מיר זיינען זיך — ווילדפרעמדע: איך און מיינע נייע 4 פונט.

וואָס קערן מיר זיך אָן?

וואָס ווילן מיר איינער פונם אַנדערן?

ער האָט גענומען זיינע נייע 4 פונט, זיך מיט זיי אוועקגעזעצט אַפן שאָקלשטול און גענומען פּיפּקען דאָס ליולקעלע און טראַכטן.

* * *

אַ אידישער מאָלער האָט מיר אַנומלט געזאָגט:

די בעסטע זאַך וואָס אַ מענטש קען טאָן — איז — קרייען.

רייד זיינען אַלט און אויסגעטראָטן, ווערטער זיינען אומריין, ווייל טויזנטער מענטשן האָבן זיי שוין אויף זייערע צינגען געהאַלטן און ווען מיר זאָגן עפּעס, זאָגן מיר דאָס נישט מיט אונזערע ווערטער, נאָר מיט דעם לעקסיקאָנס. און דער לעקסיקאָן, מיין פריינט, איז דאָס שאַנדהויז פון ווערטער.

* * *

די דיכטערין מ. ל. שרייבט לייב־קאָ־לירטע לידער. אויסזען זעען זיי אויס ווי נאַקעטע. נאָר שמעקן שמעקן זיי ווי לייוונט־מיט־שוויס.

און די דיכטערין פון וועלט־קימפעט, פון הימלישע נאַכט־געשירן, זעט מען נאָך אַלץ נישט!

* * *

פאַר דעם נודנעם מעטשן איז אַלצדינג נודנע — אפילו שעקספיר; פאַר דעם אינטערעסאַנטן מענטשן איז אַלצדינג אינטערעסאַנט — אפילו דער נודניק.

* * *

לבנה־בלומען אין נאַראַיעוו שמייכלען מיט די שוואַרץ־גנבישע אייגעלעך, ווי קורטעזאַנעלעך פון גאָלד און צאַרטקייט.

* * *

מיט מיין גומענעם קנאָפּל טרעט איך דער ווייטקייט איבערן קאָפּ. אָבער זי הערט נישט, זי הערט נישט!

* * *

אפילו מיט שלעכטס טוט־ווי זיך צו שיידן, וואָרן ווייניקער ווי מיטן לעבן שיידן מיר זיך קיינמאָל נישט.

* * *

אַלע מיינען אַז איך בין אומיסנע
משה נאַדיר. אַז איך בין נישט־אומיסנע משה נאַדיר, דאָס פאַלט קיינעם נישט איין.

שלעפּן מיך פּאַרטייען אַהער און אַהין. איך קאָן מיך נישט אויס אין די זאַכן. זאָג איך בלויז: „די מאַמע האָט מיר אָגעזאָגט איך זאָל מיך היטן״, און איך ראַטעווע מיך... פון 1 פייער אינם אַנדערן.

דערווייל איז ביטער, ווייל היטן קאָן איך מיך נישט, און נישט־היטן קאָן איך מיך אויך נישט, וואָרן מיין יעדער נישט־היטן ווערט אויסגעטייטשט, אַריינגעטייטשט, איבערגעטייטשט.

ווי אַ קינד בין איך פאַרלוירן. איך פאַל און צעשלאָג מיר די נאָז און זיי זאָגן „וואָס פאַראַ גימנאַסטיק דער נאַדיר מאַכט עס!״

* * *

שרייב איך געלונגענע ווערק, האָבן מיינע פריינט הנאה דערפון, אָבער מיינע שונאים ערגערן זיך און ווערן בלאַסער פון־טאָג־צו־טאָג. זע איך ווי מיינע פערזענלעכע נישט־ליבהאָבער קוקן אויס אַזוי שלעכט, און ווי זייערע אויגן זיינען אַזוי באַטריבט, טוט מיר אויף זיי וויי דאָס האַרץ. פאַרט מענטשן! און זיי דאַרפן אויך לעבן.

אַ טייל פון זיי זיינען טאַטעס פון קינדער, און נאָך אין די מיטעלע יאָרן, אַנדערע פון זיי אַרבעטן נעבעך שווער אַ גאַנצן טאָג און זייער גאַנץ ביסל פאַרגעניגן איז — וואָס זיי האָבן מיך פיינט. זאָל איך זיי נישט פאַרגינען דאָס ביסל פאַרגעניגן?

אַזוי טראַכט איך און איך גיי אַהיים און שרייב אָן מיינע אַ נישט־געלונגענע זאַך — ספּעציעל פאַר מיינע שונאים.

זאָלן זיי נישט מיינען אַז איך בין אַזאַ שלעכטער מענטש ווי מען זאָגט!

קאַפּריזן

די סודות פון דער וועלט

דער „ירמג" שרייבט:

אַלצדינג אויף דער וועלט וואָס גאָט האָט באַשאַפן האָט ער באַשאַפן צו דריי.

ווייל ג׳ איז בגמטריא ג׳ ברוך הוא.

און גלייך ווי דער אתרוג ווערט נישט געמינערט דערפון וואָס מען שמעקט צו אים אָדער דאָס ליכט דערפון וואָס מ׳צינדט אין אים אָן אַנדערע ליכט, אַזוי ווערט די ציפער „3" נישט געמינערט דערפון וואָס אַנדערע ציפערן וואָס גייען מיט איר, ווילן אַז זי זאָל ווערן קלענער אָדער גרעסער. און פונקט ווי אַ מאַנצביל, להבדיל, וואָס וויל נישט מזנה זיין איז ניט יוצא דערמיט וואָס ער פאַרשפּיליעט אַ קנעפּל פון זיין בעקעשע אין אַ פרעמדער „פּיטעלקע" — אַזוי איז אויך קיין שום מענטש נישט יוצא מיט הוילע רייד אויב ער גלויבט נישט אין זיי מיטן גאַנצן האַרצן.

ווייל אַלצדינג אויף דער וועלט האָט ג׳ ברוך הוא באַשאַפן צו דריי:

משה, אהרן, אמנון — דריי.

זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק — דריי.

גאָלד, זילבער, דימענטן — דריי.

עפּל, באַרן, פלוימען — דריי.

ראש־השנה, חנוכה, צום גדליהו — דריי.

הימל, ערד, פרנסה — דריי.

פערד, בהמות, מענטשן — דריי.

גרויסע סודות גייען אַרום אויף דער וועלט און האָבן נישט... (שווער צו זאָגן וואָס זיי האָבן נישט).

שיינשריפטשטעלעריי

ס׳אומגליקל האָט פּערל־אוירינגלעך.

רויטע שניר־שיך פון הירשנפעל און ס׳בייטשל סוויסטשעט אים פון הינטערן אָרעם אַרויס.

עלנט, נויט, מידקייט זיינען דריי נאַשפּיץ־פערד אין דעם פוילן פיאַקערל פון מיין לעבן.

ביים ערשטן פערד איז די פעל פול מיט פליגן. ביים אַנדערן שלעפּט זיך אַ פּאַדקאָווע נאָך. ביי דריטן איז דאָס אויגנדעקל גע־לעכערט און די זון איז מצער אַ שלעפּעריק אויג.

ים־ווייטקייטן גלאַנצן ווי נייער בלעך, וואָס וויל ווערן זילבער און אפשר גאָלד.

מ׳דאַרף עס איבערטראַכטן, מיידל. מ׳דאַרף זיצן אין דער זון און איבערטראַכטן.

העך... און וואָס וואַרפט דער טורעמוועכטער זיינע זונך־שטראַלן ביינאַכט ?

א י ך ב י ן ד אָ ך ש ו י ן ד אָ !

שטילערהייט

„די טרערן שפּריצן פון בעכער —
פון בעכער אַרויס״.

לאָמיר, ברידער, שטילערהייט זיך אַראָפּכאַפּן אין קעלער אַריין און ווינטשן אונזערע שונאים אַ גוט און פריילעך יאָר.

לאָז גאָט העלפן, זיי זאָלן דערלעבן איבעראַיאָר און אונז ווידער ו ו י נ ט ש ן שלעכטס.

און מיר זאָלן ווידער לעבן און זיין געזונט און זיי מוחל זיין.

וואָרים אַלע וועלן מיר דאָך איבערלאָזן אונזער ביסל צערונענעם שאָטן און נאָך אונז וועט בלייבן אַ הימל וואָס פאַרגיט, אַן ערד וואָס פאַרגעסט, אַ לבנה וואָס סע אַרט זי נישט, אַ זון וואָס געדענקט נישט.

לאָמיר זיך אַראָפּכאַפּן אין קעלער אַריין, ברידער, און שטילערהייט אָנווינטשן אונזערע שונאים אַלדאָס־גוטס. נאָר זיי זאָלן עס נישט הערן, די פאַרכעס.

איך פאַרגין זיי נישט זיי זאָלן וויסן אַז איך ווינטש זיי אַלדאָס־גוטס — די פּאַסקודניאַקעס.

פון נעכטן ביז מאָרגן

טאָקע דאָ־אָ, נישט ווייט פון קיינעם זיך איך. איך גיי נישט אינערגעץ. איך פאָר נישט אינערגעץ, ווייל וואו איז דען ווייט?

מ׳האָט מיר איינמאָל געזאָגט, אַז ערגעץ זייער, זייער, זייער ווייט איז דאָ אַ לאַנד, מיט גילדערנע בערג און זילבערנע פּוטערברויטשניטן. האָב איך גענומען ס׳קעלבערנע רענצל אויף די פּלייצעס, געקויפט אַ שיפסקאַרטע און אַוועקגעפאָרן.

דער ים האָטגע—, דער הימל האָט גע—, אַ גרויסער שטורם האָט זיך אויפגעהויבן און געצערנט אונזער שיף. איך האָב געדאַוונט און געבראָכן, און געלעקט לימענעס. און אַז איך האָבן אויפן אַכצנטן טאָג — דערזען אַ גרין אינזעלע, האָב איך מיך צע— מיט אַזוינע גרויסע טרערן. דערנאָך האָב איך מיך געוואָלגערט אויף באַנען (עפּילעפּטישע) געריטן אויף קעמל־האָרבעס, זיך געשלעפּט צופוס...

און אַז איך בין סוף־כל־סוף אָנגעקומען קיין (זאָגן מיר) טאַי מאהאַל, אין אינדיע, האָב איך דערזען, אַז סאיז גאָרנישט ווייט, אדרבה, ס׳איז אַזוי נ אָ ע נ ט , אַז ס׳איז אַ בזיון צו זיין דאָרט. וואָס האָב איך אַ וועלט־מענטש, אַן אַרומפאָרער צו טאָן אין אַזאַ נאָענטן אָרט?

פונדעסטוועגן בין איך איך מיר דערווייל אין טאַי מאַהאַל, אין אינדיע, איך זיץ ביים ברעג פון גאַנגעס און לייען אַ „מאָרגן־זשורנאַל״. פּעטער ווערניק ווערט היינט־מאָרגן 60 יאָר אַלט, און מאַנישעוויטשעס מצות, זיינען די בעסטע מצות; אַ פּרוי פאַלט פון עלפטן שטאָק און ווערט — (מ׳ווייסט שוין וואָס זי ווערט).

* * *

די ליים־געלע גאַנגעס־ברעגן זיינען באַוואָרפן מיט מענטשן, געלאַנגווײלטע קראָקאָדילן, מיט האַרט־לע־דערנע פּנימער, ווי... (ווי וואָס?) שטעקן אַרויס די קעפּ און וואַרטן, אַז גאָט זאָל זיי צושיקן עפּעס אַ גוטן, האַרטן טאָפּטשאַן אויף אַנ־בייסן. אין דער לבנה־העלקייט ציען זיך גרינע רויכלעך צום הימל. עס ליגן קאַלטע טויטע מענטשן־קערפּערס אַרום. צום פאַרברענען.

די מתים ליגן דערווייל האַלב אין וואַסער, איינגעוויקלט אין ווייסע אָדער רויטע געוואַנטן, און מען דאַרף זיי טאָן זייער רעכט. נעמט מען זיי אַרויס ווי מאַרינירטע פיש פון אַ סלאַי, מען לייגט זיי אַרויף אויף טראָג־בעטלעך פון באַמבוס, און מען דרייט זיך מיט זיי דריי מאָל אַרום דעם שייטער־הויפן. דער נעענטסטער קרוב, צינדט אונטער דעם שייטער...

ס׳איז אינדיע. אַלע פרומע לאָזן זיך פאַרברענען. קינדער ווי־ניקער ווי 10 יאָר אַלט וואַרפט מען אין וואַסער, און די קראָקאָדילן האָבן וואָס צו עסן (גאָט פאַרלאָזט נישט זיינע קינדער, אפילו די קראָ־קאָדילן נישט!)

ביי די ברעגן פון גאַנגעס ליגן אַ סך, אַ סך מענטשן. אַ טייל טויטע, אַ טייל האַלטן ביים אויסצאַנקען, ווילן נישט עסן, זופּן נאָר מיט פאַרברענטע ליפּן — הייליק וואַסער. שאַ, אָט קומט אָן אַ וועכטער, רירט אָן די קערפּערס מיט אַ שטעקן און, אויב איינער וויזט נאָך אַרויס אַ סימן פון לעבן, באַגריסט ער אים מיט אַ פרומען שפּרוך און גייט ווייטער.

טאָג ווי נאַכט ברענען שייטערן ביי די גאַנגעס־ברעגן. קליינע, אָרימע פייערן. האַלץ איז טייער אין אינדיע. דאָס פאָלק איז אָרעם, בלויז ביי דעם „מאַני־קאַראַניקאַ גהאַט״, הייליקסטער פון אַלע טע־ראַסן, ברענט דאָס פייער העל און אָנשטענדיק. דאָרטן ברענען די רייכסטע לייט פון אינדיע.

עס קאָסט טויזנט רופּיעס — — —

נישט ווייט פון אָט דעם „גהאַט״ פאַלן די אָפּפלוס־קאַנאַלן אַריין אין גאַנגעס. דאָס וואַסער דאָרט פליסט שווער און בלעזלדיק.

בייטאָג. פון ווייטן זעט זיך דער קופּאָל פון אַ גילדערנעם טעמפּל. אַ פרומער אינדיער שטעלט זיך אויף די קני, שעפּט אָן מיט דער הוילער האַנט אַביסל וואַסער, און טרינקט עס אויס מיט גרויס דאָרשט.

איך לאָז איך איבער אין אינדיע און לויף צוריק אין מיין קאַפּיי וואָס איז זייער ענלעך צו טאַי מאַהאַל מיט דעם וואָס (אַז מ'איז דאָרט) איז עס אויך גוואַלדיק נאָענט.

און אַז איך בין שוין צוריק אין קאַפּיי טרינק איך טיי, אָדער וואָס, און פאַרבייס מיט אַ טרויעריקן זיפץ פון מיין טיפן האַרצן אַרויס, און איך רעד מיט משה לייב האַלפּערין וועגן וועלט און מענטש און אַנדערע קליניקייטן . . .

משה לייב גיט צו אַז „אפילו ווען יאָ, איז אויך". אָבער איך האַלט מיך ביי מיינעם, אַז די פראַגע איז דאָ נישט צי — — נאָר — — — —

האַלפּערן זאָגט, „אַז פון זאָגן ביז זאָגן איז אַ חילוק". דאָס קלעזמערישע דיכטערל לאַכט מיט אַ מעשענעם צאָן, און דינגט זיך מיט אונז, אַז ער איז גרעסער ווי יעדער איינער. הער בורשטין, דער „קענעגלעכער פּאָעט", זיצט נאָבל וואָס נאָבל קען נאָר זיין. שטעקט אַרויף זיין פרינצלעך ציגאַרל אויף אַ הילצערנעם צאָן־שטעכער און דערציילט מיט פיינע פיזעם־זשעסטן, אַז ער קלייבט זיך אויף אַ זעלבסט פּערזענלעכן קאָנגרעס, פון זיך זעלבסט, נעמלעך.

Sע גייט נישט אין דעם, און סע גייט נישט אין יענעם. ביי משה לייבן ברענען משלים ווי געפּלאַכטענע הבדלות: אַ גאַנצע וואָך, זאָגט ער, גייסטו אַרום און זאָגסט זעלטן־טיפע, קלוגע זאַכן. זונטיק ביינאַכט, גיסטו אַ קוק אין דער ציטונג וואו דו שרייבסט, דרוקט זיך דאָרטן דיינס עפּעס אַ טאַמעוואַטע לידל — — די קלוגהייטן האָסטו אַרויסגעוואָרפן אומזיסט, פאַר די נאַריש־קייטן מוז מען דיר באַצאָלן.

און דאָס וואָס איך זאָג, אַשטייגער, „אַ ריינער קוואַל"? — דער קוואַל איז קיינמאָל נישט ריין, אין קוואַל זיינען דאָ שטיינדלעך, זאַמד, בלעטער — אַמאָל פּליושקעט זיך דאָרטן אַ בהמה.

ריין איז נאָר דאָס קליינע וואַסער — אין אַ גלעזל.

שלאָג איך צוריק מיט אַ משל קעגן די יונגע ליטעראַטן. — אַ זייגער שטייט, און שטייט, און שטייט, אָבער איינמאָל אין טאָג טרעפט ער פונדעסטוועגן די צייט . . . נישטאָ קיין זייגער וואָס זאָל כאָטש איינמאָל אין טאָג נישט זאָגן דעם אמת . . .

און נאָך אַמאָל וועגן פּעטער ווערניק און זיין „מאַרגן־זשורנאַל": יאָר ביינצן הונדערט מיט עפּעס: נישט געוועזן קיין אַרבעט, נישט פאַר די הענט, נישט פאַר די ציין. איך בין שוין אַביסל פאַרהייראַט, און די פליכטן פאָרן מיט אַנטקעגן נאַ־שפּיץ. געשריבן האָב איך דעמאָלט וואו ס'האָט זיך געלאָזט, ס'האָט זיך אָבער נישט געלאָזט קיין סך, ס'רוב רעדאַקטוירים האָבן צוגעהאַלטן.

בין איך אַוועק צו פּעטער ווערניק און געזאָגט: פּעטער ווערניק — — — און די אויגן האָבן געזאָגט ס'איבעריקע. ווערניק האָט מיך אויסגעפרעגט ווי אַלט איך בין, פון וואַנעט איך קום, ווען איך רעכן צוריקפאָרן, ווער איז געווען מיין פּראָפעסאָר פון אָרניטהאָלאָגיע... און צי קען איך אויסרעכענען וואָס פאַר אַ שטח עס וואָלט פאַרנומען ווען מ'זאָל צונויפשטעלן אין אַ גלייכער שורה אַלע קוגלען וואָס די אידן פון דער גאַנצער וועלט עסן אויף פון פרייטיק זייגער עלף ביז מיטוואָך פינף מינוט נאָך 8?

ער האָט דערוויילן געגעבן זיין שרייב־מאַשינדל „איבער די ציין", אָפּגעמאָסטן ס'אונטערשטע לייט־אַרטיקל זיינס (ס'קלענערע) אויסגע־מעקט דאָס וואָרט „יעצט" און צוגעשטעלט „יעצט־עבען" כדי עס זאָל אויספילן מער פּלאַץ. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, ווי אַזוי וואָלט איך געשריבן ווען איך דאַרף שרייבן „איך שרייב אַ בריוו". איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וואָלט געשריבן פּשוט, „איך שרייב אַ בריוו". האָט ער געשמייכלט אונטער די שיינע וואָנצן און געזאָגט: מ'שרייבט נישט גלאַט „איך", דאָס איז קיין סטיל נישט, מען שרייבט: „א י ך א ל ס א ז ע ל כ ע ר", און ווי וואָלט איר געשריבן, אַשטייגער, „איך טראַכט"?

כ'האָב זיך דערשראָקן און געזאָגט: „איך טראַכט" וואָלט איך געשריבן: „איך דענק".

נע, האָט ער געזאָגט, „איך דענק" איז טאַקע בעסער ווי „איך טראַכט", אָבער ריכטיקער איז צו זאָגן: — „איך, פון מיין זייט, דענק".

אַ הונדערטער! אַ הונדערטער!

איך האָב (ווי שטענדיק) באַדאַרפט האָבן אויף אַ מינוט, אַ הונדערטער, כאַ,כאַ. בין איך אַרומגעגאַנגען און געטראַכט: „וואו נעמט מען אַ הונדערטער"? אַט אַזוי־אַ, מיט די ווערטער. דערווייל בין איך געגאַנגען זיך אָפּשערן. איך האָב מיך באַקוועם אַרויפגערוקט אויפן ווייכן בענקל. דער שערער האָט ברוגזלעך באַטראַכט מיין קאָפּ און איך האָב געזען אין זיין פּנים, אַז ער וואָלט בעסער געשוירן דראָט איידער — מיך.

ער האָט מיר אַרומגעוויקלט מ׳האַלז מיט אַ באַנדאַזש פון מאַרלע, גענומען קלאַ־קלאַען מיט זיין בלישטשנדיק מאַשינדל איבער מיין קאָפּ. איך האָב געקוקט אויף אים אין שפּיגל, געזען אַז ער האַלט הינטערן אויער אַ ווייס, לאַנג קעמעלע, ווי איך, אַשטייגער, האַלט אַ בלייפעדער; געפּרואווט געפינען עפּעס אַ פאַרגלייך צווישן זיין פּאַך און מיינעם, נאָר אַזוי ווי איך בין געווען ניט אויסגעשלאָפן פון אַ נאַכט פריער, בין איך איך ביסלעכווייז אַנדרימלט־געוואָרן אונטער זיינע הענט ווי אַ פייגעלע.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזען אין שפּיגל עפּעס אַ באַקאַנטן מענטשן, ער האָט אויסגעזען אַביסל ווי מ׳ נאַדיר, אָבער זאָגן אויף זיכער אַז דאָס איז ע ר, האָט מען נישט געקענט.

אַז דער שערער האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּזאָגן מיין לינקע פּאה דאָס לעבן, איז מיר פּלוצים ווידער געקומען אויפן געדאַנק די פיר פאַטעטישע ווערטער: 1) אַ 2) הונ 3) דער 4) טער.

און ערשט דעמאָלט בין איך געוועזן זיכער, אַז דער מענטש וואָס זיצט דאָ אויפן בענקל און רייבט זיך די אויגן, מוז זיין (נישט קיין אַנדערער) ווי מ. נ.... און קיין הונדערטער איז נאָך אַלץ ניטאָ! גיי איך אַרויף אין דרוק־שאַפּ פון דער „פרייהייט". איך ווייס די זעצער פון דער „פרייהייט". זיצן טאַקע מיט אַ שטאָק נידעריקער פון די שרייבער, דערפאַר איז אָבער זייער פאַרדינסט מיט עטלעכע שטאָק העכער.

איך בין צוגעגאַנגען צו דעם אינטעליגענטן מר. גרושקין און גע־
זאָגט: אפשר קענט איר מיר אַנטלייען אַ הונדערטער אויף אַ טאָג?
ער האָט מיר אָפּגעצויגן אַ פּרוף־בלאַט פון מיין „פון נעכטן ביז מאָרגן״,
געגאַנגען עטלעכע מאָל אַהער און אַהין, כדי צו געווינען מער צייט,
און צום סוף געזאָגט: — „ווי קומט צו מיר געלט? — גייט צו מעל־
צערן, ער איז אַ זעצער און אַ דיכטער, אַ זעצער פאַרדינט, אַ דיכטער
גיט נישט אויס, גייט צו אים, ער'ט אייך זיכער געבן״. איך בין צוגע־
גאַנגען צום ווילד־לאָקיקן מעלצער, יענער איז געוואָרן אַביסל דער־
שראָקן, זיך אָנגעכאַפּט אין עפּעס אַ גרייז, אויף אַ הייסער, בלייערנער
שורה, ווי איינער וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, דערנאָך
האָט ער געזאָגט: — „ווי קומט צו מיר געלט? איר מאַכט שפּאַס?
טאָמער האָב איך אין באַנק אַ פערציק דאָלאַר — איז... ווייס איך
שוין נישט צי איך האָב זיי... גייט צו י ע נ ע ם חבר״. ער
האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ מענטשן מיט אַ שיינעם גרויען קאָפּ וואָס
איז מעטראָנפּאַזש פון שאַפּ און האַנדלט צוביסלעך מיט גרונט־אייגנטום.
איך האָב אים געזאָגט דעם פּסוק פון דעם הונדערטער, ער האָט גע־
ענטפערט זייער פלינק: „אדרבה, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — וואָלט
איך אייך געליגן — ווען איך האָב. ליידער, האָב איך ניט. ווען איר קומט
מיט עטלעכע חדשים פריער. בעט ביי א י ם!״ מיר אָנגעוויזן
אויף אַ זעצער ביי דער צווייטער מאַשין, אַ ריינלעכער, דזשענטל־
מענישער מענטש מיט מוזיקאַלישע מאַניערן, ער באַהאַנדלט די לייַ־
נאָטייפּ־מאַשין ווי אַ האַנט־אָרגל.

איך האָב אים צוערשט געפרעגט צי ער האָט אַ טשעק־בוך?
„וואָס דען ניין, וואָדען? — אַ הונדערטער! אַ הונדערטער? האָט ער
איבערגעזאָגט מיט אַ טאָן, ווי איינער רעדט, אוי, אַן אומגליק איז מיך
באַפאַלן! קיין גאַנצן הונדערטער האָב איך נישט... כ'האָב אַרום
80 דאָלאַר... דאַרף איך צאָלן 60 דאָלאַר דירה־געלט און 30 דאָלאַר
פאַר דער אינשורנס־פּאָליסי, פעלט מיר נאָך 10 דאָלאַר, וועל איך מיר
שוין אַן עצה געבן״.

אַלע האָבן מיך איבערראַשט מיט זייער פיינער טעכניק אין אָפּ־
זאָגן אַ שרייבער אַ גמילת־חסד.

די אַלע תירוצים זיינען מיר צונויף־געקומען. איך האָב אָוועקגע־
שיקט אַ בריוול צו אַ באַקאַנטן מעצענאַט, וואָס האָט מער געלט ווי
חשק עס אָוועקצולייען, און איך האָב געשריבן אַזוי:

ליבער הער, מיינע אינטערעסן פֿאָדערן אַ הונדערטער. אייערע אינטערעסן, ווידער, פֿאָדערן, אַז איר זאָלט נישט געבן, נאָר אַזוי ווי אָן אַ תּירוץ, קענט איר דאָס נישט טאָן, ווייל עס פּאַסט נישט, און אַזוי ווי אויסטראַכטן אַ גוטן תּירוץ, איז אַן אַרבעט וואָס פֿאָדערט צייט און שׂכל, שיק איך אייך אַ פּאַרטיק צעטל מיט תּירוצים. יעדער תּירוץ האָט אַ נומער. קלייבט זיך אויס דעם תּירוץ וואָס איז אייך מער צום האַרצן, צייכנט אָן מיט אַ רויט צײכל, און שיקט צוריק דאָס צעטל".

אויף מאָרגן האָב איך מיט דער ערשטער שנעל־פּאָסט געקראָגן אַ בריוו, אינעווייניק איז געלעגן אַ הונדערטער!

אין אַקטיאָרן קלוב

איך בין אַרויף אויף אַ העכערן שטאָק פונם קאַפיי, וואו די אידישע אַקטיאָרן האָבן זייער בירזשע. אויף די בענק וואָס שטייען ביים אַריינגאַנג צום „אָפיס" זיינען געזעסן צוויי עלטערע אויסגעדינטע שוישפּילער, און עפּעס געשמועסט. זיי האָבן זיך געטיילט מיט הוסט־באַנבאָנעס פון אַ צעקנייטשט פּאַפּירפּידעלע אַרויס. זייערע אויגן האָבן דעקלאַמירט עפּעס אַ שאַרפן מאָנאָלאָג (פון יעקב גאָרדינען? פון משה ריכטערן?)

דער עלטערער פון די צוויי האָט זיך מיט מיר געגריסט אַזוי גרינטלעך ווי איך וואָלט געהאַט אַן אייגן טעאַטער, מיך גערופן „טאַטעלע", און מיך געפרעגט וואָס מאַך איך עפּעס? — „אוי, אַ געזונט אין אייך, אייער שרייבן איז דאָך גאָלד, פּערל, אַזוי זאָל מיך גאָט אויפריכטן! אין אייער פאַך, זענט איר אַ קעניג".

דער סוף סעזאָן דערנענט זיך, מ'זוכט „אַנגאַזשמאַס". אַלע קומען אויסגעפּוצטע, ווי ס'פּאַסט פאַר זייערע „זשאַנרן" — זוכן נעבעך אַביסל רום, אַ שטיקל ברויט.

די ליבהאָבערין: אין לעבן איז זי אַ פרוי וואָס איז שטאַרק צוגעבונדן צו איר מאַן און צו איר קינד. אַהער קומט זי נעבעך „פּאַרפירעריש" אָנגעטאָן, און שמייכלט מיט אַ געפּייניקטן, מידן שמייכל.

די אינטריגאַנטקע קומט אַהער שטאַרק אויסגעבעסערט. די פּלאַטינום־לאָקן פריש פון אונטערן קרויז־אייזן.

די סוברעטין האָט היינט ציינווייטיק, אָבער זי איז פריילעך. זי גלעט זיך די היפטן, באַנעצט זיך אַלע ווייַלע די פּאַהלעך און מוטשעט דאָס קורצע קליידל אירס אַרויפצוצו, אַרויפצוצו.

דער זענגער (קיין זינגער זיינען אין אידיש טעאַטער נישטאָ, נאָר ז ע נ ג ע ר) —גייט אַרומגעוויקלט דעם האַלז און מאַכט: ענפּע־פּע־פּי־ענטראַף... און דער פּאַטער־ראַליסט רעדט אומיסטנע נאָך הייזעריקער, ווי ער איז, עס זאָל קלינגען „פּאַטעטיש".

* * *

יאַר־יאַריד פון קונסט. דער די־
רעקטאָר פון דער פּראָווינץ איז געקומען אין שטאָט אַריין איינהאנדלען
סחורה. ער האָט אויף זיך אַ גוט טוליפּל מיט אַ פּיזעם־קאָלנער. אין
זיין ברייט אויסגעקניפּטן קראַוואַט בלישטשעט עפּעס אַ פרעך־דימענ־
דיקע זאַך. ער קייט און רויכערט אַ גוטן ציגאַר, וואָס לאָזט פון זיך
דאָס אַש ניט אַראָפּ.

אַז ער צעקנעפּלט זיך, זעט מען: אויף דעם קייט־נאָכהענגער
פון זיין זייגער איז עפּעס אַ מעדאַל, אָדער אַ קמיע (קאַמייע). דאָס
איז אַ מתנה, זאָגט ער, פון מיינע אָנהענגער, דער שטעקן אויך, די
דימענט־שפּילקע אויך. מען באַוואַרפט אים מיט מתנות קאַניינהאָרע.
ער צערעדט זיך מיט מיר: „העלאָ, טאַטעלע, וואָס מאַכט איר?
האַ? וואָס א י ך מאַך?... — פיין, פיין, גאָט צו דאַנקען! ווי
דער גאָטזעליקער... פלעגט זאָגן (ער דערמאָנט עפּעס אַ ווערטל
פון אַ פאַרשטאָרבענעם שוישפּילער) קומט, טאַטעלע, מיך זען שפּילן.
אין דער ראָלע פון „אידישן גלח" בין איך באמת אַ גאָט.

ס'איז יאַריד, מ'דאַרף זיך אַגאַנ־
זשירן אויף איבעראַיאָר. שוישפּילער האָבן אַ מיאוסע טבע: זיי עסן,
און ס'איז אַפּנים אַ כלל, אַז דער קאָפּ, ווי שטאָלץ ער זאָל נישט זיין,
מוז זיך נויגן צום אייגענעם נאַפּל — ווען ער וויל אים באַדינען.

דער דירעקטאָר פון דער פּראָווינץ
האָט אַ ווייב, ברענגט ער ס'ווייב אויך. אפשר איז זי מער מבין. אפשר
קען זי זיך בעסער דינגען. די דירעקטאָרשע אין אַן עלטערע פרוי,
האָט זי נישט געערן די יונגע און שיינע מיידלעך, דרייען זיך יענע
אומזיסט אויפן קאָרעק. איצט שפּילט די לאָטערי פאַר די „מוטערס"
און „כאַראַקטער־שוישפּילערינס". דער מזלדיקער שטערן פון די ליב־
האָבערינס און אינטריגאַנטקעס, וועט ערשט אויפגיין שפּעטער ווען
דער דיקער דירעקטאָר וועט צוריק־קומען איינער אַליין, בעת זיין ווייב
וועט זיין אין שיינקייט־סאַלאָן און זיך לאָזן קרייזלען די לאָקן אויפן
קאָפּ און אָפּרייניקן די האָר פונם פּנים.

דיאַלאָגן:

— וואָס רעדסטו, טאַטעלע? דער גאָטזעליקער ב. פֿלעגט זאָגן, אַז איך בין אַ — — — —

— איך קען מאַכן אַ וואַנע אַכצן אַזוינע...

— אין יענער ראָלע בין איך אַ גאָט!

— ווען גאָט העלפֿט, ס׳איז דאָ פּרנסה — — —

— ליטעראַציע? כ׳האָב עס אין דר׳ערד! — איך וויל עסן!

איך קלייב רעשטלעך פֿון שמועסן, ווי שפּענער וואָס פֿליען פֿון אונטערן הובל.

די יונגע כאַראַקטער־שפּילערין, מיטן בלייכן ליאַלקע־פּנים און רויטלעכע קרויזן, וואָס קריכן פֿאַרשייט פֿון אונטער איר הוט, אימיטירט אַן אַקטיאָר וואָס קומט אַריין אין טעאַטער אויף רעפּעטיציע. דער קריטיקער האָט נעכטן אויף אים געשריבן שלעכס (זי אימיטירט) קומט דער אַקטיאָר אַריין איינגעשרומפּן. די שיך זיינען אויף אים גרויס, דער קאַפּעליוש איז איבער די אויגן, ד אַרבל הענגען אַראָפּ! אפֿלו דער שטעקן איז אים קירצער געוואָרן! ער מוז זיך אַנבויגן אַביסל...

פֿאַרקערט, ווידער, האָט דער קריטיקער אים (נעכטן) געגעבן אַ גלעט איבער דער באַק, קומט ער היינט אַריין און הינקט: די שיך זיינען אים געוואָרן צו ענג... דער קאַפּעליוש איז אים איצט אויפֿן שפּיץ קאָפּ, די אַרבל זיינען קורץ, דער שטעקן איז אונטערגעוואַקסן.

— וואָס פֿאַראינטערעסירט איך אַמייסטן אין טעאַטער, פֿריינט נאַדיר? — פֿרעגט מיך אַן אַקטיאָר, גוטברודעריש, צורעכט־מאַכנדיק דעם קנופּט אין מיין שניפּס.

— איך מאַך מיך גרויס און איך ענטפֿער:

— מיך אינטערעסירט אין טעאַטער הם... — דאָס פּובליקום אויף ד ע ר זייט בינע און די אַקטיאָרן אויף י ע נ ע ר זייט בינע!... די ערשטע שפּילן שטענדיק באַוווּסטזיניקע קאָמעדיע, די אַנדערע שפּילן שטענדיק אומבאַוווּסטזיניקע טראַגעדיע. הם, ווי ביי איך איז דאָ אַנגערויכערט. מ׳קען דערשטיקט ווערן...

טריוויאַ

1

עס מאַכט זיך, איר גייט פאַרביי און
אײער אויג זעט, אָבער ס'שוואַרצאַפּל פון אויג ווייסט נישט דערפון.

דער אייגענער שכל אַליין איז ווינציק. יעדער מענטש וואָלט באַדאַרפט האָבן צוויי שכלס. אַ שכל וואָס זאָל אַרבעטן און אַ שכל וואָס זאָל אַכטונג געבן אַז דער שכל זאָל אַרבעטן אַהין וואו מ'באַדאַרף.

זאָל דאָס זיין מעטאַפיזיק ווען איר גיט אַ זאָג: „מיינע אויגן שעמען זיך מיר צו קוקן אין פּנים אַריין?" ניין, נישט קיין סופּערפיזיק נאָר אַ פאַרענדיקטער איינמאָל־איינס, וואָס מ'קען אים נישט כאַפּן ביי דער האַנט.

איר זאָגט: „אומשטענדן", „פּאַסירונגען". איר זענט אַליין אַן אומשטאַנד, אַליין די איינציקע פּאַסירונג אין דער וועלט.

2

פילאָזאָפיע. וואָס איז עס אַזוינס?
ס'איז דער ווילן צו פאַרבייטן די גרויסע שרעק פאַרן ווער־וואָס־ווען מיט אומוויכטיקע קליינִיקייטן. פילאָזאָפיע פאַרענטפערט נישט. זי פאַררעדט, שלעפערט איין, ציט אָפּ די פראַגן פון שטאָף־צייט־רוים מיט דעם, וואָס זי לייגט אַוועק אַ האָר, שפּייט־אָן אין די הענט און פאַרמעסט זיך מיט אַ העקל, אויפצוּעפּענען די האָר. עס איז אַ געדאַנקען־שפּיל וואָס פאַרווייַלט די צייט. טאַקע די זעלביקע צייט וואָס שפּרינגט אונז ווי אַ לעמפּערט אין אויג אַריין. „וואָס איז צייט?" פרעגט דער פילאָזאָפיקער און זעצט זיך דערווייל אויף דער צייט און דערהרגעט זי צוביסלעך.

„וואָס איז רוים?" פרעגט דער דענקער און קריכט דערווייל אין דער מערת־המכפּלה, פון ווערטער אויף עטלעכע צענדליק יאָר.

און ביז ער קומט אַרויס איז דאָס שוין סיי־ווי פאַרענטפערט.

3

זיי טרומייטערן מיר אין אויער אַריין:
אָביעקטיוו, זייַ אָביעקטיוו ווי אַ קידוש־גלעזל. זייער גוט. איכ'ל זיין אָביעקטיוו ווי איך קען. דאָס הייסט סוביעקטיש.

דאָס גלעזל איז פאַר וועמען אַן אָביעקט, אַ דינגאַנזיך? פאַר מיר, אייער געטרייער לעזער קאסטעלשפּענער! נעמט מיך אַוועק פונם קידוש־גלעזל און ס'קידוש־גלעזל הערט אויף צו זיין אָביעקטיוו ווייל עס איז נישטאָ דאָס ביסל סוביעקט וואָס זאָל דאָס אָביעקטירן.

4

איך בין מיר, הי־האָ, אַ נעסט פאַר טראַכטונגען. קומען אָנצופליען די בידנע געדאַנקען ווי פייגל, פון רעגן פאַרנעצט. זיי בעטן זיך ביי מיר: „גוטער פריינט, לאָז אַריין! אַניט קומט אויס, חלילה, נעבעכיקן אין דרויסן". איך לאָז אַריין די טראַכטונגען. גיב זיי מיין גאַנץ איך־געצעלט. וואָיוועט זיי דאָרטן, זינגען, ליבלען זיך, און אין מיר פאַרגעסן זיי.

אָבער קיין שלעכט האַרץ האָב איך אויף זיי נישט. ווי די נעסט קען נישט האָבן קיין שלעכט האַרץ אויף די שוואַלבן וואָס האָבן זי געבויט, אָדער אויף די ליידיקייטן וואָס פייפן דאָרטן, ווען די שוואַלבן פליען אַוועק.

כ'בין ביי אייך אין די הענט, שקלאַפן מיינע. איך מוז דער־קיניגן מיין טערמין און פאַרטיק ווערן און אַהיימפאָרן אויף יום־טוב. פאַרשטייט איר מיך, טראַכטונגען מיינע?

5

דאָס לידערבוך, נו דאָס לידער־בוך. אָבער די פליג וואָס איז צווישן די שורות באַגראָבן געוואָרן! אָט איז (שרייבט ער) דער קליינער זילבערנער פליגל פון דער טויטער פליג אויף דעם וואָרט „גאָט", איר פליגן־בלוט אויף דעם וואָרט „רחמנות". איז דען וועלכער־ס'איז וואָרט אינם לידערבוך פאַטעטישער ווי דאָס פאַרלוירענע לעבן פון אַ פליג?

נעם־אָן (זאָג איך) אַן עמער מיט שאַטנס און גיס אים קריק אין ברונען אַריין, וועט דען דער ברונען ווערן פולער?

6

אויף מיין טישל געלע בלימלעך. אויך זיי איז מיין אויג אַ בעל־חוב. אויך די געלע געלע בליענישן מוז איך אין מיין לעבן אַריינשטעלן און פאַרזיגלען מיט מיין טראַכטן.

און די פּיאַלעטענע זיידנס פון מיינע פאָרהאַנגען, און די פיר געטרייע ווענט און די ביכער און די עטלעכע עפּל. און דעם גאַנג פאַלשע ציין אויפן וואַש־טיש אין מיין באָד־צימער (ניט מיינע!) און די אָפּגעקאָכטע, צעפּלאַטשקעטע זייף און די גאָל־קלינגלעך די פאַרזשאַ־ווערטע.

איך פאָלג־נאָך מיין אויג, מיין אויער, מיין בויך, מיין פוס. וואו זיי זיינען, בין איך אויך. וואו זיי זיינען נישט, וויז איך נישט מיין פנים. קענען זיי דען עפּעס מער פון מיר פאַרלאַנגען?

7

ס'איז דרייפערטל נאַכט.

אינדרויסן געשמאַקער חושך. ריטמישער רעגן.

אינעווייניק, דער גוטער, גרויער שלאָף. מידקייט רייט אויף מיינע הענט־קנעכלעך, הייסט פאַרטיק ווערן און קריאת־שמע לייענען.

אָבער צו וועלכן גאָט?

צו דעם פון „קוגל און חרוסת?“ צו דעם פון ווייררויך און גלאָקן־שפּיל? צו דעם וואָס רייצט אָן די פלוי אויפן עלעפאַנט, דעם עלעפאַנט אויף דער מויז?

8

גאָט זיצט אין הימל און באַשאַפט אַסטמאַ. פרואווט אַליין אויס יעדער ביסל אַסטמאַ אייער עס גייט ארויס פון הימל־פאַבריק, וואַרפט צו אַ כריפּ וואו מ'דאַרף, שטעלט אַריין אַ פייף.

דער מייסטער איז פּינקטלעך. דער מייסטער איז פּרעציז.

דערנאָך אַ זיגל. אַ נומער, אַן אַדרעס. יעדער ביסל אַסטמאַ אויף זיין אָרט. געאָמעטריש, אָרדענונג.

אָבער אַ קליינער טעות מאַכט זיך אפילו ביי געטער.

האָט מען (אין הימל) געזיגלט און געשיקט די נייע אַסטמאַס און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איין אַסטמאַ איז דאָ צופיל. קיין מענטש נישטאָ פאַר איר.

וואָס טוט מען?

פאַרקנייטשט די „גאָטהייט“ דעם שטערן און טראַכט און טראַכט און זאָגט אַזוי:

אַוועקוואַרפן די איבערגעבליבענע אַסטמאַ קען מען נישט ווייל אַלצדינג וואָס איך באַשאַף איז אויסגעצייכנט. דעריבער קען מען נישט לאָזן אַן אַסטמאַ אַרומגיין ליידיק. וועל איך באַשאַפן אַ מענטשן א י י ג נ ס פאַר דעם צוועק ער זאָל ליידן פון אַסטמאַ. און איצט (מאַכט גאָט) זאָל יעדער איינער אַזוי גוט זיין און מיך נעמען לויבן אין הימל־אַריין און זינגען הללויה.

9

איך און זי, ווער מיר זאָלן נישט זיין,
גייען איבער די שניי־גאַסן פון אַ קליין שטעטל.

זאַטע, באַטוליפּטע מענטשן שפּאַצירן איבער די וואַלד־וועגן און שלינגען און שפּייען לופט. שליטן־גלעקלעך. אויף מיין וואָרט! שליטע־לעך מיט גלעקלעך. קליינע יונגע פערדלעך גייען אין געשפּאַן ווי לוסטיקע אינגלעך. ביי זיי איז נאָך די אַרבעט אַ שפּיל. אַ שטיף טאָן אַביסל. זיך דורכלויפן איבערן שניי. פאַרוואָס נישט?

עלטערע, גרעסערע פערד קוקן אויף זיי פון אַ זייט.

— שנעקעס.

מיר גייען, מיינע אָרעמס איינגערינגלט אין אירע. צווי פּאָר אויגן לאַכן זיך אַנטקעגן. די וועלט איז ריין און ווייס און ווייס. דער טייך איז אונטער שניי. אָבער זיין פאַרהאַלטן לעבן איז מיט די פייגל וואָס פליען איבער אים.

ביים ראַנד פונם טאָג לענען מיר זיך אָן.

דער סאָסנע־וואַלד נעמט אונז אַריין אינמיטן און פירט אונז אַזוי ווייט ווי מיר ווילן.

דאָס שניי־לייַלעך איז בלוילעך, מיט שטערן אויסגעצירט, אָנגע־ציטערט.

— וואַלד און מיידל.

— נאַכט און אינגל.

מיט פרישן פראָסט אָנגעטרונקען, זינגען די פיס, גייט טאַנצן ס׳האַרץ און די אויגן זיינען פול מיט יום־טוב.

10

איך האָב אַ שטיקל חשד אַז אַ דיכטער וואָס קען נישט צוטראַכטן עפּעס אַ גוטן נאָמען פאַר זיין אַרבעט, קען אוודאי און אוודאי נישט

אויסטראַכטן קיין גוטע אַרבעט. די כיטרע גיבן זיך אַן עצה — איר ווייסט וואָס איך מיין. זיי רופן זייערע לידער לויט די ערשטע שורות פון די לידער אַליין, דאָס איז ווי אַ גרינגער גויאישער מנהג צו רופן דעם זון נאָכן טאַטן. גאָר אַנדערש איז אָבער, אַז מ׳דאַרף טאַקע צוטראַכטן אַ נאָמען. דאָ קען מען שוין דעם פאָטער פונם קינד דערקענען לויט דעם נאָמען וואָס ער גיט דעם קינד.

11

Dי ראָלע וואָס נעמען שפּילן אין דער ליטעראַטור, ווי אַזוי צו דערקענען אַ שריפטשטעלער לויט דעם נאָמען פון זיינע העלדן (ביי שלום־עליכמען, אַשטייגער, זיינען אַלע נעמען וואָרהאַפטיקע, ביי פּרצן, האַלב־זיכערע, ביי בערגעלסאָנען, באַוואָרנטע, ביי מיר — פאַלשע, און אַזויערנאָך ווייטער). אַז איכ׳ל אַמאָל האָבן אַ פרייען מיטוואָך, וועל איך אָנשרייבן וועגן דעם עפּעס גלאַנציקעס און פון אַ קליינעם באַטייט. נאָר גיכער וועל איך פאַרגעסן. אַזוי זאָגט מיר ס׳האַרץ (אַ פּרעכטיקער טאָג היינט, ניין? אין מיין נאָטיצביכל איז פאַרצייכנט „ברענג אַ פאַראַלעל צווישן פינטעלע איד און פינטעלע ליד... באַוויז אַז ביי די מייסטע פּאָעטן שרייבן לידערנע לידער אַנ־שטאָט... טראַכט עפּעס צו...)" — נאָר מיר׳ן דאָס אויך לאָזן אויף אַ צווייטן מאָל, אָדער — וואָס עס איז נאָך גרינגער — אויף קיינמאָל נישט...

לייקוואוד

דאָ איז אַ פאַרלוירענע כאַטע אין שניי.
אַ טיי־שטיבל פאַר דורכבלאָדזשנדיקע.

— גוטן אָוונט !

ווי גוטע שלוחים גריסן מיר. אונזער ליבשאַפט נעמט אַרום אַלצ־דינג אין דעם אָרימען שטיבל. אונזער פרייד צעצינדט ליכט אין דער הוילער לופט.

די באַלעבאָסטע טראָגט אונז אַנטקעגן אַן אָרימען גוטאָוונט אויף אַ גאָלדענעם טאַץ. זי לייגט צו אַ שייט האָלץ צום פייער אין קאַמין. דער טיש איז נאַקעט און ריין ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. עס שמעקט נאַפט, וואַלד־אומעט, פאַרוויאַנעטע שעהן.

מיר טרינקען די הייסע טיי. די וואַלד־ווייסקייט וואָס קניעט ביים פענצטער סאַלוטירט. מיר הייסן דער נאַכט (און דעם קוטשער) וואַרטן אין דרויסן.

שפעטער זיינען אונזערע ליפן אומ־רואיק און קענען זיך קיין אָרט נישט געפינען.

מיר קושן דעם זייגער־עלף וואָס איז צווישן אונז ביידן. מיר קושן די וואונדער וואָס מיר זיינען. מיר קושן די קליינע אייביקייט וואָס איז אונזער מינוט.

דער באַלעבאָס רוקט זיך אַרויס פון קיך. צעהילכט זיך דער זינגענדיקער עגמת־נפש וואָס ברענט קראַנק אויף זיינע באַקן. ער זעצט זיך אײנער אַליין ביי אַ טישל, צימבלט מיט אַן איינציקן פינגער אויפן נאַקעטן האָלץ אַזוי קלעזמעריש ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ קלאַוויר, אָדער ווי ער וואָלט געלאָזט ביטערן האַניק אַראָפטריפן פון די פינגער. דערנאָך באַפרייט ער פון זיך אַ זיפץ און זאָגט צו אונז אַריבער :

— היגע ?

— נישט אינגאַנצן.

— פון ניו יאָרק געקומען ?

— פון ניו יאָרק.

פאַרוויקלט ער אַ פאַפּיראָס און אַ שמועס.ביידע דין און פאַר־זיכטיק.

— זיי זיינען דאָ שוין אַ צוויי חדשים. ער און זיין פרוי. געשעפטן זיינען נישט אַזוי. דאָס הייסט: נישט שלעכט, נאָר נישט אַזוי... ביי־יאָר איז געווען גוט אָבער די יום־טובים אַנטלויפן זיי און סע ווערט ליידיק. וואָס לויפן זיי אַזוי?

די באַלעבאָסטע דערלאַנגט צעלאָזטע, הייסע פוטער פאַר די אַמעריקאַנישע קוכן־פלעצלעך וואָס ווערן געבאַקן אין אַן אייזערנעם פורעם, דערלאַנגט „מייפל־סירופ", דערלאַנגט אַן אונטערטעניקן שמייכל.

אויפן ברעג פונם נייעם גלאָז טיי זיצט „רייטנדיק" אַן איינגעשניטן פעניצל לימענע. די טיי און מיין געליבטע אָטעמען אַ סך און זאָגן צו.

איך פרעג:

— ווי גייט עס אייך?

די ווירטן ענטפערט:

— ברויט עסן דערפון קען מען נישט. אָבער אַ לויב צו גאָט. מיר הוסטן נישט — האַ, פּאָפּאַ?

— ניין, דאַנקען גאָט, די גאַנצע צייט נישט געהוסט.

דער מאַנסביל מיט די פאַרפלאַמטע באַקן צערירט זיך, ווערט לעבעדיק, אַ גרויסע האָפענונג איז איבער אים:

— איר ווייסט, ס'איז נישט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט... מען עסט פונדעסטוועגן. און הוסטן הוסט מען נישט. אינדערפרי איז אַביסל שווער... איידער סע צעוואַרימט זיך, און אַז מ'וויל אַרויסגיין מוז מען גייט אַ היבש שטיק וועג... אָבער בעסער ווי אין שטאָט איז עס פאַרט: אַוואַלד, אַ טייך, און די לופט איז זיס — כאָטש שמיר זי אויף ברויט... נאָר וואָדען? זיי קומען נישט. עך, ווען זיי זאָלן קומען!

ער האָט אָפּגעלאָזט דעם שמועס־פאַדעם. זי האָט אָנגעהויבן:

— דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר קיין טיי־הויז. ס'איז ווייט. און די יונגען און מוידן ווילן טאַנצן... ביי אונז איז ניטאָ קיין פלאַץ און קיין מוזיק האָבן מיר אויך נישט... האָבן מיר געקויפט אַ נייעם לאָמפּ — אַ געזאָלין־לאָמפּ... איר זעט? אָט דאָרט הענגט ער. ער

איז נישט ערגער ווי אַן עלעקטרישער... נאָר מ׳דאַרף אים אַלע ווײַלע אונטערפּאָמפּען מיט לופט, אַז נישט, גייט ער אויס.

זי האָט זיך פאַרקוקט אויפן לאָמפּ וואָס איז געהאַנגען אינמיטן שטיבל, און האָט געהאַט צוויי „ברענערס" — זידנדיקע...

ער האָט אויך געקוקט אַרויפצו צום לאָמפּ, געטראַכט אַפּנים מיטן ריטם פון דער רוישנדיקער לאָמפּ־ליכטיקייט און לסוף געזאָגט מיט אַ זיפץ, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט געווען אויך אַ שטיקל הוסט:

— איך לייג אַ סך האָפענונגען אויפן לאָמפּ...

דאָ האָט דער לאָמפּ גענומען שיפען, און שלוקערצן, און אויסגיין...

אינדרויסן האָט אויף אונז געוואַרט דער לאַכנדיקער קוטשער, די נאַכט און עפּעס אַ זיס, בלוי־פינקלדיק, גרינ־גאָלדן ליד וואָס די שנייאיקע ערד האָט געזונגען מיט מיליאָנען שוויגנדיקע גין־גלעק־לעך...

אַדיע, אַמעריקע!

(געשריבן אַ טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן
אין סאָוועטנפאַרבאַנד, יוני, 1926)

הײנט װיל איך מיך אָפּרוען, גאָרנישט שרײבן. באַטראַכט, איך בעט אײַך, דאָס הײַנטיקע שרײבן װי די װאַקאַציע־מתּנה פון אײַך צו מיר, די פּאַראַגראַפן זאָלן באַטראַכט װערן װי טאַשנטיכל־געפּלױדער פון אײנעם אַ נאָענט־באַקאַנטן (אפשר אַ געטרײען און געשװאױרענעם), װאָס שטײט בײ דער פּרענטשע פון שיף און געזעגנט זיך.

איך בין מיד פון מײַנע קלוגשאַפטן װי פון מײַנע נאַרישקײטן, נאָר די שופלאָדן װאָס טראָגן די אַלע קלײניקײטן מוזן זײן זױבער און שײן.

אױך מײן גאָרנישט־זאָגן מוז אײדל זײן.

מיד בין איך.

און איך פויל מיך אפילו צו זאָגן אַז זײער באַנג װעט מיר זײן אָן מײן „קאָלום“. אַויב איך װעל אים דאַרפן אױסלעשן אױף אַ צײט, ביז איך װעל מיך אָפּרוען, מײנע שריפטן אײנאָרדנען, מײן ביסל לאָרבער־גראָז צונױפנעמען, און זיך מיט אים לאָזן איבער דער װעלט דער װײטער, איבער די ימים די טיפע, (מיט ים־קראַנקהײט?)

נאָכאַמאָל טאַקע, די ברכה פון אַרבעט.

האַק דײן כּוח אַרײן אין האָלץ, האַקט דעם כּוח אַרײן קריק אין דיר, אָט דאָס־אָ, איז פאַרצײכנט הײנט (דעם און דעם טאָג) װי שטאָף פאַר אַ גאַנצער פאָר ליטעראַרישע הױזן, אָבער אױסגענוצט האָט זיך עס אױף איבערשטעלן אַ קנעפּל.

עס קאָנװיניִרט מיר.

װאָרין זײער גוט זײנען די אײנפאַלן צו מיר. װי שװאַלבן צעטומלטע קומען זײ צו מײן פענצטער, צעבלוטיקן זיך די פליגלען.

װאָס פאַראַ שאָד דאָס װעט זײן אַז איך װעל (אַמאָל) נישט זײן מער אין דער הײם צו געבן אָט דער געדאַנקען־צײגנערשאַפט אַ שטיקל הײם.

ש. ד. קומט צו מיר איך זאָל אים געבן שטאָף פאַר זיין לעקציע „די סודות פון שאַפן". ער איז ערנסט און אָפּגעבערענט פון דער זון. זיינע ציין זיינען ווייס און רעדן זיך שטענדיק דורך מיט זיינע אויגן־ווייסלען. די לעצטע האָבן אין זיך די ווייסקייט פון ציין.

איך דערצייל אים אַלערליי איבערטריבענע געשיכטעס וועגן די „סודות פון מיין שאַפן". דערצייל אים אַז איך אַליין בין אַ צעוואָר־פענער, אומרואיקער, האָב איך דערפאַר ליב אָרדענונג אין די זאַכן וואָס רינגלען מיך אַרום. לאָז, חלילה, זאָג איך, שטיין אַ שופלאָדל נישט אַריינגערוקט, אָדער לאָז מיין טינטאָרן נישט שטיין אויפן אָרט, בין איך שוין אין אַ שלעכטער שטימונג. דאָס, זאָג איך, זיינען די „סודות פון מיין שאַפן".

און וועגן פאָרמעס דערצייל איך אים אַזאַ בייקע: פאָרם און דופט האָב איך שטענדיק אין זיך. אָבער די ליניע אַנטליי איך שטענדיק ביי דער זאַך וואָס שטייט פאַר מיינע אויגן בעת איך שרייב. צומביי־שפּיל: לאָז שטיין פאַר מיינע אויגן אַן איינציק בלימל אויף אַ לאַנג שטענגל, וועל איך שטענדיק נעמען דערפון די לאַנגע ליניע, דאָס איידל־ ציטערדיקע, דאָס מעלאַנכאָליש־דערהויבענע. די פאַרב פון אַט דער בלום איז נישט וויכטיק. זי קען זיין געל, און פונדעסטוועגן זאָל מיין שרייבן זיין פיאָלעט. (יעדע דיכטונג, זאָג איך, קען פאַרטייטשט ווערן מיט אַ געוויסער פאַרב, קען אויפגעלייזט ווערן דורך איר) פאַר־קערט, זאָג איך, לאָז שטיין פאַר מיר אַ כריזאַנטעם, וועל איך אינ־ספּירירט ווערן צו שרייבן עפּעס ענגס, סאָלידס, צונויפגענומענעס.

אַזוי רעד איך (דורך ליולקע־רויך) צו דעם טויט־ערנסטן ש. ד. וועגן דעם „סוד פון מיין שאַפן". ער פאַרצייכנט דאָס אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, דאַנקט מיר, זאָגט אַז ער פאָרט קיין קאַליפאָרניע.

אַז ער גייט אַוועק קומט אַריין מיין פאַרשייטער זון, קערט איבער די שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ, שלעפּט אַרויס די שופלאָדן פון דער קאָמאָדע, זוכט זיינע שפּילעכלעך, שטעלט צונויף אַ שינע פון פאַר זיין קליינער, עלעקטרישער באַן, לאָזט זי לויפן.

פאַר די אויגן שטייט אַ געפאַרבט הילצערן קריגל מיט צוויי געפאַרבטע האָלץ־לעפל, דורכגעציפּיעט דורכן אויער פונם קריגל. אַ פאַרוויאַנעט בלימל אויף אַ הויך שטענגל אין אַ דין פּיסקלדיקער וואַזע. איך קוק אויף דער אומאָרדענונג, אויף די לאַנגע ליניעס און

איך שרייב: אַמאָל גוט, אַמאָל שלעכט, אַמאָל קלוג, אַמאָל נאַריש. וואָס האָט די בלום דערמיט צו טאָן? אָדער דער אַרויסגעריקטער שופלאָד?

דער סוד פון אַ מענטשנס שאַפן איז פשוט: דער סוד פון אַ מענטשנס שאַפן. גיט אַהער, כ'בעט אייך, ס'איז ער און זאָגט קיינעם נישט אויס אַז איך האָב אייך עפּעס אויסגעזאָגט.

דער סוד פון שאַפן.

מיין נח שטיינבערג באַסוועל זאָגט: קען מען דעם אַלצדינג נעמען אַזוי גרינג?

— מ'קאָן.

— קאָן מען, למשל, באַשרייבן ווי אַ פרוי קויפט בייגל און עס זאָל זיין ליטעראַטור?

— אוודאי. באַשרייב ווי אַן אָרעם מיידל קויפט אַ שיינעם בייגל, טוט אים אַן אַרום דער האַנט ווי אַ בראַנזלעט, זי שטעלט זיך פאַר, עס איז אַ מתנה פון איר חתן. פאַרשטייעסטעדען? אַז דו ווילסט, איז דאָס דראַמע, אַז דו ווילסט, איז עס ליריק, אַלעגאָריע, עלעגיע.

מיין נח שטיינבערג־באַסוועל לאָזט אַראָפּ זיין שטאַרק־אָפּגעשוירענעם קאָפּ, פאַרזוכט אַ נאָגל פון זיין לינקן גראָבן פינגער און דערנאָך כאַפּט ער און פאַרצייכנט עפּעס אין זיין ביכעלע — גיך־גיך.

און די שלייפן שוויצן ביי אים פון אָנשטרענגונג...

צוויי פעדערשפּריצן

1

נעכטן האָב איך אין אַ פענצטער פון אַ געשעפט געזען אַ טויט־גרינעם קאַשקעט מיט צוויי באַזונדערע שטרייפלעך פון פאָרנט און אַ רויט פּריילעך לעדער פּאַסיקל אַרום דעם גאַנצן ראַנד.

עס איז געווען אויסערגעווייִנטלעך.

„ווער וועט קויפן אַט אַזאַ קאַשקעט”, האָב איך געטראַכט, „סיידן אַ משוגענער”.

בין נאָך אַביסל געשטאַנען ביים פענצטער און באַטראַכט די גרינע קאָפּ־כּלי און אַ גרויס רחמנות האָט אַרומגענומען מיין האַרץ. איך האָב פאַרשטאַנען אַז אויב א י ך וועל דאָס נישט קויפן, וועט זי חלילה אַזוי בלייבן שטיין דאָ אויף אייביק.

איך בין אַריין און געקויפט דעם קאַשקעט.

2

איר, קליינע געדאַנקען אָן אַ באַ־טייט, וואָס קיינער וויל אייך נישט אַריינלאָזן, איך פאַרבעט אייך צו מיר אין געהירן אַריין ווי גוטע געסט. זיצט, ביטע!

איך וועל די מינדסטע פון אייך נישט פאַרשעמען. פאַרקערט, איך וועל פאַר דער שוועל פון מיין טיר אַרויסגיין, אַ בלאָז טאָן אין מיין גאָלד־שאָלעכצדיקן טרומייט און מעלדן:

— די געסט זיינען דאָ, ברענגט דעם ווייַרויך און די שטורקאַצן!

„פענונביקס"

(הקדמה צום ערשטן אַרטיקל צו דער סעריע מיטן זעלבן נאָמען)

ס'איז מיר נאָך קיינמאָל נישט אָנגעקומען אַזוי שווער אויסצוקלייבן אַ נאָמען פאַר מיינע זאַכן ווי היינט. איך האָב אײַנזינען געהאַט אָנרופן די־אַ סעריע „ביים שרייבטיש", אַ מין סאָרט גלגול פון מיין אַלטן „טינט און פעדער". האָט דאָס אָבער צו אַ ליטעראַריש־איכישן ביי־געשמאַק. דער חבר רעדאַקטאָר האָט פאָרגעשלאָגן אונצורופן מיינע נאָטיצן „אויף דער ליטעראַרישער פיקעטליין. שמעקט דאָס אָבער שוין צופיל מיט אויסגעהאַלטענער ליטעראַרישער באַוואָפנקייט. איך האָב אַ ווידערגעפיל פאַר יעדער זאַך, וואָס קען קלינגען ווי חניפה. צו דער קאָמפּאַרטיי, אָדער צום אַרבעטער־קלאַס.

* * *

מיט אַכט יאָר קריק, ווען מיין גלויבן אין קאָמוניזם איז נאָך געווען שוואַך אויף די פיס, איז מיר אָנגעקומען נישט שווער צו גלעטן אויפן פּלייצע דעם (ווי איך האָב דעמאָלט געמיינט) שוואַכן און געקריוודעטן „ברודער־אַרבעטאַרער", היינט אָבער, ווען די זיגערישע טריט פונם קאָמוניזם קלינגען אַזוי העל אויף אַלע פראָנטן, און איך האָב אַ באַשטימט געפיל אַז דער אַרבעטער איז דער מאָרגנדיקער „האַר פון דער גאַנצער וועלט", איז מיר שוין ליבער זיך צו פאַרנעמען דערווייל מיט זעלבסטקריטיק — קריטיק אויף אונזערע אַרבעטן, פירערשאַפט וכו' — ווי צו גלעטן און צו גיסן בוימל.

* * *

טראָג איך דאָס אַלטע, ווייסע העמד מיט דעם געשטיקטן קראַגן. טענהט מען: אַה, ער פוצט זיך אינטעליגענטיש, אַקטיאָריש.

קויף מיר אַ כאַקי־העמד און טו מיר עס אָן. זאָגט מען: אַהאַ, ער פוצט זיך שוין צום אַרבעטער־קלאַס, — ער שפּילט טעאַטער.

* * *

איך שעם מיך מיטן כאַקי־העמד נישט
וויניקער ווי מיטן ווייסן. איז שוין בעסער דאָס אַלטע ווייסע העמד. דערצו האָט עס די מעלה, וואָס איך דאַרף עס נישט גיין קויפן.

* * *

ס'איז דאָך מאָדנע:

קאָמוניסטן, וואָס לאַכן פון „גוטע מאַניערן", פון „פּולדרעס" און „סמאָקינג", שעמען זיך פונדעסטוועגן צו קומען אין געזעלשאַפט אין אַ העמד מיט אַ קאָלנער, כאָטש ער קאָסט ביליקער אויסצוואַשן אַ קאָלנער, ווי אַ גאַנץ העמד.

* * *

אַ אידישער שרייבער האָט זיך יאָרן־לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דער געגרייזלטער פראַגע: „וויפיל איז אַ סך?" ער האָט אפילו אויפגעבויט אַ גאַנץ טעאַטער־שטיק אויף דעם־אַ פּראָבלעם, נאָר קיין ענטפער האָט ער אַלץ נישט געוואוסט. ביז ער האָט די פראַגע געשטעלט צו אַ יונג פּיאַנערל אינם קעמפּ ניטגעדייגעט, כלומרשט אויף אַ שפּאַס. דאָס פּיאַנערל אָבער האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט בלויז אויף אַ רגע צוגעמאַכט די אויגנלעפּלעך מיט די שוואַרצע פראַנזן, זיך אַ קראַץ געטאָן אין קעפּל און געזאָגט:

— אַ סך איז „ראָבער" (גומילאַסטיק).

— פאַרוואָס עפּעס „ראָבער"?

— ווייל „ראָבער" ציט זיך!

* * *

די זעמלמעל־דיכטער זוכן דעם „ז י ן פון לעבן". מיר, די קאַרנראַזעווע, זוכן נישט דעם זין, נאָר דאָס לעבן אַליין.

וואָרהאַפטיק: מיר האָבן ליב ס'לעבן אַליין מער ווי דעם זין דערפון...

* * *

פאַרשטייט זיך, אַז אויב אימיצער וועט אונז אונטערטראָגן דעם „זין פון דעם אַלעמען" אויף אַ טעלערל, וועלן מיר זיך אוודאי נישט אָפּזאָגן דערפון. נאָר אויב אימיצער וועט קומען צו אונז מיט פאַרגלייזטע אויגן און מאַכן בוהה, און דערווייל

נישט וועלן טאָן אַ שטאָך אַרבעט, מיטן אויסרייד, אַז ער זוכט „דעם זין פון לעבן" — וועלן מיר אים זייער דעליקאַט צופירן צו דער טיר.

* * *

געוויסע דיכטער האַלטן דאָס שרייבן פאַר אַ „הייליקייט. אַ קליינינקייט עפּעס „שאַפונג"! פונדעסן פעדלען זיי מיט פּראָזן, ווי מיט שיכבענדלעך, „ווער גיט מ ע ר ? " מי קראַצט זיך איינער דעם אַנדערן די ליטעראַרישע פּלייצע. זיבן־אַכטל געזונטער גוף, לעבט אויף איין אַכטל שוואַכן קאָפּ. און שטאָטאַמטיצאַך! איר קענט זיך ביי זיי גאָרנישט אויסצאָלן פאַר דעם דיכטן וואָס זיי טוען דיכטן.

* * *

מיט יאָרן קריק האָט דער פּענונביקס־לער אויך געטראַכט, אַז דאָס לעבן איז בלויז אַ גרינג מיטל צו פאַר־טרייבן די צייט, וועלכע איז געלעגן ווי אַ מעשענער בעליק אויפן קאַרק. היינט — קלעקט קיין צייט נישט צו טראַכטן וועגן אַזוינע „פּענסי", שפּיציקע געדאַנקלעך. היינט רודערט און קנאַקט ס'פייער אַרום־און־אַרום, עס איז ליכטיק, געפערלעך און — אינטערעסאַנט.

* * *

די „טיימס", ווי מיר אַלע וויסן, איז אַ צייטונג מיט אַ „הויכן שטערן". זי שמייכלט קיינמאָל נישט. ווי אַ פרימאַדאָנע מיט אַ שיינקייט־מאַסקע אויפן פּנים, וואָס טאָר בשעת־מעשה נישט קיין שמייכל טאָן, זי זאָל נישט איבערפירן די „שיינקייט", אַזוי האַלט די „טיימס" איר פּאָזע פון אָנגעקראָכמאַלעטן ערנסט.

נאָר פאַרשטופּט אין אַ ווינקעלע, אויפן לייט־אַרטיקל־בלאַט, דרוקט זי, פריי־טאָי, אַלע טאָג אַ ליד — אַ מין באַשמעלצונג צו די מעשענע וואַרעניקעס, וואָס זי טראָגט אונטער אירע לעזער.

די נעמלעכע לידער זיינען שטענדיק זיס און קלעפּיק, מיט אַן אויפגעשטעלטן פילאָזאָפישן ווערידך. צי מערסטן זיינען זיי געשריבן פון פרויען, וואָס לאָזן דעם רויך דורך ביידע נאָזלעכער מיטאַמאָל, און האָבן ליב צו זיצן אויפן דיל, אָנשטאָט אויף בענקלעך.

נישט תמיד זיינען די לידער מיט הינטישע אויערלעך. אָבער פּאַרפומירטער הונט שמעקט פון זיי שטענדיק...

* * *

אין דאָרף ביינאַכט: ערגעץ אין אַ שטיבל ברענט אַ פייערל. איר גייט אין יענער ריכטונג. אַז איר קומט־צו נישט ווייט פון דעם שטיבל, לעשט זיך דאָס פייערל אויס. דאַכט זיך אייך, אַז דאָס האָט מען אייך פּערזענלעך באַליידיקט — כאָטש דאָס שטיבל איז אַ פרעמדס און איר קענט דאָרט קיינעם נישט.

* * *

שאַ, זאָגטס נישט אויס! מיר ווייסן שוין פון וואַנעט קריזיסן נעמען זיך. זיי נעמען זיך דערפון וואָס די וועלט קינדלט צופיל. ווי אין דייטשלאַנד, למשל. קומען־צו בייע מיי־לער, דאַרף מען זיי געבן צו עסן. פון וואַנעט זאָל מען נעמען? — סיידן צונעמען ביי די רייכע. ווילן זיי אָבער נישט געבן, מחמת זיי דאַרפן אַליין...

דאָס איז אין דייטשלאַנד, וואָס די הויז־פרוי קינדלט־אָן אַ פולע שטוב מיט קינדער.

אין פראַנקרייך, ווידער, איז שוין אַן אַנדער צרה. דאָרטן, ווי דער אמת איז, קינדלען די ווייבער שוין נישט. איז אָבער די צרה, אַז ווען אַ פרוי קינדלט נישט, קען זי גיין אַרבעטן. און אַז זי אַרבעט — נעמט זי צו אַ „דזשאָב" ביי אַן אַרבעטער... ווערן די אַרבעטער — אַרבעטלאָז. ווערט אַ קריזיס.

* * *

דער ערשטער מאַי 1930, איז ביי אונז דאָ־הי געווען גרויס, פּאַרכטיק און אימה־פול.

גרויס, פּאַרכטיק און אימה־פול איז געווען דער טאָג. די זון האָט געשיינט, קרעמעריי האָט געבליט גלייך ווי תמיד, „ביזנעס" איז זיך אָנגעגאַנגען ווי אַלעמאָל, בראָדווייער פייגל האָבן געזונגען, די זשאַבעס האָבן געקוואַקעט, נאָר אונטער זיי אַלע האָט אָביסעלע גע־ציטערט די ערד.

גרויס, פּאַרכטיק און אימה־פול איז געווען ביי אונז דאַ־הי דער טאָג פונם ערשטן מאַי.

אונזער אַנדערהאַלבן מאָל הונדערט טויזנטדיקע האָרדע האָט אַ „דאַווען״־געטאָן אויף אַזאַ הויך און פייערדיק קול, אַז פויפּסט, קייזער און פּירפּאָנט מאָרגאַן האָבן שיר געקראָגן דעם שלאַק.

אַ סך „געטער״ און „געצקעס״, וואָס דער שלאַק האָט זיי געטראָפן, פון האַרצווייטיק זיינען געפאַלן פון די צעלעכערטע הימלען. נאָר זייער וואָג איז אַזאַ גרינגע, אַזאַ נישטיקע, אַז ס׳האָט חלילה קיינעם גאָר־נישט געשאַדט.

* * *

גרויס, פּאַרכטיק און אימה־פול איז געווען דער טאָג.

פּאָליס־קאָמישאָנער וועיילען האָט פאַרשטאָפּט די אַרויס־געגנג פון די סאַבוויס אַרום יוניאָן סקווער און זיך געריבן די הענט, וואָס זיינען פאַרשמירט מיט אונזער בלוט, און געטראַכט: „נו, גאַצידאַנקען, איצט וועלן די רויטע דורכפאַלן מיט אַ קנאַק. וואָרין פונוואַנעט וועלן זיי זיך נעמען? פונם הימל וועלן זיי אַראָפּרעגענען? פון אונטער דר׳ערד וועלן זיי אַרויסקריכן?״

נאָר די „קאָמוניסטלעך״ האָבן אַראָפּגערעגנט פונם הימל, אַרויס־געקראָכן פון אונטער דער ערד, און האָבן רויט־געמאַכט דעם טאָג, אים פאַרגאָסן מיט אַ ניאַגאַרע פון געזאַנגען.

אין יעדן ווירבלדיקן קעסלשטראָם פון מאַרשירנדיקע קאָמוניסטן, האָט מיסטער וועיילען אַריינגעשפּריצט אַ הייפעלע פּאָליציי.

* * *

זינט דער פענונביקסלער איז קריק־געקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פרעגן אים אָפּט נאַאיווע בירגער:

— איז טאַקע אמת, כ׳בעט איך זייער, מר. נאַדיר, וואָס מ׳זאָגט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נישטאָ קיין אָרימקייט?

דער פענונביקסלער טראַכט אַביסל און ענטפערט:

ניין. אין סאָוועטן־לאַנד איז נישטאָ קיין אָ ר י מ ק י י ט.

עס פעלט דאַרטן פוטער, קליידער, שיך, (מי שיקט דאָס נויטיקסטע אַרויס קיין אויסלאַנד, אין אויסטויש פאַר מאַשינען פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע) אָבער קיין אָרימקייט איז נישטאָ...

איך מיין יענע אָרימקייט וואָס דערנידעריקט דעם מענטשן, מאַכט אים שפל.

אין סאָוועטן־לאַנד איז קיין אַרבעטער נישט אָרים — אפילו ווען ער האָט נישט וואָס צו עסן. אָרים זיינען בלויז די קאָנצעסיאָנערן, די נעפליט, די רייכע אויסלענדער — זיי האָבן בריליאַנטן און גאָלד, אָבער זיי זיינען ביטערע אַרימעלייט, נעבעך. קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום. און אַז זיי ווילן אָנטאָן די בריליאַנטענע פינגערלעך מיט די צילינדערס מוזן זיי עס טאָן ביי זיך אין דער היים, ביי אַראָפגעלאָזטע שטאָרן.

* * *

ניין. איך האָב נישט דעם „בראַנד־קאָמפּלעקס״. איך דערוואַרט נישט, אַז נאָכן טויט זאָל מען מיך פאַראייביקן אין בראָנז. (מיין לאַנגע בראָנזענע נאָז וואָלט אפשר צונוץ געקומען אויף אָנצורייבן אַ שוועבעלע. דער פעדעסטאַל — פאַר אַן אָרט, וואו אַ פאַרליבטער בחור וואָלט אונטער דער לבנה געוואָרנען זיין געליבטע (מיט דער הילף פון מיינע אַמאָליקע עראָטישע לידער). מיר קומט אָפּט אָן שווער זיך צו דערמאָנען אפילו די נעמען פון מיינע אייגענע ביכער, מיינע אַרבעטן זיינען צעוואָרפן אויף אַלע זיבן ימים, און נאָר זעלטן צינדט זיך אין מיר אַ געפיל, אַז איך וואָלט געוועץ זען מיינע שרייבערייען צונויפגעזאַמלט, זיי זאָלן נישט פאַרלוירנגיין. ס׳רוב אָבער בין איך גלייכגילטיק צו אַלע „קונסטן״ (צו ליטעראַטור אויך), און אַז איך לעב אין אַט־אַזאַ מין הינערפּלעט, וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין ביי מיר די... אויפשריפט אויף מיין מצבה?

* * *

דער דיכטער וועדעקינד האָט אַמאָל געשריבן צו זיין מאַמען: מאַמישי, (האָט ער געשריבן) דו ווילסט איך זאָל פאַרפאַסן פאַלשע ביכער און אויסבייטן זיי אויף געלט, און דערנאָך דאָס געלט אויסבייטן אויף פאַרגעניגנס? אָבער וואָצו (מאַכט ער אויף דייטש) וואָצו דער אומוועג? צו וואָס אויסבייטן פאַלשקייט

אויף גאָלד און גאָלד אויף — פאַרגעניגן, אַז איך האָב באַלד מיין פאַרגעניגן ווען איך שרייב דאָס וואָס איך ווייל?

* * *

איך ווייס אַז נישט דאָ איז דאָרטן,
נישט היינט איז מאָרגן, וועל איך מיר ביי דער רעדאַקציע „פרייהייט" פאַרדיענען אַ פידקאָווע. נאָר איך וועל זי אָננעמען באהבה. וואָס איז דען אַ „פידקאָווע" — אויב מ'שטעלט נאָר נישט אונטער קיין פוס דערביי?

* * *

אויב מיין חוש פאַר זעלבסט־קריטיק וועט מיך נאָר ניט פאַרלאָזן (אין פיבער פון דער אַרבעט) וועל איך מיט דער צייט ווערן אַזאַ מומחה אויף אָפּנויגערישער קוואַליטעט אין מיין אייגן שרייבן, אַז ס'וועט מיר אויסקומען אַריינצושיקן אין רע־דאַקציע אַריין ליידיקע (זעלבסט־צענזורירטע) בלעטלעך פּאַפּיר.

* * *

דאָ איז דאָס אָרט, און איצט איז די
צייט זיך צו דערמאָנען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער רכילותניק גע־נאָסע ל... איז גאָר־גאָר אַנדערש פון מיר. יענער שטעלט תמיד זיין פּאַרטיי העכער פון זיך אַליין אויב ער אַליין קען נאָר עפּעס האָבן דערפון!

* * *

דיצן דאָרטן אין לאָנדאָן די
פּאַפּוגעס און שנאַטערן וועגן וועלט־פרידן, וואָפן־רעדוצירעניש, וכו'.
מי רעדט פון... פרישטשיקלעך אויף דער נאָז און מי פאַרשווייגט דעם ראַק אין בויך. מי רעדט פון רעדוצירן קריגס־שיפן וכו' ווען די גאַנצע קריגס־שיף האָט די ווערט אַ שמעק טאַביקע. סיי די פּאַנצער־שיף, סיי די סובמאַרין זיינען אַלט־פרענקישע כלים! די אמתע געפאַר פון דער מאָרגנדיקער מלחמה איז — די לופט־שיף. די גאָרשיצע־גאַז. דער ראַדיאָ־שטראַל. די באַציל און ענלעכע נומער־ערגערס.

נאָך מער: אין דעם קינפטיקן קריג פאַר וועלט־מאַרקן, וועט די אימפעריאַליסטישע מלחמה געפירט ווערן נישט קעגן זעלנער, נאָר כמעט דורכאויס אויף דער ציווילער באַפעלקערונג. דאָס האָט מען שוין אין לעצטן בלוט־קערמישל געלערנט: די קאַפּיטאַליסטישע וועלט שניידט געגרן אָפּ אַ האַנט פון איר געזעלשאַפטלעכן גוף, וואַרפט זי אַריין אין די אָקאָפּעס, איז זי מקריב מיט אַ פּאַטריאָטיש געמיט, פאַרגעסט וועגן איר, גרויסט זיך (און שטאַרקט זיך אפילו) מיט דעם געדאַנק, אַז די אָפּגעשניטענע האַנט — די זעלנערשאַפט, פוילט אויפן שלאַכטפעלד, לכבוד דעם „גאָלדענעם" פאָטערלאַנד. היינט וועלן שוין די בורזשואַזנע בעלי־מלחמה וויסן בעסער וואָס צו טאָן: זיי וועלן אַטאַקירן דעם קאָפּ, — וועלן שטעלן אין געפאַר יעדן גליד פונם פאָלקס־קערפּער. (די מפקיר־געוואָרענע האַנט וועט שוין אָפּדאַרן פון זיך אַליין!) אין דער קינפטיקער מלחמה וועלן די נישט־זעלנער זיך מוזן געזעגענען מיטן לעבן אפשר נאָך מער ווי די זעלנער. קעגן גיפט־גאַזן און פּליסיק פייער, באָמבע־עראָפּלאַנען און טויטלעכע באַצילן, וועט די פאַנצער־שיף און די סובמאַרין אַ פּנים האָבן ווי אַ לעגבוימער־פּאַלנבויגן קעגן אַ קרופּ־קאַנאָן.

* * *

אין דער עקאָנאָמיש ־ פּאָליטישער וועלט איז היינטיקע וואָך לעבעדיק. עס קראַכן באַנקען אין קענטאָקי, אין אַרקענסאָ. 51 שטיק אין איין טאָג! אין שפּאַניע קראַכן די מיט־בלוט־פאַרפּאַטשקעטע פּאַלאַצן. עס קראַכט דער דאַך און דער דיל אין כינע, און מיט אַלע טייכן פאַרגאָסן פאָלקס־בלוט קאָן מען זיי מער נישט צונויפקלייען. עס קראַכט צוביסלעך אין קובאַ, אין מעקסיקאָ, האַיאיטי, אין פּאַלעסטינע, און אַ היפּש ביסל אין אינדיע. די גאַנצע הערשאַפט פון די פּלישטים קראַכט.

* * *

סאַלוט, שפּאַניע!

מיר דאָ־הי, אין די צווייטע רייען פון די אָקאָפּעס, שטייען מיט אויפגעפּויקטע הערצער און וואַרטן אויף דער בשורה, אַז די רויטע פאָן פלאַטערט איבער אַלאַהאַמבראַ, איבער דעם קעניגס פּאַלאַץ, איבער די גאַסן פון מאַדריד, וואַלענציע, טאָלעדאָ, באַרצעלאָנע, גראַנאַדאַ, אָוויעדאָ, וואַלאַדאָליד.

פלינקער, מוטיקע חברים! פאַר אונעזר פאַטערלאַנד, פאַר אונזער מוטערלאַנד, פאַר אונזער ברידער־און־שוועסטערלאַנד, פאַר אונזער זין־און־טעכטערלאַנד, פאַר אונזער איין־און־איינציקלאַנד, וואָס איז — ד י ג אַ נ צ ע ו ו ע ל ט!

* * *

אינמיטן פונם אייביקן ריינעם שטראָם פון מענטשלעכקייט שטייט דער פלישטי און גראָבט מיטן גאָלדענעם שפּאַדל — אַ פאַרטיפונג פאַר זיין פּאָזיציע. ער וואַרפט זיין בלאָטע אינם שטראָמגעלויף, צעבויטעט דעם ריינעם גאַנג פונם שטראָם.

צוויי מענטשן שטייען און קוקן־צו. איינער איז אַן אָרנטלעכער בעל־שכל. דער אַנדערער אַ קלוגער אידיאָט: זאָגט דער אַנדערער: לאָמיר לויפן שטראָם־אַראָפּ אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דאָס צעבויטעטע, בלאָטיקע וואַסער וועט זיך קלערן, וועט ווערן ריין, דורכזיכטיק. עס וועט ניט נעמען לאַנג... עס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט. טאָמער שטייען אונטן נאָך אַזוינע גרעבערס מיט גאָלדענע שפּאַדלען, וועלן מיר זיי מיט דער צייט אויסמיידן... און אַזוי גיך ווי דער לעצטער איז אויסגעמידן, איז — גייען מיר אָפּ נאָך עטלעכע טעג גאַנג, און מיר האָבן ווידער ריין קוואַלוואַסער.

מאַכט דער ערשטער: בהמה! צו וואָס לויפן אויף מיילן־וויט שטראָם־אַראָפּ, וואו דאָס בלאָטיקע וואַסער פליסט. אָמער לאָמיר גיין 1 (איין) טראָט שטראָם־אַרויף, אַ י ב ע ר ן קאָפּ פונם קוואַל־צעקלויצער, און מיר וועלן האָבן קריק ריין קוואַלוואַסער...

דער ערשטער איז אַ באָלשעוויק.

דער אַנדערער?...

* * *

אין וואָל־סטריט קראַכט. דער דנאָ האַלט אין איין אַרויספאַלן. אַפּנים, אַז וואָל־סטריט איז אַ צעבער מיט עטלעכע דנאָעס.

* * *

צומערשטן האָט מען זיך געטרייסט, אַז מער ווי מ׳איז עקאָנאָמיש אַרויפגעקראָכן, קען מען נישט אַראָפּ־

קריכן, און מער ווי ביז צו דר'ערד ק ע ן מען נישט פאַלן... איצט, אַז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'פאַלט אין אַ שרעקלעך־טיפן קעלער אַריין, זאָגט מען גאַמזעלעטויווע, וואָס דער דנאָ פונם קעלער האָט זיך געענדיקט...

* * *

עס איז די מעשה מיטן מענטשן, וואָס פאַלט פונם 92טן שטאָק. בעתן פאַלן שמייכלט ער זיך צו מוט, רייבט זיך די הענט און מאַכט: „נו, דאַנק־גאָט, ד ע ר ו ו י י ל פאַלט זיך נאָך גאַנץ גוט". נאָר אַז ער קומט־צו צו די פענצטער פונם פערטן שטאָק, רוקט אימיצער אַרויס די האַנט און דערלאַנגט אים אַ פּראַסק אין פנים — אַלעמאי ער פאַלט אום ש ב ת...

* * *

אַלע אַמאַליקע „קריזיסן" פלעגן זיין שטילע... דערשלאָגענע. פּראָווינציעלע. קוים־קוים וואָס מ'האָט געהערט, וואָס זיי בורטשען. דער היינטיקער קריזיס איז אַ גערייבענע ליולקע. ער רעדט ענגליש, דייטש, כינעזיש, שפּאַניש, פראַנצויזיש, פּויליש, ליטוויש, אונגאַריש... עס איז אַ קריזיס מיט ביינער. עס איז נישט קיין „קריזיסל דאָרטן", וואָס מ'קען אים אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג, אָדער לעשן קוילן... דער היינטיקער קריזיס גייט נישט צופוס — ער פליט מיט לופטשיפן, ער טראַסקעט מיט אייזנבאַנען.

דאָס לעשן־און־צינדן־זיך פונם לעבן אויף אונזער וועלט, איז ווי דאָס לעשן־און־צינדן פונם עלעקטריש־באַלאָכטענעם ראָד פון אַ צירק־רעקלאַמע. די הויפּט־אַטראַקציע פונם צירק איז אייגנטלעך — דאָס ב א ו ו ע ג ל ע כ ע ר אָ ד אַליין... דער „סוד" וואָס דאַרף זיך געפינען אינעווייניק, איז אַ בלאָף. דאָס „לעבן" אין אַזאַ מין געשעפט, וואָס די גאַנצע סחורה איז אויסגעשטעלט אין דער שוילאָגע (אין פענצטער), ס'איבעריקע איז ליידיקע, קאַלירטע פּודעלעך, אָנגעפּילט מיט „גאָט", מיט זעל־אומשטערבלעכקייט און דעס־גלייכן.

דער מאָדערנער פרייער־פערז איז שוין אריין אין דער ב ע ט ל ע ר ב אַ נ ק, קען מען זאָגן. אַמאָליקע צייטן פלעגן בעטלער פלעכטן לידער אין טאָפלטע גראַמען. אָבער יענער פעריאָד איז שוין פאַראיבער! היינט האָבן מיר געהערט אַ בעטלער אויף סטענטאָן סטריט זינגען:

„שענקט אַ נדבה, עך בעט איך, אידן,
עך בין אויף געהאַקטע צרות...
עס זאָל גאָר קיינעם נישט צוגעשיקט ווערן אַזויענס,
איך ווינטש עס נישט אפילו דעם ערגסטן משׂי־מעד״...

וואָס דאָס באַווייזט, אַז די נייע קונסט־פאָרמען אין דער אידישער פּאָעזיע האָבן געהאַט זייער ווירקונג...

* * *

אָנגעהויבן האָט זיך די קונסט ווי אַ מלאכה, אַ געווערק. דער געניטער, פלינקער האַנטווערקער, דער זייגערמאַכער, גאָלדשמיד, אייזנשמיד, בוי־ווערקער איז געווען דער „קינסטלער“. ער האָט געמוזט קענען אַרומגיין אַרום אַלערליי געציייגן, קענען צענעמען און צונויפשטעלן די דינסטע שפרינג־פעדערן, די גרעבסטע ראָד־שפּאַכטן. אַ „קינסטלער“ איז געווען יענער־יעניקער, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַראייליצטער שערץ, מיט צעריסענע הענט, מיט אַ פאַרשמירטער נאָז. אַ „קינסטלער“ האָט ליב געהאַט צו ויסן, פונוואַנעט די פיס וואַקסן.

שפּעטער איז ער אַנדערש געוואָרן.

דורך אַלערליי סיבות — דער עיקר דערפאַר, וואָס אַנשטאָט צו האָבן אַ מענטשן, וואָס זאָל ק ע נ ע ן פאַר אים, האָט דער פריץ מיט דער צייט זיך אויסגעלערנט מאַכן דעם אַנשטעל, אַז ער ק ע ן אַ ל י י ן א ו י ך! אי מ׳דאַרף זיך דערביי פאַרשמירן די הענט? די נאָז? צעברעכן די פינגער־נעגל? פאַרקויטיקן דאָס אַנגעטועכץ? האָט ער אַ פאָרטל, דער פריץ: ער וועט קענען בלויז דאָס, וואָס ס׳לאָזט זיך קענען אָן גרינגלעכער קענטעניש. ער וועט זיין די שפּיץ פון דער נאָדל, אָנם קעפּל, אָנם לעכל — ער וועט זיין אַ ריי־נער, הונדערט־פּראָצענטיקער ש פּ י ץ... ער וויל נישט זיין דער

קאָפּ, וואָס טראָגט אַ שטריימל, נאָר טאַקע דאָס שטריימל אַליין — וואָס רעדט איך „שטריימל אַליין״? ער וויל זיין דער קווינטעסענץ פונם הייליקסטן שטריימל־שפּיץ...

און אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז דער קונסט־האַנטווערקער איז מיט דער צייט פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווינקל, און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען דער אָנשטעלער, דער, וואָס קען אַ קאָץ אַן עק נישט פאַר־בינדן...

* * *

אַן אמתדיקער עפּל דאַרף זיך נישט באַמיען אויסצוזען ווי אַן עפּל. עס איז נישט געפערלעך, אַז ער זעט אויס ווי עפּעס אַנדערש אויך! אַן אמתער עפּל, אפילו אַז ער האָט נישט קיין אונטערשריפט פון אַ „נאָטאַר״ אַז ער איז אַן עפּל, גלויבט מען אים אויך.

אָבער אַ גומענער עפּל מוז דורכאויס זיין אַזוי עפּלדיק ווי מעג־לעך. אַ גומענער עפּל קען זיך באַין אופן נישט פאַרגינען צו זיין אַזוי נישט־עפּלדיק, ווי אַן אמתער עפּל איז אַמאָל... דעריבער פאַר־לאַנגען מיר פון נאָכמאַכערישע מאָלערס און שרייבערס, אַז זייערע מענטשן מוזן זיין אַזוי „נאַטירלעך״ ווי מעגלעך. פאַרקערט ווידער, ביי דאָסטאָיעווסקין מעג אַ מענטש אַמאָל אויסזען ווי אַ היטל צוקער מיט צוויי אויגן — מאַכט אויך נישט אויס. ווייל דער מענטש ל ע ב ט.

* * *

דריי אידישע שרייבער:

איינער גייט שטיל, מ׳הערט זיינע טריט נישט און ער קומט אָן פּלוצים און הינטערווייַלעכס. דער אַנדערער גייט מיט ריזיקע שטיוול און שווערע טריט און קומט אָן אַקוראַט... ערגעץ אַנדערש.

דער דריטער גייט שטיל, און קומט שטיל, און אַקוראַט אין צייט, און אַקוראַט וואוהין מ׳דאַרף. נישט אַ שפּאַן מער, נישט אַ שפּאַן ווייניקער.

דער ערשטער איז ראַבאָי, דער צווייטער איז קאַברין, און דער דריטער איז דוד בערגעלסאָן.

די איינציקע זאַך, מיט וועלכער דער אַרבעטער קען באַצאָלן פאַר לעבנסמיטל איז — אַרבעט. איז אָבער דאָ צופיל אויפגעאַרבעטע אַרבעט. ווייל קיינער די אַרבעט נישט קויפן. איז נישטאָ מיט וואָס צו קויפן די אַרבעט. ליגט די אַר־בעט און שימלט. זיצט דער אַרבעטער און הונגערט. די פענצטער פון געוועלבן זיינען פול מיט אַלע גוטע זאַכן וואָס אַ האַרץ קען נאָר גלוסטן. דער באַשאַפער פון די־אַ אַלע גוטע זאַכן, שטייט אינדרויסן און שלינגט די סלונע. די קאַץ קען נישט קומען איבערן וואַסער. דער סוחר האָט צופיל סחורה אויף די פּאַליצעס. דער וועלט־מאַרק איז פאַרשטאָפּט מיט אַלדאָסגוטס. די שטוב איז אָנגעוואַליעט מיט מעבל ביז צו דער סטעליע, אַז מי קען אין שטוב נישט אַריינגיין און מי מוז שלאָפן אין דרויסן...

* * *

דער בלישטשנדיקער פּאַסאַד פון קאַ־פּיטאַליזם — די פּראָספּעריטי, איז אָפּגעבליאַקעוועט און האָט אַ פּנים פון חוזק. דער „אַטלעסענער לאַץ“ אויפן צעפּוילטן פראַק, האָט אַ לאַנגע צייט אָפּגענאַרט ס׳אויג. קוקנדיק אויף די „פּריווילעגירטע“ בירגער, האָט מען נאָך אַמאָל געקענט טראַכטן, אַז דער בגד האָט אין זיך אַביסל גלאַנץ. ביטרע פּאָליטישנס פלעגן ווייזן מיט אַ פינגער אויף דעם אַטלעסענעם לאַץ און... אינגאַנצן נישט רעדן וועגן די צעפּוילטע שטאָפן פון די איבעריקע טיילן פון עקאָנאָמישן פראַק.

איצט אַז דער אַטלאַסנער לאַץ איז א ו י ך אָפּגעבאַרעט, די אַטלעס־פעדים זיינען אויסגעטרעפּקעט, קענען שוין אַלע זען, וואָס פאַר אַ סחורה דאָס איז.

* * *

און שולדיק אין דעם פאַרמערס אומ־גליק איז ווער? אפשר די לאַגערהייזערניקעס, (די גרויסע מיליאָנערן), וואָס האָבן זיך קוים דערוואָרט אויף אַן אויסטריקעניש צו קענען אַ שפּעקוליר־טאָן מיט זייערע זאַפּאַסן סחורה? אפשר די הואַוערשע מלוכה, וואָס קוועטשט־אויס דעם פאַרמער ווי אַ לימענע? ניין — שולדיק איז דער פאַרדאַמטער עקאָנאָמיסט מיטן בלייפעדער, דער

חשבון־מאַכער, דער „אַקאַונטענט", ווען נישט ער וואָלט מען נישט געוואוסט, אַז מען איז באַנקראָט.

„שלאָגט דעם בוכהאַלטער און ראַטעוועט דאָס געשעפט!"...

* * *

רעליגיע — דאָס איז אַ שלאָס אָן אַ לעכל אויף אַריינצושטופן דעם שליסל. דער פאַרזיגלטער שלאָס הענגט אויף אַ טיר, וואָס מאַכט זיך קיינמאָל נישט אויף. און וואָס איר אַנדערע זייט איז — דער דרויסן.

* * *

דאָס איז גערעדט געוואָרן וועגן דער בלינדער רעליגיע פון די ווילדע, האַלב־ווילדע, אומוויסנדיקע. די רעליגיע אָבער פון די פיינע ראַבייס, און די געשטודירטע גלחים, פון די „געלערנטע" און פאַרפירנדיקע, דאָס איז אַן אויפגעמאָלטער שלאָס אויף אַ טעאַטער־דעקאָראַציע.

* * *

די סטיל־גרימאַסן פון דעם אָדער יענעם „ליטעראַרישן שוישפילער" קענען אַמאָל אַמוזירן, אָבער איבערציגן איבערצייגט בלויז דאָס נאַקעטע, מענטשלעכע פּנים.

* * *

פאַרן געריכט שטייט דער אָנגעקלאָגטער צום משפּט.

— דו האָסט געגנבעט?

— יאָ.

— דו ביסט אַ גנב?

— ניין.

— דערקלער, ווי אַזוי מי קען גנבענען און נישט זיין קיין גנב.

— זייער פּשוט. ווער איז אַ גוטער מענטש? דער ביי וועמען ס'גוטע וועגט־איבער דאָס שלעכטע. ריכטיק? ווער איז אַ גנב? דער, ביי וועמען די גנבה וועגט־אַריבער די נישט־גנבה. איך האָב געגנבעט

סאַכאַקל 1 גאָלדן זייגערל. בעת העכער אַ מיליאָן גאָלדענע זייגערלעך זיינען געבליבן אין אַמעריקע נישט געגנבעט.

— כאַ־כאַ.

* * *

— וואָס איז ביים סוף פון דער באַן־ליניע? ביים סוף פון לעבן?

— כ׳ווייס נישט.

— אַ קאַטאַסטראָפע וועט זיין, מען וועט אַראָפּפאַלן אין אָפּגרונט.

— וואָס־זשע זאָל מען טאָן? ווייסט איר עפּעס אַ מיטל די קאַטאַסטראָפע צו פאַרהיטן?

— ניין. אָבער לאָמיר כאָטש שרייען געוואַלד...

— און פאַרדאַרבן דערווייל די שיינע רייזע איבער די וואונ־דערלעכע לאַנדשאַפטן? ניין, בעסער באַמיען זיך צו פאַרלענגערן דעם וועג און זען, אַז דער צוג זאָל נישט שאָקלען, און אַז די מיטפאָרערס זאָלן דיר ניט דאָקוטשען מיט זייערע וויצן, נישט אָנ־שפּייען אויפן דיל — האַלטן די קלאָזעטן ריין, און די דורכגענג אָפן.

* * *

דער העלדישער רויטאַרמייער אין די שיצגריבער דאַרף אַן אַנדערן (וויניקער העלדישן) רויטאַרמייער, וואָס זאָל אים ברענגען צום פראָנט הייסע זופּ (פון דער פעלדקיך...) וואַרימע זאָקן, קליידער.

* * *

איך האָף, אַז מיר איז באַשערט צו באַדינען דעם פראָנט. מיט אַזוינע קלייניקייטן כאָטש ווי (ליטעראַרישע) פּאַפּיראָסן.

פאַרשטייט זיך, אַז אויב איך וועל האָבן אַ מ ו נ י צ י ע, וועל איך — אפילו אין דער גרעסטער געפאַר פון מיין לעבן — אַריבערפירן די האַרמאַט־קוילן אַהין, וואו מ׳באַדאַרף, נאָר ביי פּראַ־פעסיע בין איך פאַרט נישט קיין אַמוניציאָנער, אין קיין שיס־שול קיינמאָל נישט געגאַנגען. מיינע ביקסנקוילן האָבן די איינציקע מעלה, וואָס זיי זיינען פאַרסמט מיט מיין שנאה צו דער בירגערלעכער וועלט.

נאָר גיכער ווי אַלץ, מיין איך, בין איך צוגעפּאַסט צו פירן צום פראָנט פּאַפּיראָסן און זיסוואַרג — קליינע ליטעראַרישע נאַשערייען

פאַר דעם מידן אַרמייער, וואָס דאַרף זיך אויף אַ מינוט אָפּפרישן, פאַר־געסן.

אויב מיינע נאָטיצן זיינען אפשר אַמאָל צו גרינג, און נישט פון דעם שטאָף, וואָס מי נעמט פון אַרסענאַל אַרויס, זאָל מען אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די שאַרפסטע אַמוניציע איז — דער ח ש ק צו שיסן. צו ברענגען שיס־חשק צום רויטן פראָנט איז מיין מיסיע, אַזוי צו זאָגן.

און אויב איך קען שטאַרקן דעם שיס־חשק פון מיינע ה ע ל ־ ד י ש ע ר ע חברים מיט מיינע פּאַפּיראָסן, אָדער אפילו צוקערקעס, נו, זייער גוט!

די „קולטור־און־פאַרווײַלונג־אַרבעט" זאָל דאָך נישט איבערגעענט־פערט ווערן אין די הענט פון דעם ג ע ל ן און שוואַרצן „רויטן קרייץ", וואָס וויקלט יעדער צוקערל, יעדן באַנדאַזש אין גיפטיקן פּאַפּיר...

ווי אַזוי זאָל אַ מענטש לעבן?

זאָל זיך אַ מענטש אַוועקזעצן און לעבן? אָדער זאָל ער לעבן שטייענדיקערהייט?

זאָל אַ מענטש לעבן אַלע טאָג — פרייטיק אויך? אָדער זאָל ער בלויז לעבן צו ביסנקעלעך, און בלויז פון־צייט־צו־צייט?

זאָל מען לעבן געדיכט, אָדער שיטער? אין דער לענג, אָדער אין דער ברייט?

זאָל דער מענטש לעבן גרינטלעך און טיף — ביז צום דנאָ? אָדער זאָל ער לעבן בלויז פון אויבן־אויף, מיט די שפּיץ־פינגער?

זאָל דער מענטש לעבן מיט זיין מענטשיכע, ווי מיט אַ (נודנער) שוועסטער, אָדער זאָלן זיך ביידע וואַלגערן אין מחיהדיקער ליבע ווי חזירימלעך?

זאָל מען לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן, ווי וואויל מ'ווייסט נישט אַקוראַט וואָס גאָט האָט אַזוינס געבאָטן, אָדער זאָל מען לעבן לויטן פרייען ווילן — הגם מ'ווייסט נישט וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש דער פרייער ווילן איז אַזוינס?

זאָל מען אָננעמען, אַז דאָס לעבן איז אַ נאַרישע זאַך און... פּראָדוצירן נייע כלים פאַר אָט דער נאַרישקייט? אָדער זאָל מען גלויבן, אַז דאָס לעבן איז אַ קלוגע זאַך און דערפאַר דאַרף די מאַמע מיטן טאַטן אַליין כלעפּען דערפון אַזויפיל ווי מעגלעך און האָבן זייערע צוקינפטיקע דורות טיף־און־טייער אין דר'ערד?

זאָל מען האַלטן, אַז אַלע מאַנסבילן זיינען בעסטיעס, נאָר די ווייבער, וועלכע זיינען קינדער פון בעסטיעס, זיינען — מלאכים? אָדער זאָל מען האַלטן, אַז די טעכטער פון ווילדע חיות זיינען אַליין אויך אַביסל חיהוואַטע?

זאָל מען זיין וואו מ'איז און בענקען אַהינצוצו, וואו מ'איז נישט? אָדער זאָל מען פאָרן אַהינצוצו, וואו מ'איז נישט און בענקען אַהער וואו מ'איז געווען?

זאָל דער מענטש לעבן אַזוי לאַנג ווי־סע־לאָזט־זיך, אָדער — אַ ברירה האָט ער?

זאָל דער מענטש איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אַ זאָג טאָן דעם ביטערן אמת און — מער נישט ריידן צו זיך? אָדער זאָל ער לעבן מיט זיך בשלום, און זיך אַריינשעפּטשען שטילערהייט ליגנס אין אויער אַריין?

זאָל דער מענטש אָפּהיטן ס'געזונט און שטאַרבן אַ געזונטער? אָדער זאָל ער זיך רואינירן ס'געזונט און לעבן נישט מער ווי ביז אין טויט אַריין?

זאָל דער מענטש דיק־ווערן און פאַרכאַפּן מיטן בויך אַזויפיל „רוים" ווי מעגלעך, אָדער זאָל ער לאָזן דעם פּאַסקודנעם אַלצפאַר־כאַפּנדיקן „רוים" זיין ווי אַ „בויך" ביי אים — פון פאָרנט און פון הינטן?

זאָל דער מענטש ליבן „פלאַטאָניש־איידל" און לאָזן די וועלט אויסגיין? אָדער זאָל ער ליבן „גראָב" און טאָן באַפרוכפּערן די ערד?

זאָל מען קרייזלען די פאה און זיצן אין דער פאַרשימלטער קלויז און פרעגן: „ווי אַזוי לעבט מען?" אָדער זאָל מען אַרויסגיין אינדרויסן אַרויס און לעבן ווי סע מאַכט זיך?

זאָל מען אָפּגעבן ס'לעבן אויף צו דערווערבן לעבנס־חכמה? אָדער זאָל מען אָפּגעבן ס'לעבן אויף — צו לעבן?

זאָל מען פאַר דעם לומפּיקן גראָשן קויפן אַ קאַסע־קעסטל אויף צו באַהאַלטן דעם גראָשן? אָדער זאָל מען האַלטן דעם גראָשן אין זשמעניע און האָפן אויף אַ קאַסע־קעסטל?

זאָל מען צונויפלייגן ס'לעבן אויף די באַשיינפּערלעכע קנייטשן — ווי אַ פאַר אויסגעפּרעסטע הויזן, וואָס מ'האַלט זיי אויף פּסח? אָדער זאָל מען אַריינפּאַרן אין לעבן אַריין ווי אין אַ פאַר פרייע גאַטיעס און זיך פילן ווי אין דער היים?

זאָל מען טראָגן ס'לעבן מיט אַ טראַלד? מיט אַ פאַלבאַן?

זאָל מען אויפשטעלן דעם זיידענעם שירם און אָפּהיטן די לאַס־טיקענע בעקעשע פון רעגן? אָדער זאָל מען אַרויפלייגן די ביליקע בעקעשע אויפן טייערן שירם און אָפּהיטן דעם שירם?

זאָל אַ מענטש טאָן וואָס דאָס האַרץ הייסט, און זיין אויף צרות?

אָדער זאָל ער טאָן ווי דער קאָפּ הייסט — און דערנאָך בענקען נאָך די צרות וואָס ער האָט פאַרהיט?

זאָל אַ מענטש זינדיקן מיט די הענט און פיס און הנאה האָבן, אָדער זאָל ער זינדיקן מיט נשמה און מיטן גייסט און — אויפשטיין אַ פאַרשוויצטער?

זאָל מען לויפן ראַטעווען פרעמדע אידן און כאַפּן אַ מעדאַל, וואָס מ׳וועט אפשר נישט האָבן ווער סע זאָל אים טראָגן? אָדער זאָל מען לויפן ראַטעווען זיך־אַליין און אויסקומען אָן מעדאַלן?

זאָל מען זוכן אַ צוועק אין אַלצדינג — אפילו אין ליבע און אין שוויצבעדלעך? אָדער זאָל מען לאָזן דעם צוועק גיין צום טייוול און — עסן וואַרעניקעס?

זאָל מען שטעלן ס׳לעבן אין געפאַר — צוליב שפּיל און צייט־פאַרטרייב? אָדער זאָל מען זיך אַרומוויקלען מיט זייד־וואַטע און — אויסגענעצן ס׳גודנע לעבן טראָפּנווייז?

זאָל מען זיין אַ שקלאַף צו דער מאָדע און זיך פילן באַקוועם, ווי „אַ מענטש צווישן מענטשן?" אָדער זאָל מען טראָגן זאַכן וואָס זיינען אויסערן מאָדע און אויסגעלאַכט ווערן פון אַלע, און זיך פילן אומבאַקוועם, צוליב דעם הינטישן געפיל נאָכצומאַכן אַלע „בעסערע מענטשן" — וואָס מאַכן נישט נאָך?

זאָל מען לעבן קרום, אָדער גלייך? זאָל מען לעבן אַהין אָדער אַהער? זאָל מען לעבן ווי אונזערע טאַטעס האָבן געלעבט, אָדער ווי אונזערע קינדער וועלן לעבן?

זאָלן מיר רויכערן וויירויך צו דער שיינער פאַרגאַנגענהייט און ניסן מיט בלומען אויף דער ליבער צוקונפט? אָדער זאָלן מיר זיך אַביסל אַ פּאַטשקע טאָן מיט דער קעגנוואַרט אויך?

זאָלן מיר פרעגן אַזוי לאַנג „ווי לעבט מען?" ביז וואַנעט דער גרויסער אויסלעשער וועט אויסלעשן אָט די ווערטער אויף אונזערע ליפּן? אָדער זאָלן מיר לעבן ביזן ווייסן טאָג אַריין און נישט פרעגן קיין שום קשיות?

דער רוח ווייסט עס!

אַ מעשה מיט אַ „של־ראש"

דער של־ראש האָט זייער גוט געוואוסט וואָס דער שטערן אונטער אים טראַכט, אָבער ער האָט געשוויגן.

די פּאַרשפּיציקטע שין, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ קרוין אויף אַ קרוין, האָט געמורמלט (כמעט) ש.. ש... לאָז ער טראַכטן!

די ליפּן האָבן געזאָגט: אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא און — דער קאָפּ האָט גערעכנט: גראָשן־מאָל־גראָשן איז... גראָשן. שיקסל ברענגט וואַסער — אוי ווי איז מיר... וואָס פאַר אַ מחיה דאָס איז, אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה.

דער של־ראש האָט אַלעס אויסגעהערט, אַריינגעהערט אַלצדינג אין זיין הייליק לעדערנעם געהירן אַריין און געטראַכט, וואָס פאַר אַ וועלט די וועלט איז!

אַז דער של־ראש איז, נאָכן דאַווענען, געלעגן אינאיינעם מיט זיין ברודערל, דעם של־יד, האָט ער (דער ש״ר) דערציילט וואָס ער האָט געהערט זיך אָפּטאָן אין מוח פון דעם אידן, וואָס האָט אין אים געדאַוונט, ווי הינטער דעם פּאַרכטיקן שין פון „שדי" האָט דער איד געלאָזט שוועבן מוראדיקע מחשבות זינדיקע, מיאוסע און וואָס זאָל ער טאָן? (דער ש״ר אַזוי צו ש״י).

— ווייסטו וואָס? — זאָגט דער של־יד, אַז דו וועסט מאָרגן הערן ווי דער קאָפּ וואָס טראָגט דיך וועט אָנהויבן טראַכטן אומריינע געדאַנקען, זאָלסטו נעמען און אים אָנהויבן קלאַפּן אין שטערן אַריין, ער זאָל אויפהערן.

כך־הוה. אויף מאָרגן ביים דאַווענען, אַז דער איד האָט געזאָגט מודים אנחנו לך — און פּלוצים געננומען טראַכטן פון שיקסל, וואָס טראָגט צו זיי וואַסער, האָט דער של־ראש זיך אויפגעהויבן און אים דערלאַנגט אַ זעץ אין מוח.

דער איד האָט זיך זייער דערשראָקן, בלאַס געוואָרן, פאַרגעסן אָן שיקסל וואָס טראָגט צו זיי וואַסער און גענומען טראַכטן, אַז עפּעס איז דאָ נישט ווי סע באַדאַרף צו זיין.

צו מאָרגנס אָבער, אַז דעם אידנס ליפּן זיינען ווידער געקומען

צו „מודים אנחנו", האָט דער קאָפּ ווידער געוואָלט אַ טראַכט טאָן וועגן שיקסל און ווידער געכאַפּט אַ קלאַפּ אין קאָפּ — פונם של־ראש.

אַזוי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד.

איז דער איד געוואָרן צעטומלט. האָט מען אים געפירט צו זייער אַ גרויסן דאָקטאָר. האָט דער זייער גרויסער דאָקטאָר געפרעגט וואָס איז אים? האָט דער איד דערציילט די מעשה, אַז דער של־ראש זיינער איז פּלוצים משוגע געוואָרן און באַכעט אים אין קאָפּ אַריין. אָבער דער קאָפּ אַליין, אָן דעם של־ראש, הייסט דאָס, איז געזונט ווי אַ נוס און סע פעלט אים, חלילה, גאָרנישט.

מאַכט צו אים דער דאָקטאָר: „קענט איר דאָך נ י ש ט לייגן קיין תפילין!" מאַכט דער איד: „וואָס הייסט איך קען נ י ש ט לייגן קיין תפילין? ווי אַזוי לייגט מען נ י ש ט קיין תפילין?" זאָגט דער דאָקטאָר: מ׳נעמט און מען לייגט נישט. מאַכט דער איד: „סע געפעלט מיר ווי איר זאָגט מען נעמט און מ׳לייגט נישט! תפילין, מאַכט ער, איז עפּעס אַ זאַך וואָס מען קען י אָ לייגן און נ י ש ט לייגן"? מאַכט צו אים דער דאָקטאָר: „מילא, טוט ווי איר פאַרשטייט. אָבער איך וואָרן אייך, אַז אויב דער של־ראש וועט אייך נאָך עטלעכע מאָל קלאַפּן אין קאָפּ אַריין, וועל איך נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פאָלגן, וויסנזי!" (מיט די ווערטער!) הכלל, דער איד האָט געזען, אַז ס׳איז שלעכט. האָט ער זיך מישב געווען, אַזוי ווי קלאַפּן קלאַפּט אים דער של־ראש ס׳רוב נאָר ביי דעם פּסוק „מודים אנחנו", וועט ער אויסלאָזן דעם סוף־פּסוק און אָן עק! אַז מ׳דאַרף אויסלאָזן טראַכטן וועגן דער שיקסע, איז אים נישט איינגעפאַלן.

דער סוף איז געווען, אַז דער איד האָט נעבעך פון שרעק אָנגע־הויבן לייגן בלויז דעם של־יד אַליין און דאַוונען אין איין תפיל. איז דאָך דאָס שוין געווען דער רעכטער סימן, אַז דער איד איז משוגע אויף טויט, האָט מען גענומען און מ׳האָט ביי אים צוגעלאַקכנט די תפילין מיטן טלית, מיטן טאַבעק־פּושקעלע, מיטן פלעשל אָקוויט, וואָס ער פלעגט שטענדיק האַלטן אין „שלחן" אויף נאָכן דאַוונען, און — מ׳האָט אים אַרויסגעוואָרפן און נאָכגעשריען: משו־גע־נער!

(דער זעלביקער איד, דערציילט דער פנקס, איז טאַקע שפּעטער אויף אַן אמת משוגע געוואָרן, איבערגעלאָזט אַן אַלט ווייב, אַ קראַנקע און אַנטלאָפן מיט אַ יונגער שיקסע. נו, אַט!)

אַ גאַסט קומט אויף אַ ווייל, זעט אויף אַ מייל

די מעשה האָט זיך פאַרלאָפן מיט איי־נעם אַ בזשימזשי.

בזשימזשי איז אַ מעמליקאַנער וואָרט און איז די טייטש ווערטל־גלויבער. וואָרים בזשימזשי איז געווען אַ גלויבער פון ווערטער. מער פון אַלצדינג אין דער וועלט, האָט ער געהאַלטן פון געלט, פון קאַר־זשיקלעך מיט קאַשע און פון גלייכווערטלעך.

בזשימזשי איז געווען אַ קליין פעט מאַנסבילדל מיט אַ קליין שפּי־צעכיק קעפּעלע און מיט אַ קליין פעט בייכעלע. נאָר פיס האָט ער געהאַט לאַנגע און ברייטע ווי לאָפּעטעס.

בזשימזשי האָט געהאַט אַ ווייב און אַ פולע שטוב מיט קינדער־לעך. ס'איז געקומען אינדערפרי און ער פלעגט דאַרפן אַנפּאַטשן די קינדער די טעכעסלעך, פלעגט אים געדויערן העכער אַ שעה, איידער ער איז פאַרטיק געוואָרן.

אין שטוב האָבן אים אַלע פיינט געהאַט. ס'ווייב זיינס האָט אים געוואונטשן אַז ס'זאָל אים נאָר אָנקומען דאָס, וואָס זי ווינטשט אים. און די קינדער מיט די רויטע היטנטלעך — דאָס נעמלעכע.

כאָטש בזשימזשי איז געווען רייך ווי קורח, האָט ער פונדעסן געגעבן דעם ווייב היפּש און גענוג. די קינדער פלעגן אַרומגיין אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן און זיך כמעט שטענדיק האַלטן ביי די טעכעסלעך. — זיי האָבן פיינט געהאַט דעם טאַטן מיט סכנות־נפשות.

אין ברוינעם, לאָקשן־לעדערנעם חדר האָט דער רבי געלערנט: „כבד את אביך״ טאָן ערלעך האַלטן דיין טאַטן.

אין שקאָלע פלעגטער דער לערער לערנען: „אַכפּער דיין פאַ־

טער" און ביי זיך פלעגן די קינדער טראַכטן: „אַזאַ טאַטן איז גוט, אַז מען ווערט אים אָן".

בזשימזשי האָט געהאַלטן פון גלייכ־ווערטלעך, שטאָל און אייזן.

אַמאָל פלעגט ער צעמישן עטלעכע גלייכווערטלעך אינאיינעם, און זיי זיינען ביי אים אַרויסגעקומען פּידריך. למשל:

„ערלעך איז שווערלעך, אָבער שוויגן איז זילבער".

אָדער:

„אַ באַרג מיט אַ באַרג קומט זיך נישט צונויף, אָבער אַ מענטש־ווייסט קיינמאָל נישט ווּעמענס מאָרגן עס איז".

אָדער:

„אַז אַ קאַץ קומט איבערן וואַסער, לאָזט זיך אויס אַ טייך".

און ענלעכע אַפאָריזמען.

ביי יעדן גלייכווערטל, וואָס בזשימזשי פלעגט אַרויסזאָגן, פלעגט ער דערביי געבן אַ פליק, אַ ריס, אַ שמיר — איינעם פון זיינע קינדער, און דערנאָך פלעגט ער אַ טופּע טאָן מיטן ברייטן פוס אויפן ווייב, זי זאָל שטעלן צום טיש די גרויסע שיסל מאַמעליגע מיט ברינזע.

ויהי היום, איז בזשימזשי אַוועק צו אַן אָרימען אידן אויפמאָנען אַ חוב.

דער איד האָט געוואוינט אַ קנאַפּע מייל פון בזשימזשיס שטוב. אויפן וועג, דורכן וואַלד, טרעפן אים אַן זיבן לאַפּיטוטלעך מיט גרינע ווידעלעך און געלע הערנדערלעך, און מאַכן צו אים: „זאָגט עפּעס אַ גלייכווערטל, ר' בזשימזשי".

בזשימזשי האָט נישט געוואוסט, אַז די קליינע לאַפּיטוטלעך זיינען גרויסע לייצים, און אַז מ'זאָגט זיי עפּעס אַ ווערטל, ווערט עס מקוים. האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער ברייטער, פעטער פאה, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ וועג, וואָס איז אַ קנאַפּע מייל פון זיין שטוב, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

„אַ גאַסט אויף אַ ווייל, זעט אויף אַ מייל".

האָבן זיך די זיבן לאַפּיטוטלעך צעלאַכט מיט אַ דין געלעכטער,

ווי דורך די לעכלעך פון אַ ריבאייזן, זיך אַנגענומען ביי די ניך־פינ־גערדיקע הענט, זיך געלאָזט טאַנצן אַ קיילעכדיקס און געזונגען:

„ווערטל, ווערטל, טערטל, מערטל,
אין יעדן אָרט, אין יעדן ערטל,
ווי מ׳זאָגט אַזוי מוז ווערן,
ציינע ביינע, גיינע שטערן!"

דערנאָך האָבן זיי זיך צעלאַכט און איבערגעזונגען אַלע באַזאַמען:

„טויט איז טויט
און חופה איז חופיק,
ווער ס׳היט זיך ס׳מויל,
און ווער ס׳היט זיך דעם פופיק!"

בזשימזשי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. ער איז אַוועק מיט אַ „געשעדיקט זאָלן זיי ווערן!" און איז אַריין צום בעל־חוב, אין נידעריקן שטיבל אַריין.

דער בעל־חוב איז נישט געווען איג־דערהיים.

ס׳איז געווען זומער, יענער איז געווען אין גאָרטן, און זיך געפּאָרעט אַרומען רעטעך.

בזשימזשי האָט זיך אַליין אָנגעשעפּט אַ קוואַטירל וואַסער, מיט דער קופּערנער קוואָרט, פונם הילצערנעם פעסל אַרויס, אַ טרונק געטאָן, זיך דערפרישט ס׳קליינע, פעטע בייכל, זיך געשטעלט מיט זיינע ברייטע לאַפּעטע־פיס אין דער טיר און אַרויסגעשריען אין גאָרטן אַריין:

— „בעל־חוב, בעל־חוב, באַ־אַל כאָיעף!"

קיינער האָט נישט געענטפערט.

דער בעל־חוב האָט געגראָבן רעטעך.

פונם הימל האָט זיך געמאָלקן אַ מאָגער רעגנדל. אויפן צעבראָ־כענעם בעט מיט די געלאַטעטע קאָלדרעס האָט זיך אַ פליג געשלאָגן קאָפּ אין קישן.

אויף אַ בלוי־רויטן דאָרן אינדרויסן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בערשטעלע, איז אַ בין געפלויגן אַרויף און אַראָפּ, זיך געהיט פאַר עפּעס, כאָטש קיינער איז נישט געווען און קיינער האָט איר נישט איבערגעשלאָגן.

דער בעל־חוב איז אַריינגעקומען מיט אַ פאַרקאַטשעטער פּאָלע, און מיט אַ רעטעך.

— ס׳טיר געוואָלט, ר׳ בזשימזשי?

— געלט אָביכגעוואָלט!

— וואו זאָל איך אייך נעמען געלט אינמיטן דערינען, ר׳ בזשימ־זשי, אַז דער רעטעך איז נישט געראָטן און אינדרויסן גייט אַ רעגן, און ס׳איז היינט דינסטיק?

— איז האָט איר פאַר מיר ג אָ ר נ י ש ט?

— גאָרנישט.

— עלף רובל אויך נישט?

— אפילו אַ גראָשן נישט...

און דער בעל־חוב גיט אַ ביס אַריין אין ווייסן, זאַפטיקן רעטעך, און — לויפט אַרויס קריק אין גאָרטן אַריין.

בזשימזשי בלייבט שטיין איינער אַליין מיט די הוילע פינף פינ־גער אין די הענט, און זיין פּעט בייכל גיט אים אַ גרים.

גייט ער צו צום בעט און וויל כאַפּן די פליג, וואָס שלאָגט זיך קאָפּ אין קישן. מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז דאָ אַ גאַסט אויף אַ ווייל, און ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס ער זאָל נישט זען אויף אַ מייל, וואָס ביי אים אין דער היים טוט זיך.

און ווי אַזוי ער קוקט אַזוי דורכן פענצטער, זעט ער טאַקע, ווי ס׳וויב זיינס נעמט אַרויס פון אונטערן קישן אַ קאָרזשיקל. די טיר פון זיין שטוב עפנט זיך. דער שכן זיינער, דער בלייכער ציל־אַמזע, קומט אַריין צו גיין אויף די שפּיץ פינגער, ווי ער וואָלט זיך פאַר אימיצן געהיט און ער גיט אַ מאַך:

— ר׳נישטאָ?
— נישטאָ.
— וואו איז ער, דער פּאַסקודנער נפש?
— ר׳איז אַוועק צום בעל־חוב, וואָס האָט אַ גאָרטן מיט רעטעך — אַ קנאָפּער מייל פון דאַנען, דורכן וואַלד.
— אויב אַזוי, — האָט געזאָגט דער בלייכער צעלאָמזע, — טאָ לאָמיר לעבן אַ גוטן טאָג און אויפעסן זיין קאָרזשיקל.

אַז בזשימזשי האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן מלא גזלן, און ער האָט גענומען לויפן איבערן וואַלד, קריקצוּוועגס צום בלייכן שכן צילאָמזע, מיט געדאַנק, אַז ער וועט אים איך־ווייס־אַליין־נישט־וואָס — דעם הולטאַי, דעם פרעסער, דעם... דעם...

און ס׳וועט זיינס וועט ער אַזוי צעקיילן און צעביילן, אַז זי וועט שוין וויסן אויף אַ צווייטן מאָל, אַוועקצוגעבן אַ פרעמדן אידן די קאָרזשיקלעך, מיט אַלע גוטע זאַכן.

בזשימזשי איז געלאָפן איבערן וואַלד, ביז ער איז געוואָרן זייער מיד, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אונטער אַ בוים מיט זויערע עפּל. לעבן זיינע פיס האָט געוואָקסן אַ שוועמל, ווי אַ צעעפנט רעגנשירעמל, מיט שיטערע, ווייכע דראָטלעך.

„ווען דאָס שוועמל זאָל זיין אַ קאַפּעלע גרעסער״, האָט געטראַכט בזשימזשי, „וואָלט איך עס אַליין געקענט נוצן, איצטער־אָ, אַז סי גייט אַ רעגן! אַזוי ווי עס איז״, האָט ער געטראַכט, „קען דאָס בלויז זיין אַ רעגנשירם פאַר מערעזשקעס״.

ביי די ווערטער האָט זיך טאַקע באַוויזן אַ מערעזשקע אין טער־קישע הויזן און מיט העניטשקעס. זי איז געגאַנגען שטאָלץ און גע־טראָגן איבערן קאָפּ אַ שוועמל.

פון דער וויטן האָט זיך דערוויל געהערט דאָס געלעכטער פון די לאַפּיטוטלעך, ווי דורך די לעכלעך פון אַ ריבאייזן.

בזשימזשי האָט זיך דערמאָנט, וואו ער איז אין דער וועלט און איז ווייטער געלאָפן.

צילאַמזע איז געהאַט אַוועק אין וואַלד.

בזשימזשי איז אַריין אין שטוב אַריין מיט אַ געוואַלד:

— וואו איז ער דער... דער? איך וועל אים צערייסן ווי אַ הערינג... מיינע קאַרזשיקלעך...

נאָר די שטוב איז געווען ליידיק.

אויפן אַלטן בעט האָט זיך אַ פליג געשלאָגן קאָפּ אין קישן. אַ קעלבל איז געשטאַנען אויף דער שוועל, אַריינגעקוקט אין אַ בלעטל פון אַ סידור, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דר'ערד און געמאַכט: „מוה־ה!"

בזשימזשי איז געווען זייער פאַרשוויצט פונם לויפן, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט לעבן פענצטער אַביסל אָפּרוען, געפּרואווט — אַזוי צעטראָגנערהייט — אַ כאַפּ־טאָן די פליג און זי זאַדישן. די פליג האָט זיך דערשראָקן און איז אַוועק מיט אַ „זש..." אויף די ליפּן.

בזשימזשי האָט זיך געפּאַכעט מיט דער יאַרמיקע און געטראַכט:

„איך זאָל כאָטש נישט דאַרפן לאַנג זיצן ביי מיין שכן צילאַמזע. איך דאַרף נאָך גיין אַהיים שלאָגן ס'ווייב... איך בין אַ גאַסט אויף אַ ווייל..."

ביי די ווערטער האָט ער פּלוצים דערזען דעם בעל־חובס שטיבל. דער באַלעבאָס פונם רעטעך איז געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער אַ טישל און געציילט רענדלעך און געשיט אין אַ פּעסל אַריין.

בזשימזשי איז געוואָרן אויפ—גע—קאָכט:

— אַזאַ געמיינער יונג, האָט אַ פּעסל מיט רענדלעך און מיר וויל ער נישט געבן אפילו קיין עלף רובל...

און ער האָט גענומען לויפן דורכן וואַלד — קריק.

...אַז בזשימזשי איז צוגעקומען צום בעל־חובס שטיבל איז שוין געווען שטאָק־נאַכט. די לאָדן זיינען געווען פאַרהאַקט. קיין לבנה איז נישט געווען.

ער האָט געוואָלט צוגיין צום פענצטער. נאָר דער ציג־הונט האָט זיך אַ לאָז געטאָן שווימען אויף בזשימזשיס בערדל, אויף זיינע צע־פלאָכטענע פאות... ער האָט אים צעריסן די קאַפּאָטע, צעביסן די שטיוול, צעפליישלט די נאָז, צעקייט די ליטקעס... געמאַכט פון אים אַ תל־עולם.

בזשימזשי איז אַנטלאָפן אויף יענער זייט פּלויט, אויף יענער זייט פונם גאָרטן מיט די רעטעכער.

און ווי ער שטייט אַזוי אַ צעפּלאָכטענער, אַ צעקייטער, אַ צע־ריסענער, דערזעט ער פון דער ווייט זיין אייגן שטיבל. די קינדער האַלטן זיך ביי די הענט, טאַנצן באָרוועס אין די הוילע סטענדלעך און זינגען:

„טאַטע, שמאַטע,
קוש
אין פּיאַטע!"

און ס'ווייב זיינס נעמט אַרויס אַ פרישן קאָרזשיקל און דערלאַנגט עס ציליאָמזען. יענער פאַרנייגט זיך און זאָגט אויף דייטשיש:

„איך קוש די לאַבע
גנעדיקע אידענע!"

מיט צעקייטע הויזן און אַ צעפליקט האַרץ, האָט בזשימשי גענומען לויפן קריק — אַ צעווילדעוועטער ער וועט זיי אַזוי און אַזוי... די אַזוי און אַזוי... א י ם זאָל מען אַזוינס אָפּטאָן... אים, אַן אייגענעם מאַן, אַן אייגענעם טאַטן!...

Dעם אַנדערן אינדערפרי האָבן אים די לאָפּיטוטלעך געפונען אַ געהלשטן, האָבן זיי אים באַשיט מיט פעפער, אַריינגעלייגט אין אַ טרונע מיט רעדלעך, און אָנגעזאָגט דעם טרונעלע, אַז סי זאָל גיין און גיין, און אַז ס'עט קומען צום ים, זאָל זיך עס אַריינקייקלען און — מער זאָל מען עס נישט זען.

דערנאָך האָבן זיי זיך צעלאַכט, מיט אַ דין געלעכטערל, ווי דורך די לעכלעך פון אַ ריבאייזן.

די פרוי פלוי מיטן זייגערל

אין דער־א מעשה דערציילט זיך פון
האַסנהאַס ציִשן אַ שוואַרצער פלוי מיט אַ
ווייסער, און פון זייער מסירת־נפש פאַרן
פאַטערלאַנד.

די פרוי פלוי, כאַטש אויפגעהאָדעוועט בײַ אַ מלמד אין באַמבעטל און איז איר גאַנץ לעבן געווען אויף אַ דיעטע פון... שוויצנדיקע מלמדים און קויטיקע גאַטעס, פונדעסטוועגן איז זי געווען אײדל און פון אַדל, פון גרויסן אַדל, דערפאַר וואָס זי איז געקומען פון זײַער אַ פורנעמער משפחה פון פליי און זי איז געווען אײַנגעטונקען אין יחוס.

איר זיידע איז געווען אַ גראַף — גראַף פּיצעפּליצל פּיצלקלײַן פאָן האָצאַצאַ. איר מאַמע איז געווען די באַרימטע שיינהייט און בינען־שפּרינגערקע, פלוי פאַנאַזאַ. און אירס אַ פעטער, דער באַרימטער גענעראַל פלוימאַנזימעס, האָט זיך באַרימט געמאַכט אין גאַנצן פלויאישן רײַך (פון עסנביז פרייסן) מיט דעם, וואָס אין דער גרויסער שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם האָר־קאַסטן פון קייסער פּראַנציוזיק, איז ער אַרויס דער אַבסאָלוטער זיגעררר.

וועגן דער זעלביקער פרוי פלוי איז דאָ צו דערציילן און צו דערציילן. די כראָניקעס פון פלויענטום פון דער ערשטער העלפט פונם אַנדערן פערטל פונם דריטן אַכטל פון איין־און־דרייסיקסטן יאָר־הונדערט זײַנען פול מיט לויבגעזאַנגען און וואונדער־מעשות וועגן דער־אַ פלוי־פרוי, ווי אַ שטייגער די געשיכטע פון דעם ראַסן־קאַמף, וואָס די פעטע ווייסע פליי האָבן אָנגעפירט קעגן די מאָגערע שוואַרצע און ברוינע פליי; ווי אַזוי די שוואַרצע און ברוינע פליי פלעגן זיך מאַסנווייז לאָזן אָפּשפּריצן מיט מילך און זיך שמדן אויף ווייסע, און דערנאָך האָט עס ערשט נישט געהאָלפן. די פעטע ווייסע פליי

פלעגן פאַרכאַפּן די פעטסטע ווייסע אידן און טערקן, און נישט דערלאָזן די שוואַרצע און ברוינע פליי צו עפּעס אַ רעכטן ביסן. זיי פלעגן צו זיי זאָגן: „ניגערשע לייז, ווי קומט איר צו אונז, ווייסע פליי, פון דער אידעלער לווזישער ראַסע?"

און נאָך געשיכטעס זיינען דאָ וועגן פליי, — באַזונדער וועגן אונזער פרוי־פלוי, וועלכע האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסער טענ־צערקע.

...די געשיכטע ווי אַזוי אונזער פרוי־פלוי האָט זיך געהאַט פאַרליבט אינם מלמדס ביקל, און ווי אַזוי זי איז שיר אויסגעגאַנגען פון ליבע צו אים, און ווי אַזוי דאָס נעמלעכע ביקל האָט זי אויסגעביטן אויף אַ... יאַלעווקע, און די פלוי־פרוי האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס — דאָס אַלצדינג איז פאַרשריבן אין די כראָניקעס, וואָס זיינען באַקאַנט אונטערן לשון־קודשן נאָמען: „דברי הימים של פליי־אים פלאים".

וואָס מ י ר ווילן דערציילן און פאַרשרייבן פאַר די שפּעטער־דיקע דורות, איז די מעשה פון דער פריי־פלוי מיטן זייגערל.

ביים פישענער מלמד איז געווען זיי־גער שפּעט. ער האָט זיך געאיילט צו קוגל־מאַלקע, און צום רבין.

דער פישענער, ווי ס'איז באַוואוסט, האָט געהאַט אַ זייגערל, ווי אַ ציבעלע, מיט מעשענע רעדלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט און גע־אַרבעט ווי אַ גראַלניע.

אַז דער פישענער מלמד האָט אַרויסגענומען פון בוזעם דעם ציבעלעזייגער, און אים צוגעלייגט צו דער רעכטער פאה, האָט ער דערהערט, אַז דער זייגער איז שטיל, געשטאָרבן.

...האָט דער פישענער געעפנט די קופערטע, אַ גראַבל געטאָן מיטן קויטיקן נאָגל אין עפּעס אַ שטאָלן האָרל, וואָס האָט געציטערט ווי אַ דופקל פון אַ מענטשל, וואָס האָט אָט־טאַקע ערשט נאָר־וואָס געלאָזט די נשמה.

...דער פישענער הט געגראַבלט און געגראַבלט אין די אײדעלע געדערעמלעך פום זייגערל, האָט זיי אַזוי לאַנג געגראַבלט און דאָ־קוטשעט, ביז וואַנען זיי האָבן, פון כעס און עגמת־נפש, זיך אָנגעהויבן רירן.

... אַז דער פישענער האָט דערזען, אַז די אידעלע געדערימלעך רירן זיך, און דאָס שטאָלענע דופקל קלאַפּט, האָט ער נאָכאַמאָל צוגע־לייגט ס׳ציבעלע־זייגערל צו דער רעכטער פּאה, כדי זיך צו באַצייגן צי מ׳קען זיך פאַרלאָזן אויף אַזאַ גיין. אַז ער האָט זיך באַצייגט אַז „יאָ, מ׳קען״, האָט ער די קופּערטע פאַרמאַכט.

ויהי, און דאָס איז געווען פרייטיק, והפלוי שלנו, און אונזער פלוי, וואָס איז בשעת־מעשה, ווען דער פישענער האָט אויפגעמאַכט די קופּערטע, אַריין אינם געווערק פונם זייגערל, איז איצט געווען פאַרמאַכט, פאַרהאַקט, פאַרשלאָסן אין דער שרעקלעכער פאַבריק, וואָס האָט געמאָלן מינוטן, ווי אַ מיל מאָלט מעל.

צומערשטן האָט זיך די פרוי־פלוי אַזוי לייטיש דערשראָקן: אַזאַ טומל! אַזאַ גערויש! מעשענע מינוטלעך מאָלן זיך, דרייען די ווייזערס ווי די פליגלען פון אַ ווינט־מיל. די מעשענע האָר איז ביי דער פלוי אין געדאַנק אַ סך פאַרגרעסערט געוואָרן. סע האָט זיך איר פאַרגעשטעלט: אַ גוואַלדאָוונער וואַסערפאַל גיסט און גיסט און גיסט זיך נישט אויס!

והכוח הדמיון של הפלוי שלנו, און די געבליטן פון אונזער פלוי האָבן זיך צעשפּילט; זי האָט זיך פורגעשטעלט, אַז זי איז דאָן־קיכאָט, און אַז זי שלאָגט זיך מיט ווינט־מילן, און אַז דעם פישענער מלמדס ביקל, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט און וואָס ער זי אויסגעביטן אויף אַ... יאַלעוועקע, האָט בידאַרפט און געקענט זיין איר סאַנטשאָ־פאַנטשאָ, נאָר — לאָז ער פאַרברענט ווערן, דאָרט וואו ער איז, דער ממזר! זי, מיט איר אידעלער, פרינצעסינדיקער פיגור און פונם הויכן יחוס — פון אַ ז אַ יחוס, איז אים נישט געפעלן, און די פעטע יאַלעווקע — יאָ!

והפלוי שלנו היתה, און פלוי אונזערע איז געוואָרן זייער באַטריבט. וואָס זאָל זי טאָן? שלאָגן זיך מיט שטאָלענע ווינט־מילן, מיט מעשענע מינוטן, איז זי צו שוואַך — נישט מער ווי אַ פלוי! אַרויס קען זי נישט, ווייל די קופּערטע איז פאַרמאַכט. איז ביי איר געבליבן, אַז זי וועט זיך שאַפן אַן אילוזיע, זיך אַליין אָפּצונאַרן. וואָרים איר לאַגע איז געווען אַ ביטערע.

הפלוי שלנו, אונזער פרוי־פלוי האָט זיך, בעת זי איז געווען אויף דער פריי, געהאַט געגוג אַנגעלייענט מיט היינטמודישע אידישע ביכלעך, און זי האָט גוט געוואוסט פון דעם אידישן ווערטל: „אַז מ׳קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער״.

...און אַזוי ווי מסכים־זיין, אַז דאָס זייגערל טראָגט ז י, האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי זיך איינגערעדט, אַז זי טראָגט דאָס זייגערל.

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי איז אַ בר־מצוה אינגל. היינט געוואָרן בר־מצוה. איר טאַטע, דער פעלדמאַרשאַל פילייזעליוס, האָט געמאַכט אַ באַנקעט, פאַרבעטן גרויסע געסט פון אַלע קאַנטן, געשטעלט צום טיש... פעטע, אַלטע קאַלדרעס, בייכער פון מלמדים, הינטנס פון גבאיטעס, בריסט פון זאַגערקעס, פלייצעס פון שמשים — אַ יום־טוב אַ גרויסער, אַ פלויען־יום־טוב.

...דער פלוי־פרוי (איצט אַ אינגל און אַ בר־מצוה) האָט מען אָנגעטאָן אויפן שטערן אַ פיצעלע תפילן, גרויס ווי אַ הירזש, און אַ של־ידל ט׳אַזוי די גרויס און מ׳האָט מיט איר געמאַכט די ברכה „לטיטופעס״, זי האָט געהאַלטן זייער אַ שיינע דרשה וועגן פלוי׳כטן צו גאָט׳ן און וועגן פלוי׳מענצימעס. דערנאָך האָט מען געטיילט לעקעך־און־בראַמפן. די מוטער־פלוי האָט געשוויצט און זיך געפּעכערט מיט דער פינטעלע „י״, וואָס איז געווען אַביסל צו גרויס פאַר איר. און צום סוף האָט מען איר (אים) געגעבן אַ מתנה אַ זייגער, אַ שיינעם גאָלדענעם זייגער, מיט אַ גיבראַלטאַריש ווערק...

...איצט גייט זי (ער) אין שול אַריין דאַווענען און... טראָגט דעם זייגער און אַלע זיינען זי מקנא.

לספּר, צו דערציילן אַלע איבערלעבע־נישן, וואָס די פרוי־פלוי האָט איבערגעלעבט אין איר מעשענער תפיסה, איז נישט פאַר אונזערע כוחות.

אבל, נאָר אַזוי ווי צו אַלע מעשות מוז זיין אַ סוף, וואָרין אויב ס׳איז נישטאָ קיין סוף, איז דער נישט־סוף אויך אַ סוף, על־כן, דעריבער, וועלן מיר פאַרענדיקן אונזער מעשה נישט אַזוי טרויעריק, ווי זי האָט זיך טאַקע געענדיקט ביים סאַמע־סוף, דאָס הייסט, מיט עטלעכע רגעס פריער, איידער די מעטאַלענע מינוטן און מעשענע רגעס האָבן דער־קוועטשט אונזער פלוי און פון איר יונג לעבן געמאַכט אַ תל. מיר

וועלן דאָס אַלצדינג איבערהיפּערן און אייך בלויז איבערגעבן די גע־דאַנקען און די געפילן פון דער פּרוי־פּלוי אין די לעצטע מינוטן פון איר יונג לעבן:

זייגער: 3 מינוטן צו עלף:

„איך בין יונג, איך בין אידעאַליסטיש, איך בין שיין... לאָז דעם מלמדס ביקל גיין אין דר׳ערד אַריין; ער האָט מיך נישט די ווערט!"

זייגער: 2 מינוטן צו עלף:

„איך לעב, איך קעמף, איך בין בר־מצוה. איך גיי אין אַ זייגערל".

זייגער: 1 מינוט צו עלף:

„...לופט! סע פעלט לופט! איך בין געוועזן אַ פּינטעלע „י" און וועל בלייבן אַ פּינטעלע „י"!

זייגער עלף:

„איך גיב סיגנאַלן אין דער קופערטע. איך קלאַפּ מיט אַ הע־מערל. דער פישענער ענטפערט ניט. שיקט מיר זויער־שטאָף... שיקט מיר אַ סידורל... לאָמיך כאָטשע נישט שטאַרבן אָן וידוי"...

זייגער: אַ רגע נאָך עלף:

„איך שטאַרב פאַר מיין פאָלק! זאָל לעבן דאָס פּינטעלע... שאַ! מיר פאַלט איין, אַז איך בין אַליין דאָס פּינטעלע פון דער „י".. און איך גיי אָנגעטאָן אין גאָלד. די צייט דרייט זיך אַרום מיר. די וועלט דרייט זיך אַרום מיר... שר... שר... מער ליכט!"

זייגער: צוויי רגעס נאָך עלף:

„...איך שטאַרב, אָבער מיין זאַך בלייבט לעבן. הוראַ פאַר פּרעזידענט קולידזש!"

אונטער דעם ציפּערבוים

א

אונטער דעם ציפּערבוים בין איך געזעסן. איך האָב געזען אַ פרוי דורכגיין. איר קלייד איז געווען ווייס ווי פרישע מילך, איר זונשירם איז געווען גרין — ווי די ערשטע ווערבע־קנאָספּן.

אַ פליג האָט פאַרבייגעפלאַטערט לעבן איר שיין אויג. געוואָלט עס קושן. דענצמאָל האָט זי אַרויסגענומען איר קליין אידל טאַשנטיכל. איך האָב געקוקט און נישט געקענט פאַרשטיין. איך ווייס: פרויען האָבן געווייינטלעך קלענערע פיס ווי מאַנסבילן. אָבער אַז פרויען זאָלן האָבן קלענערע נעז ווי מאַנסבילן, דאָס איז מיר נישט באַקאַנט.

פּירוואָר. אַלצדינג אין לעבן איז אַ רעטעניש. אָבער די גרעסטע רעטעניש איז דאָס וואָס דער מאַנסביל נוצט אַ ג ר ע ס ע ר ע נאָזטיכל ווי די פרוי.

ב

וואָס איז טרויעריק?

טרויעריק איז אַז אַ מענטש פאַרלירט דאָס וואָס ער האָט נאָך נישט געפונען.

טרויעריק איז, אַז אַ מענטש גייט איינער אַליין ביינאַכט אין אַ וואַלד און קיינער באַגלייט אים נישט — אפילו די שרעק.

טרויעריק איז, אַז אַ מענטש איז אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט און אומעטום געזען אונטערגיין די זעלביקע זון, אין דער זעלביקער זייט.

טרויעריק איז, אַז פייגל פליען איינער נאָכן אַנדערן אין אַ גלייכער שורה און יעדער פליט בלויז אַהין, וואו דעם חברס עק וויזט אים.

טרויעריק איז ווען אַ מידער פאַרשלאָפענער שמייכל ראַנגלט זיך אין ליפּנווינקל און וויל זיך נישט אונטערגעבן.

אָבער טרויעריקער פון אַלצדינג איז ווען די זון גייט־אויף און גייט אונטער אויף אַ גרין, גלאַטיק פרילינג־פעלד און דו באַגלייטסט מיט דיין אויג דאָס ליכט און די פינצטערניש און צווישןביידע ווערסטו

פאַרשלעפּערט און אויפגעוועקט און דיין לעבן איז טויט און דיין טויט איז לעבעדיק.
דאָס איז דאָס טרויעריקסטע.

ג

אַז די טירקלטויב זינגט, זינגען דורך איר האַלז אַלע ליבשאַפטן פון דער וועלט.
אַז די טירקלטויב זינגט, זינגען דורך איר האַלז אַלע פאַרגאַנגענקייטן פון דער וועלט וואָס ווילן נ אָ כ אַ מ אָ ל קומען, כדי נ אָ כ אַ מ אָ ל צו פאַרגיין.
אַז די טירקלטויב וויינט, וויינען דורך איר אַלע אויסגעמוטשעטע פעלדער, וואָס קענען שוין מער נישט בליען.
אַז די טירקלטויב וויינט, וויינען דורך איר אַלע, אַלע אָפּגעדאַרטע עפּלבוימער, וואָס שטייען אין די טרוקענע טאָלן.
אַז די טירקלטויב וויינט, וויינען דורך איר אַלע באַגראָבענע און פאַרגעסענע קליינע גאָלדפליגן און רויטע וועריִמלעך וואָס האָבן מיט זייער רגע־שיינקייט די וועלט פאַרבליצט און קיינער האָט נישט געפרעגט פון וואַנען עס קומט די ליכט, די רויטקייט.
אַז די טירקלטויב וויינט, וויינען דורך איר אַלע אָפּגעמעקטע ליוב־שריפטן אויף די פּיראַמידן.
און די איינגעשרומפּטע קעניגלייבער, וואָס ליגן אין בושה אין זייערע אַלטע, קרישלדיקע טעמפּלען.

ד

אַ שרייבער דאַרף האָבן שטימונג. אַז ער האָט נישט קיין שטימונג — איז ער אומגליקלעך. וואָס קען ער טאָן אָן שטימונג?
שטימונג — דאָס איז זיין געצייג. ווערט שטומפּיק דאָס געצייג — די שטימונג, קען ער נישט אַרבעטן. קען ער נישט פאַבריצירן קיין קונסט־ווערק. קען ער נישט שאַפן. אַ שרייבער מוז זוכן אָנצושאַרפן דאָס געצייג, די שטימונג! אַז נישט, מוז ער אינגאַנצן אַוועקוואַרפן דאָס אַלטע געצייג — די אַלטע שטימונג — און זוכן אַ נייע... און שטימונגען, מיינע ליבע, זיינען אַן איידעלע זאַך! — אַן איידל געצייג! עס רייבט זיך שנעל אויס... די בעסטע שטימונג —

קוים האָט איר מיט איר אָנגעשריבן צוויי סקיצן — ווערט זי טעמפּ און אָפּגענוצט און מען מעג זי אַרויסוואַרפן, ווי אַן אָפּגענוצט קלינגל פון אַ בריטווע...

כדי אָנצושרייבן נייע זאַכן איז נויטיק — אַלע ווײַלע — נייע שטימונגען. כדי צו האָבן נייע שטימונגען, דאַרף מען אַלע ווײַלע שפּילן נייע ליבעס, דאַרף מען — אַלע ווײַלע — פאָרן צום ים אָדער אויף די בערג, אָדער קיין פּאַריז־לאָנדאָן (און קאָפּענהאַגען גייט אויך נישט צופוס) דאַרף מען טרינקען גוטן ווײַן אָדער ברענדי, דאַרף מען טראָגן טײַערע קאָפּעלושן און וואונדערבאַרע העמדער; דאַרף מען האָבן ווײַן, ווײַב און ראַדיאָ. און דאָס אַלצדינג קאָסט בלוט, מײַנע טײַערע! מען גיט דערויף אויס דעם לעצטן גראָשן — אַבי צופּרינ־צושטעלן ...עם לעזער, אַבי ער זאָל הנאה האָבן, אַבי ער זאָל געניסן פון דעם אמתן ביסל קונסט...

און אפילו מען פאַרדינט שוין די 85 דאָלאַר אַ וואָך — גייט דאָס אַלץ אַרײַן אין דער רויער וואַרע — אין שטימונג, הייסט דאָס!... און ביי היינטיקע צײַטן, ווען דער פּרייז אויף שטימונג איז גע־שטיגן אפשר 40 פּראָצענט, וואָס בלײַבט פאַר דעם אמתן קינסטלער צו טאָן, אויב נישט צו רעכענען נאָך אַ דאָלאַר מיט 98 סענט פאַר יעדן קונסטווערק?

ה

איך האָב געזען: אַן אַלטער בוים — אַ פאַרקרומטער, אַ טרוקענער, מיט אַ צעבראָכענעם שטאַם, מיט דאַרע צווייגן קעגן הימל — אַ שטאַרבנדיקער.

אַ זקן מיט ציטערדיקע הענט האָט געהאַלטן אַ קליין וואַסער־קענדל און האָט באַשפּריצט דעם שטאַם פון דעם אַלטן בוים און אים געוואָלט אויפלעבן — געוואָלט אויפלעבן זײַן האָפענונג.

און נישט ווייט פון דעם אַלטן און זײַן בוים איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי און באַרעגנט די יונגע רויזן, וואָס האָבן ערשט געהאַלטן אין אַרויסקומען אויף דער וועלט. און גאָטס אַלטער הימל האָט אַרונ־טערגעשמייכלט אויףביידן, אויף ביידן.

ו

די צרה מיט די יונגע שרייבער איז נישט וואָס זיי שרייבן אַזוינע אויסטערלישע ווערטער, ווי „קי־קי״, נאָר דאָס וואָס זיי טראַכטן „קי־קי״!... נישט נאָר די פאָרם איז ביי זיי אַ קי־קישע, נאָר אויך דער אינהאַלט. געוויסע שרייבער לעבן אויף דער אַנדערער זייט פון צייט, דעריבער בלייבן זיי אייביק־יונג. זייער יונג־שאַפט איז נישט די יונגשאַפט פון לעבן, ווייל די דאָזיקע יונגשאַפט מוז, סוף־כל־סוף, צייטיק ווערן, עלטער ווערן. זייער יונגשאַפט איז די יונגשאַפט פון עפּעס וואָס באַוועגט זיך נישט, וואָס אָטעמט נישט, עס איז די לעבעדיקע יוגנט — געקוילעט און איינבאַלזאַמירט... עס איז דער מענטש און דער אָטעם — אָפּגעזונדערט איינס פון ס׳אַנדערע, כדי זיי זאָלן זיך — קאָנגזייטיק — נישט אָפּניצן.

ז

די וואונדער פון דער ציוויליזאַציע:
פאַר בלויז 10 סענט זעצסטו זיך אַוועק אין אַ לופטיקן זאַל, מיט אַ סך ווענטילאַציע און מיט מוזיק, און בשעת דו זיצסט זיך אַזוי אין דער קיל, און סע פּאָכעט אויף דיר דער פיינער עלעקטרישער פעכער, זעסטו דערוויל אויפן לײלעך ווי מענטשן ווערן צעריסן פון גראַנאַטן, און ווי זיי פליען אין דער לופטן; זעסטו ווי באַנען גייען אַרונטער פון די רעלסן און ווי לופט־שיפן פאַלן צו דר׳ערד; זעסטו ווי מענטשן שטאַרבן אין די מינען אונטער דר׳ערד און ווי שיפן זינקען אַרונטער אין דער טיפעניש, ווי יונגע קינדער ווערן פאַרברענט און איבער־געפאָרן. זעסטו אַלערליי אינטערעסאַנטע אומגליקן פאַר בלויז 25 סענט, און דו באַמערקסט צו דיין ליבער פרוי, אַז דאָ איז גאַנץ קיל, און אפשר וויל זי אַ שטיקל שאָקאָלאַדע, אָדער אַ גלאָז סאָדע־וואַסער?... און אַה! סע בלאָזט אַריין אַ פיין ווינטל — דורכן אָפענעם דאַך, און מאָרגן גאַנץ פרי, אַז מ׳עט דערלעבן, וועט מען זיך פאָרן באָדן.

ח

ער איז געווען פאַרביטערט. ער איז געווען פאַרצווייפלט. אַ גרויס אומגליק האָט׳ן געטראָפן. ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן, וואָס ער זאָל אָנהויבן. ער איז געווען צעבראָכן, רואינירט, באַנקראָט. ער איז געשטאַנען ביים סאָמע

תהום פון פאַרצווייפלונג. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן. געקלונגען אין די אויערן, גערוישט אין קאָפּ, געקלאַפּט אין האַרץ. ער האָט זיך נישט געקענט באַשליסן וואָס צו טאָן. ער האָט געטראַכט צי זאָל ער:

1) שפּרינגען פון בריק?
2) איינאָטעמען גאַז?
3) אַרייניאָגן זיך אַ קויל אין קאָפּ אַריין?
4) פאַרציען אַ שטריק אַרומען האַלז?
5) וואַרפן זיך אונטער אַ לאָקאָמאָטיוו?

נאָר ער האָט אַלץ נישט געקענט אָפּמאַכן ביי זיך וואָס ס'איז גלייכער.

ענדלעך, איז ער פאַרבייגעגאַנגען דעלענצי סטריט, דערזען אין אַ שויפענצטער פון אַ געשעפט, אַז מ'פאַרקויפט דאָרט קאַשקעטן זייער ביליק: אַ דאָלאַרדיקן קאַשקעט פאַר בלויז 59 סענט.

איז ער אַריין אינעווייניק, זיך געקויפט אַ נייעם קאַשקעט און... איז אַוועק.

און מער האָבן מיר פון אים נישט געהערט.
ביז אויפן היינטיקן טאָג...

ט

עֶר שרייבט מיר:

גראַטולירט מיך, מיין פריינט, איך וועל אינגיכן חתונה־האָבן מיטן שענסטן, מיטן פיינסטן, מיטן זיסטן, מיטן טייערסטן, מיטן ליכטיקסטן, מיטן קליגסטן, מיטן איידלסטן, מיטן אַנשטענדיקסטן, מיטן אינטעלי־גענסטן, מיטן וואונדערבאַרסטן בלאָנדסטן מיידל אין דער גאַנצער וועלט.

איך ענטפער אים: ליבסטער פריינט, אויב דו וועסט חתונה־האָבן מיטן שענסטן, מיטן בעסטן, מיטן פיינסטן, מיטן זיסטן, מיטן ליכטיקסטן, מיטן אַנשטענדיקסטן, וואונדערבאַרסטן און־אַזוי־וויטער־דיקסטן מיידל אין דער גאַנצער וועלט, וועל איך דיך לאָזן איינזעצן איז קרימינאַל.

ווייל מיט דעם שענסטן, בעסטן, פיינסטן, ליבלעכסטן און וואונדער־באַרסטן מיידל אין דער גאַנצער וועלט האָב א י ך שוין חתונה־געהאַט — נאָך אין יאָר 1913, אויב דו געדענקסט...

די אַלער־טיפּסטע געהיימעניש...

...גייט ער אַזוי און בלאָנדזשעט אַרום איבער די פּאַריזער גאַסן. שטום איז ער — קיין צונג האָט ער נישט, אַ גאַליציאַנער איד. פאַרשטייט נישט אַ וואָרט פון זייער שפּראַך, און דאָ מוז ער זיין אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ נישט שפּע־טער ווי זייגער עלף.

און איצט איז שוין אַ פערטל צו צען.

קומט אונטער אַ פרעמדער מאַן מיט באַקן־בערד און דערלאַנגט אים אַ צעטל געשריבן אין פראַנצויזיש.

גייט ער צו צו אַ פראַנצויזישן פּאָליסמאַן, ווייזט אים דאָס צעטעלע און בעט אים (פאַרשטייט זיך אויף דייטש) ער זאָל׳ס אים איבערלעזן.

אַז דער פּאָליסמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן צעטעלע, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן ווי אַ פייער, עפּעס אַרויסגעבאַלאַבעטשעט אויף פראַנצויזיש און דעם כעוורע־מאַן אַרעסטירט...

פאַרוואָס? פאַר ווען? הויבט דער מאַן נישט אָן צו וויסן!

און רעדן צו זיי, דערציילן זיי ווער ער איז, קען ער אויך נישט. נישטאָ קיין צונג!

אַרויס פון טורמע, גייט ער ווידער אין גאַס, טרעפט ער אָן אַ מיידל, קענטיק אַ דייטשקע, גייט ער צו צו איר און דערציילט איר אויף דייטש, אַזוי און אַזוי, און ער ווייזט איר ס׳צעטעלע און בעט איר, זי זאָל אויף אים רחמנות האָבן און אים דערקלערן וואָס דאָרט שטייט.

נעמט דאָס מיידל דאָס צעטעלע, גיט דערויף אַ קוק, ווערט רויט און טויט... זידלט אים אויס ווי דעם ערגסטן און גייט אַוועק.

טראַכט זיך דער מאַן: וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר קען דאָרטן שטיין אין דעם צעטעלע? וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אויף אים, וואָס אַלע אַנטלויפן פון אים?

און ווי ער טראַכט אַזוי, קומט אים אַנטקעגן אַ יונגע פרוי, מיט אַ געשמינקט פּנים און אַ גאַסנדיק שמייכעלע. טראַכט ער: ער

וועט פּרואוון ביי איר אַ פרעג טאָן, אפשר וועט ז י וויסן. פאַר איר דאַרף ער זיך דאָך נישט שעמען!

גייט ער צו צו איר. דערלאַנגט איר אין האַנט אַריין אַ פראַנק און ווייזט איר אויפן צעטעלע, זי זאָל אים, הייסט דאָס, געבן צו פאַר־שטיין, אויף שטום־לשון, וואָס דאָרט שטייט אַזוינס געשריבן.

לייענט זי און לייענט און אַזוי גיך ווי זי קומט צו צו דער לעצטער שורה, אַז זי שטרעקט נישט אויס אַ האַנט און דערלאַנגט אים אַ פּאַרפּאַר איבערן מויל — איינמאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל.

ער האָט זיך קוים אָפּגעראַטעוועט מיטן לעבן.

דערזען אַזאַ מעשה, איז ערשט דער מאַן געוואָרן רעכט נייגעריק וואָס דאָרט שטייט אַזוינס אין צעטעלע.

— געוואַלד! — האָט ער געטראַכט — וואָס איז עס פאַר אַן אָנשיקעניש אויף אים מיט אַ צעטעלע! און פאַרוואָס רופט עס אַרויס ביי יעדן איינעם אַזאַ בייז בלוט?

פאַלט אים איין: שאַ! ער וועט גאָר נעמען אַ פרעג טאָן ביים דייטשן קאַפּיטאַן פון דער שיף, מיט וועלכער ער איז געקומען קיין שערבורג.

פאָרט ער אַוועק קיין שערבורג, וואו עס שטייט נאָך די שיף, מיט וועלכער ער איז געקומען, און ער לויפט אַוועק צום קאַפּיטאַן מיט אַ געבראָכן געמיט, און מיט אַ געוויין און ווייזט אים דאָס צעטעלע.

טוט דער אַלטער קאַפּיטאַן אָן די ברילן (פראַנצויזיש האָט ער גאַנץ גוט געקענט, דער קאַפּיטאַן) שטעלט זיך אַוועק לעבן פּאַרענטש פון שיף און — ווי ער שטייט אַזוי, קומט אָן מיטאַמאָל אַ גרויסער שטורם־ווינט, גיט אַ ריס אַרויס דאָס צעטעלע אוןפאַרטראָגט עס אין ים אַריין.

און ביז היינטיקן טאָג קען מען נישט וויסן וואָס דאָרט איז געשטאַנען...

מיט „פּיקטשעס"

אַמאָל איז געווען אַ רעדאַקטאָר, האָט ער ליב געהאַט „פּיקטשעס"...

ריכטיקער געזאָגט: אילוסטראַציעס. נאָך ריכטיקער געזאָגט: ער האָט ליב געהאַט עס זאָל זיין „פּלעין".

נישט מער, נישט ווייניקער.

האָט אַ רעפּאָרטער געבראַכט אַ שטיקל נייעס פון אַ זאַווערוכע אין באַלטימאָר וועלכע בושעוועט שוין צוויי טעג, האָט דער רעדאַקטאָר די ערשטע זאַך געפרעגט:

— האָט איר אַ פּיקטשע פון דער זאַווערוכע? אויב יע, גיט מיר אויך אַ פּיקטשע פון די צוויי טעג, וועט זיין אַלעס „קאָמפּליט".

האָט אים אַמאָל אַ סקיצנשרייבער געבראַכט אַ דערציילונג וועגן אַ בחור וואָס פירט אַ געהיימע ליבע אויף צוויי קאָלומנעס מיט אַ מיידל, האָט דער רעדאַקטאָר געפאָדערט דריי פּיקטשעס.

1 פּיקטשע פון דער געהיימער ליבע, אַ צווייטע פון דער מיידל און אַ דריטע פון דעם בחור.

אַזוי כסדר.

איינמאָל האָט זיך פּאַרלאָפן אַז דער דאָזיקער „פּלעינער" רע־דאַקטאָר האָט צוגענומען ניט קיין פּלעינעם רעפּאָרטער און דער דאָ־זיקער רעפּאָרטער האָט אים ווי אַ מוסטער פון זיין שרייבערשער פייאיקייט — באַלד דעם ערשטן טאָג געבראַכט אַ שטיקל נייעס וועגן רומענישן שוחט וואָס איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ פערד בעת ער (דער שוחט) איז געגאַנגען צום דאַווענען מיטן תפילין־זאַק אונטערן אָרעם.

דער פּלעינער רעדאַקטאָר האָט איבערגעלייענט ס'שטיקל נייעס, איז געווען אַנטציקט פון דער פּלעינקייט מיט וועלכער דער שוחט איז אַוועק אין זיין אייביקער רו.

אַ ווײַלע האָט דער רעדאַקטאָר געוואויגן דעם רעפּאָרט אין זיין פּלעינער האַנט. דאַן האָט זיך זיין פּלעין פּילאָזאָפישער שטערן פאַר־קנייטשט און ער האָט געפרעגט:

— האָט איר אַ פּיקטשע פון דעם פערד?

— ניין.

— האָט איר אַ פּיקטשע פון דעם זעץ־אין־האַרצן וואָס דאָס פערד האָט געטאָן דעם אידן?

— ניין.

— קענט איר אפשר קריגן אַ פּיקטשע פון דעם שוחטס דאַוונען?

— ניט מעגלעך.

— אפשר קענט איר כאָטש קריגן אַ פּיקטשע פון דעם פערדס קאָזין?

— שווערלאַך. דאָס פערד איז אַנטלאָפן.

— אפשר קענט איר מיר ברענגען אַ פּיקטשע פון דער גאַס אין וועלכער דאָס פערד איז אַנטלאָפן?

— ניט מעגלעך.

— שלעכט: וועלן מיר ניט קאָנען דרוקן אייער באַריכט, — האָט געזאָגט דער פלעינער רעדאַקטאָר, — מיר מוזן האָבן אַ פּיקטשע פון וואָסערע ניט איז פערד אָדער בהמה.

— אויב אַזוי, — האָט געשמייכלט דער רעפּאָרטער און זיך דערנענטערט הינטערוויילעכס צו דער טיר, — וועלן מיר אייך באַלד אַ נעם טאָן אַ פּיקטשע, — און ער איז אַנטלאָפן.

מאָראַל: דער בעסטער ליגן איז פּאָרט... אילוסטרירט מיט אַ פּיקטשע.

פּאַראָדיעס

ז. ליבין

מיסטער דאַרדיק האָט געכאַפּט די קאַר און איז אַוועק צו פּאַרטיסעקאַנד סטריט און טויד עוועניו.

ביי דער סלאָט־מאַשין וואָס איז געשטאַנען אויפן סטיישאַן, לעבן גאַרד וואָס טשאַפּט די טיקעטס, איז ער געבליבן שטיין, אַריינגעוואָרפן אַ פּעני אין סלאָט, אַרויסגענומען אַ שטיקל טשואינג־גאַם און דאַן האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער פּעירבענקס־סקעיל און געטרייעט זיין געוויכט: 198 פונט.

„פּלענטי״! האָט געטראַכט מיסטער דאַרדיק, און ער איז געוועזן העפּי וואָס ער וועגט אַזאַ האָלאָט מיט געוויכט...

אָבער באַלד האָט ער דערזען ווי עס גייט אַרויף אויף דער זעלביקער סקעיל עפּעס אַ לידי, אַ דאַרע, אַ מאָגערע, וואַרפט אַריין אַ פּעני און דער ווייזער אויפן סקעיל ווייזט 391 פונט.

סאַ בלאָף! אַ פעיק! די סקעיל איז געספּאָילט! האָט געטראַכט שלימעזאָלאָוויטש, און אַרונטערגייענדיק אונטן אויפן קאָרנער, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אָפּגעוואויגן — בלויז 92 פונט.

מיסטער דאַרדיק האָט געוואוסט אַז ער איז קראַנק און אַז ער האָט אַ „קאָלד״. ער איז שוין ניט געפּאָרן צו זיין געליבטער.

ד. מ. הערמאַלין

מיסעס נ. בלומענבעכער שרייבט אונז פאָלגנדיקן האַרצרייסנדיקן בריוו:

„ווערטער רעדאַקטאָר! איך בין אַ בלאָנדע, אַ פרוי פון אַ יאָר

30 און פיל ווי צו דערהרגענען דעם מאַן און אַנטלויפן מיטן שוחט, וואָס ראָט איר מיך צו טאָן?"

ערשטנס ווילן מיר זאָגן דער פרוי בלומענבעכער, אַז לויט אונזער חשבון איז זי אַלט שוין ניט 30 יאָר, נאָר טאַקע גאַנצע 34! און צווייטנס ווילן מיר דערמאָנען די פרוי בלומענבעכער, אַז הרגענען אַ מאַן — אפילו אַן אייגענעם — איז ניט מאָראַליש, ניט פיין און קעגן אַלע באַגריפען דער שיינקייט. ווי דער גריכישער פּאָעט לאַפּאַצאַנוס האָט ערגעץ געזאָגט, „ניע זאַטשיפּיי בידאַ!" און אונזער עצה איז דאָרום צו דער פרוי בלומענבעכער, אַז זי זאָל זיך איינהאַלטן אַ שטיקל צייט, ביז וואַנען איר מאַן וועט שטאַרבן פון אַ נאַטירלעכן טויט, אָדער וואָס.

א. קאַרטאַזשינסקי

אַנאַטאָל פראַנסן האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין פּעטערבורג.

איך האָב דעמאָלט באַוואוינט אַ גאַנצע גאַס מיט עלף-און-נײַנציק צימערן און געצאָלט 695 רובל אַ מינוט פאַר דירה-געלט...

אַ גרויס הויז געווען ביי מיר!

און אַלע גרעסטע לייט פון דער גאַנצער וועלט און אומגעגנט זיינען צו מיר געקומען מאַסנוויז און מיר אָפּגעשלאָגן די טירן...

דאָס איז געווען אין אָוונט נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט אַרויסבאַגלייט פון מיין הויז אַנדרעיעוון, סאָלאָגובן, גאָגאָלן, דאָסטאָיעווסקין, האָמערן, עדגאַר עלען פּאָו און אַנדערע קינסטלער, ווען איך האָב פּלוצים דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר:

—הערייַן! — האָב איך אויסגערופן און באַלד איז פאַר מיר געשטאַנען אַנאַטאָל. ער האָט זיך געוואָרפן מיך קושן.

— אַנאַטאָלטשיקל! — האָב איך זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט — וואָס מאַכסטו עפּעס? וואָס טוט די מאַמע דיינע?... און ווי גייען די ביזנעס?

דער אַלטער אַנאַטאָל האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ:

— אָסקאַר — האָט ער געזאָגט — דו האָסט אַ פּראַכטפולע וואוינונג... דו מוזט זיין זייער רייך!...

— יעס, — האָב איך צוגעגעבן, — איך האָב גרויסע עקספּענ-

סעס... אויף טיי אַליין גייט ביי מיר אַוועק 1695 רובל אַ סעקונדע... אָבער עס מאַכט ניט...

ווי געזאָגט: אַנאַטאָל פראַנס איז דער פרינץ פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור...

פריץ הירשביין

מצבות קליינע, ווינטמילן, אַ האָן קרייעט און דאָס מיידל הייסט:

דאָבעלע.

און ווייט איז אַרגענטינע. זוניקע גאַסן. ליגן דאָ ביינער פון אונזערע שוועסטער באַגראָבן...

תכריכים־שטעט...

און אומעטום נידעריקעביידלעך...

שטייען דאָרט פרויען און רופן:

— קומט אַריין... ר׳ איד: שבת־קודש...

און אונזערע:

מ—דאַרף מאַכן הבדלה!

און אין דער היים זיינען שטעטלעך פאַראַנען. גייען פליגן אום. און איך בין ווער?... און טוען — קען איך וואָס?...

עס רוישט דער שטילער פאַציפישער ים...

שווימט.

בלעזלט זיך...

און איך טראָג מיט זיך אַ רענצל מיט אייביקייט...

אַ לעבן אויף מיר...

ב. באַראַכאָוו

היינטיקע יונגע טיילן זיך אין דריי קלאַסן: ערשטע קלאַס, צווייטע קלאַס און דריטע קלאַס...

מען האָט זיי געקענט טיילן אין נאָך פ אַ ר ש י י ד ע נ ע אונטער־קלאַסן, אָבער איך האָב ניט דעם חשק דערצו...

מיר וועלן איצטריידן פון דעם דריטן קלאַס צו וועלכן עס געהערן: איגנאַטאָוו, יהודא ליב גאָרדאָן, היפּאָליט טען, פּראַדעלשטאַק און יצחק יואל לינעצקי...

מען מוז צוגעבן, אַז יעדער פון זיי האָט טאַלאַנט, נאָר זיי זיינען חוצפּהניקעס, שקצים, דראַבעס און קריכן אויף די ווענט...

אָבער גענוג זיך אויפגערעגט, איצט גייט מען אַהיים עסן געפּרייטע שוועמלעך!

נ. ב. שוועמלעך, שוואָמען, עספּאַנזשען, מאַשרומס — אַלץ דאָס זעלביקע וואָרט.

סאָנעט

(פון אַ פּאָעט אין די בראָנקס צו זיין פעטער אין וואָרטע)

פעטער מיינער! איך קום דיר לאָזן וויסן,
אַז איך שרייב שוין ב״ה סאָנעטן,
און איך דיכטע ווי די אמתע פּאָעטן.
לאָזש־זשע מיר די מומע לאה גריסן!

זאָג איר: אונזער חיים שרייבט סאָנעטן,
און עס הערט זיך אַז ער וואַקסט אַ ג ו ה ד ל.
נעם־זשע באַק אים אָפּ אַ פיינעם שטרודל
ווייל זיין נאָמען שמט שוין ביי פּאָעטן.

האָבן מיר שוין הייסט דאָס סטראָפן כך וכך!
איצטער דאַרף מען געבן נאָך אַ מאַך
אַ דריי־פיר שורות מיט טאַנדעטנע שטאַך.

נאָך דריי שורות, ווערט צוזאַמען 14.
לינדערט דאָס פון האַרצן אַלע שמאַרצן,
ווייל סאָנעטן האָבן שורות 14.

רעמאַרקעס

קונסט

קונסט און מייסטערשאַפט: דאָס ערשטע איז אַן אויסדרוק, הילפלאָז, צערונען.

דאָס אַנדערע איז אַרבעט, מי, פאָרם.

די היינע מייסטערשאַפט (און אַזאַ זיך איז זיכער דאָ!) איז דער ווילן זיך אָנצוהאַלטן אינם ביסל אָטעם, און זיך נישט לאָזן אַרונטער־שטופּן פון דער אייביקייט.

דער וואונטש אויסצובייטן דאָס רויטע איצטער־גאָלד אויף גרויען איבערמאַרגן־בלעך, אָנצוטאָן דעם אפשר־שאָטן אין אַ קראַוואַט, שטעקשיך און אַזוי ווייטער.

דער קינסטלער פאַרציט, לייגט־אָפּ, זאַמלט אייןאין זיך, זוכט אַלע פאָרמען צו צעברעכן איבערן שאַרף פון זיין עמפּינדונג, און דורך די צעבראָכענע שטיקער בויען אַ פעסטערע האַרמאָניע אין זיין לעבן דעם צעבראָכענעם.

דער מייסטער מייסטערט אַלע קליינע זאַכן אין איין גרויסקייט צונויף, געדולדיק ווי אַן עזל, מי־פול ווי אַ קוילנגרעבער, פאַרזיכטיק ווי אַ זייגער־מאַכער.

דער קינסטלער צעטיילט אַלע גרויסע זאַכן אויף די קלענסטע פולס־שלאָגן, לעבט מיט זיי, פאַרצערט זיי, ברענט זיך מיט זיי אויס.

דער מייסטער האַלט די קונסט פאַרן אויער, באַהערשט זי ווי אַ געמיין קעבס־ווייב, וואָס איז גרייט יעדע מינוט מיט אייך צו שלאָפן, איר דאַרפט נאָר אַ וואונק טאָן מיטן אויג.

דער קינסטלער ווערט באַהערשט פון דער קונסט, ווי פון אַ קאַפּריזנער קעניגין, ווערט פאַרקנעכטעט פון איר, דעריבער איז דער קינסטלער אַזוי נישט־דערקענט פון קיינעם, ער שעמט זיך צו ווייזן זיין אונטער־טעניקייט.

אַ פּלאַן

צו אייך וועלט־אויסבעסערער

ווען די גאָטהייט וואָלט געהאַט בדעה צו דערלאָזן צו אַ פאַרבע־סערטער וועלט, וואָלט ביי איר ניט געווען קיין קונץ צו באַשאַפן די־רעקט אַ בעסערע וועלט.

אַ גאָטהייט וואָס קען אַרויסרופן פון דר׳ערד גראָז, פונם בוים — עפּל, פון די ווינטרויבן־שטעק — ווייַנטרויבן, פון די פעלזן—וואַסער אַזאַ גאָטהייט האָט אויך לייכט געקענט באַשאַפן דאַמף־באַהייצונג, גומענע קראַגנס, וויקטראָלאַס, און אַ סיסטעם פון גרויסאַרטיקער ברוד־דער־ליבע.

וואָרים: צו שטעלן אַ קרומע זאַך — גלייך, איז כמעט דאָס איינענע ווי צו שטעלן אַ גלייכע זאַך קרום.

פאַרגעסט דאָס נישט, איר, וועלט־אויסבעסערער!

פאַר יעדער שטיקל קרומקייט וואָס איר גלייכט־אויס א ו י ס ע ר זיך, ווערט איר אַליין איבערגערוקט אין אַ קרומערער פּאָזיציע און עס בלייבט ביים אַלטן.

וואָס מער איר בעסערט־אויס די נאַטור, אַלץ מער ווערט איר פון איר פאַרקריפּלט.

עס וואָלט געווען נאַריש פון אַ פירפיסיקן טיש זיך אויפצהויבן און זאָגן, אַז ער וויל האָבן נאָך אַ פינפטן פוס, ווייל ער פילט אַז אַן פינפטן פוס איז זיין לעבן קיין לעבן נישט, ווייל אַלע אידעאַלע טישן האָבן פינף פיס.

דער טישלער וואָס מאַכט דעם טיש איז אפשר נישט דער אידעאַלסטער, אָבער קליגער פונם טיש איז ער באַשטימט. און קליגער פונם פינפטן פוס וואָס וויל באַשאַפן ווערן איז ער זיכער.

נאָך מער: די גאָטהייט האָט זייער לייכט געקענט באַשאַפן אַ סך קליינע ערד־קוגלען אַנשטאָט איינעם אַ גרויסן. זי האָט עס געקענט מאַכן אַזוי אַז יעדער איינציקער מענטש זאָל זיך געבוירן ווערן אויף אַ פריוואַטן ערד־קוגעלע און זאָל קענען אַרומגיין אַן פּאַדזשאַמעס. אַז ער האָט עס נישט געטאָן איז אַ סימן, אַז א י י ן אַלגעמיינער ערד־קוגל איז בעסער ווי אַ סך פריוואַטע און אַז אָט די פאַרשאָלטענע

וועלט אויף וועלכער מיר שלעפן זיך אַרום, איז די בעסטע וועלט וואָס מ׳קען באַשאַפן.

אפילו מיר, אינטעליגענטע לעזער פון דער ניו יאָרק טיימז, האָבן נישט געקענט אויסטראַכטן קיין ב ע ס ע ר ע.

פרעמדע אידן...

זיי געדאַנקט, דו מערדער!

איך אַליין האָב קיין געדולד נישט צו שניידן העלזער, טוסט ד ו עס פאַר מיר.

זיי געבענטשט, דו מיין שלעכטקייט, דו מיין בעסטיע־וואונטש, וואָס ווערסט אויסגעפירט דורך אַנדערע.

איך אַליין האָב נישט קיין כוח צו זיין פאַלש, באַטריגעריש, נידער־טרעכטיק, טוט איר עס פאַר מיר, זייט געבענטשט.

זיי געלויבט, דו האַק וואָס געפינסט אַן אַנדערע האַנט וואָס זאָל דיך האַלטן, און דו דאַרפסט נישט אָנקומען צו מיר דעם שוואַכן, פאַרלוירענעם, פאַרפּלאָנטעטן.

איר אַלע נישט־געבוירענע טיפוס־פלעקן פון מיין לייב, זייט גע־בענטשט, דערפאַר וואָס איר האָט אויסגעשלאָגן אויף אַן אַנדערן קער־פּער און מיך ריין געלאָזן.

וועמעס שולד?

איז דען דאָס פייער שולדיק ווען דער לאָמפּ ברענט טונקל, מינעט־זיך און טוט די אויגן וויי?

איז דען די מעלאָדיע שולדיק ווען דער פידל־קאַסטן איז צע־שפּאָלטן? ווען דער האַלז איז הייזעריק?

דאָס פייער קען דאָך אין זיך אַליין נישט רויכערדיק זיין, סיידן עס ווערט אַרויסגערופן אויף פוילן האָלץ.

אין זיך אַליין איז דאָס פייער שיין, ליכטיק.

די פראַגע: ווען דער קליינער, געמיינער לאָמפּ ברענט שלעכט, זאָל מען דערפאַר דאָס גאַנצע ברענען פאַרלייקענען? אָדער זאָל מען פרואוון אין אַנדער לאָמפּ איבערגיסן דעם אינהאַלט?

איז דאָס פייער פ א ל ש, אָדער דאָס געפּעס, וואָס האַלט עס? מ׳דאַרף אויספּרוּאוון.

מ׳דאַרף אויספּרוּאוון אונזער פייער אויף אונזער לאָמפּ.

אפשר וועלן אונז יענע נאַכטאָן, אָדער בלייבן אינם שאָטן פון זייער אייגענעם ליכט וואָס איז ביי אונז געוואָרן גרעסער, ליכטיקער.

קרייץ־שטעך

אין האַלב־שלאָף:

זיי הויבן מיך אויף אויפן צלם, דערשלאָגן מיך, קרייציקן מיין פלייש, און דערנאָכדעם פאַלן זיי פאַר מיר אויף די קני און בעטן צו מיר און רופן מיך: מילדער, באַרמהאַרציקער.

זאָגן אַז איך בין אייביק. קיינער קען מיך נישט טויטן.

קיינער נישט!

און בעטן מיך איך זאָל זייער זינד פאַרגעבן, ווייל זיי ווייסן נישט וואָס זיי טוען.

פונדעסטוועגן: גיבן זיי גוט אַכטונג, אַז די טשוועקעס וואָס זיי שלאָגן אין מיינע הענט־און־פיס זאָלן זיין שטאַרקע און אַז מיין בלוט זאָל זייערע ווייסע פריסטער־מאַנטלען נישט איינשמירן.

וואָס פאַראַ קאָמישע, אומבאַהאָלפענע! מיין האַרץ גייט אויס פון רחמנות צו זיי.

האַנדל־וואַנדל

לייענט דאָס צעטל פון נעמען אין דער צייטונג — פון קרובים וואָס זוכן קרובים. אפשר זוכט מען אייך.

יעדער איינער זוכט יעדן אַנדערן, אין דעם יאָר ניינצן־ניינצן, קריסטלעכע צייט־רעכענונג.

מען בלאָנדזשעט, מען זוכט, מען וויל אויסבייטן א י י ן נאָמען אויף אַן אַנדערן, איין וואָרט אויף אַ צווייטן, איין טרער אויף אַן אַנדערער.

אַמאָל — מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן מענטשן געזוכט געטער. היינט באַגנוגנט מען זיך מיט וויניקער. היינט זוכן מענטשן — מענטשן.

אַמאָל־אַמאָל

פון אַ צייטונג אַרויס:

„אידן גייען אַרום איבער די גאַסן פוןַ... האָבן נישט מיט וואָס צו האַנדלען, בייטן זיי זיך מיט וואָס זיי פאַרמאָגן, עס זאָל אויסזען ווי האַנדל".

איצט בייט מען זיך. אַ בוכשטאַב אויף אַ בוכשטאַב, אַ קנעפּל אויף אַ קנעפּל, אַ האָפענונג אויף אַ האָפענונג, און דאָס גאַנצע לעבן איז אַזוי אומענדלעך פּוסט און שפּל.

דער טורעם־וועכטער

נישט צום פאַרקויפן

אַז דער טורעם־וועכטער האָט אַרויס־געבליקט פון זיין טורעם־פענצטער און געזען די וואונדערלעכע שיינ־קייטן פון דער וועלט וואָס פאַרגייען מיט יעדן אונטערגאַנג פון דער זון, איז ער געוואָרן אומעטיק און געטראַכט פון דעם קאַפּריזנעם סוחר וואָס האָט געהאַט אַ געוועלב פון אַלערליי טייערע סאַמעטן און אַטלעסן און זיידנוואַרג. און וואָס פלעגט הנאה האָבן אַריינצורופן אַ פאַרבייגייענדיקן בעטלער און אים זאָגן:

דו זעסט אָט די אַלע טייערע זייד־שטאָפן פון דמשק, נאַכט־גלאַנ־ציקע אַטלעסן, טיפע סאַמעטן?... אָט די אַלע אויסטערלישע סחורות, מיין ליבער הער בעטלער, וואָס איך מעסט איצט אָן אויף דיר און וואָס פּאַסטן דיר אַזוי שיין, זיינען... נ י ש ט צ ו ם פ אַ ר ק ו י פ ן.

היינע און אַנדערע דיכטער

דער טורעם־וועכטער האָט נישט גע־האָט וואָס צו טאָן, האָט ער געבלעטערט דאָס ביכל פון עפּעס איינעם אַ היינריך היינע, וואָס אונזער רעדאַקטאָר גלויבט נישט, אַז ער איז געווען אַ גרויסער טאַלאַנט, ווייל ער איז נישט געווען אַנגעשטעלט אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין אַ צייטונג.

האָט דער טורעם־וועכטער געלייענט אָט דעם בייז־ביטערן קרענקלעכן היינע, און געטראַכט:

דער חילוק צווישן היינע און אַנדערע היינטיקע דיכטער איז אָט דער: היינע האָט צ ו ע ר ש ט געליבט און דערנאָכדעם האָט ער אָנגעטאָן זיינע ליבעס אין ווערטער, אין לידער. היינטיקע דיכטער זינגען צ ו ע ר ש ט, דערנאָכדעם פּרוּוון זיי צופּאַסן זייערע ליבעס צו זייערע לידער.

דראַמע

און אַז דער טורעם־וועכטער האָט שוין געהאַלטן אין טראַכטן וועגן לידן, האָט ער זיך מישב־געווען און אין איין וועג שוין אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן דראַמע.

דאָס טעאַטער, האָט געטראַכט דער טורעם־וועכטער, איז נישט נאָר אַ פּלאַץ וואו די שוישפּילער שפּילן, נאָר אויך דאָס פּ ו ב ל י ק ו ם.

עס איז אַ פּלאַץ פאַר קעגנזייטיקער אָפּנאַרונג.

באַדענקט זיך נאָר: ביי אייך אין דער צווייטער שטוב איז פאַראַן אַ מענטש, וואָס שטאַרבט פון שווינדזוכט. איר קענט אים זען אומזיסט און פאַרגיסן טרערן אויף זיין אומגליק, וויפיל איר ווילט, און עס זאָל אייך גאָרנישט קאָסטן.

וועט איר עס טאָן?

ניין, איר וועט עס נישט טאָן. ווייל דעמאָלט וועט איר מוזן אַוועקשענקען אייער א מ ת ן רחמנות, און דאָס טוט וויי. דאָס ווילט איר נישט. אָנשטאָט דעם, גייט איר אין טעאַטער, וואו איר זעט, ווי אַ געזונטער אַקטיאָר שטאַרבט כ ל ו מ ר ש ט פון שווינדזוכט און איר האָט אויף אים כ ל ו מ ר ש ט רחמנות און אַלץ איז גוט און וואויל און אָנגענעם.

נאָר זאָל — אין זעלטענע פאַלן — טרעפן, אַז דער אַקטיאָר פאַרגעסט זיך, פאַרגעסט אַז ער שפּילט טעאַטער, און ער הויבט אָן באמת לידן, דעמאָלט פאַרגעסט איר אויך אייער ראָלע אַלס כ ל ו מ ר ש ט ד י ק ע רחמנות־האָבער און איר נעמט היילען ווי די וועלף, און עס טוט אייך א מ ת ד י ק וויי. איר האָט די זעלביקע הנאה ווי ווען איר זאָלט זען אייער שכן ב א מ ת שטאַרבן

פון שווינדזוכט, דעמאָלט קלאַפּט איר נישט „בראַוואָ" מיין שכן איז געשטאָרבן", נאָר איר שאַרט זיך אַרויס פון טעאַטער, אַ צעבראָכענער, אַ פאַרמאַטערטער און איר פאַרשווערט זיך אויף ווייטער אויסצומיידן אָט אַזוינע פאָרשטעלונגען, ווי וואויל איר האָט אַ טיפע הנאה דערפון וואָס איר זענט איבערגעקומען אַזאַ אומגליק...

דער 21טער יאָרהונדערט

דער טורעם־זייגער האָט זיך פאַר־קוקט אין דער גרויער ווייסטקייט אַריין, פון וואַנעט עס קומען די בע־סערע צוקונפטן און ער האָט געטראַכט:

דו, איין־און־צוואַנציקסטער יאָרהונדערט! יאָרהונדערט פון מענטשנרעכט, פעלקער־פרידן, וועלט־פרייהייט — איך בין דיר אַ שונא אויפן לעבן!

גליקלעך, פריי אור־אייניקל מיינס, איך האָב דיך פיינט, ווייל דו לעבסט אויף דעם חשבון פון מיין אומגליק, פון מיין אומפרייקייט...

פון מיינע טויטע ביינער — האָט מליצהדיק געטראַכט דער טור־רעם־זייגער — פון מיינע טויטע ביינער, וועט איר זיך מאַכן שפּאַ־ציר־שטעקנס, מיט וועלכע איר וועט זיך דורכגיין אין די גערטנער פון פרייהייט.

דו, איין־און־צוואַנציקסטער יאָרהונדערט! ווען איך זאָל דיך קענען אָנטאַפּן מיט מיינע הענט וואָלט איך דיך דערשטיקט — דערפאַר וואָס דו גיסט אַוועק צו אַנדערע דאָס וואָס עס קומט מ י ר, פאַר מיין אַרבעט, פאַר מיין שווערער מי, פאַר מיינע טרערן.

טרייסט־ווערטער

אַ חבר האָט אונז געטרייסט, אונז פאַרזיכערט, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי געפערלעך ווי מיר שטעלן זיך פאָר.

„טרייסט דיך״ — שרייבט ער אונז, „ט ר י י ס ט ד י ך, די וועלט גייט נאָך ניט אונטער. וועסט זען, אַז פאַר דיר וועט נאָך אויך אַמאָל אויפגיין די זון!״

און אַזוי ווייטער.

זייער טיפע און ערלעכע טרייסט־ווערטער.

און רירנדיק וואָס רירנדיק קען נאָר זיין.

אָבער — מערקט אייך! — די טרייסט האָט געהאַט פונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג. זי האָט נישט געטרייסט, נאָר געוואונדעט. נישט געהיילט, נאָר ווי געטאָן. ווארים ביז דער מינוט וואָס מיר האָבן דערהאַלטן דאָס־אָ בריוול מיט טרייסט־ווערטער, האָבן מיר גאָרנישט געוואוסט, אַז מיר זיינען אַזוי העכסט אומגליקלעך, און אַז מיר נויטיקן זיך אין אַזוי פיל טרייסט.

ערשט די וואַרימע טרייסט־ווערטער האָבן אונז דערמאָנט, אַז מיר שטייען — ווי זאָגן זיי דאָרט אין די לייטאַרטיקלען? — ביים ברעג פון אַ פייערשפייענדיקן באַרג, און אַז אונזער לאַגע איז זייער־זייער נישט קיין פריילעכע.

גליק

ער איז שוואַך און — גליקלעך.

ער איז בלאַס און — גליקלעך.

ער איז אויסגעצערט און — גליקלעך.

אַנומלטן האָבן מיר אים געטראָפן אין גאַס און פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך, אומגעפער אַזוי:

א י ד: וואָס הערט זיך?

ע ר: אַ דאַנק, איך בין פאַרליבט.

א י ד: עפּעס אַ שיינע דאַמע?

ע ר: אָוואה! אַ דאַמע — אַ ריז! אַ צווייטע סטעטשו אָוו ליבערטי.

א י ד: און אַ שיינע?

ע ר: ווי די זון!

ע ר: און זי האָט דיך ליב?

ע ר: זי גייט אויס נאָך מיינע טריט.

א י ד: נו?

ע ר: נו, גאָרנישט. מיר זיינען שוין פאַרהייראַט פאַר די לעצטע צוויי וואָכן.

א י ד: און דו האָסט זי ליב?

ע ר: (מיט אַ זיפץ) יאָ. איך בין גליקלעך. ז י י ע ר גליקלעך.

א י ד: פאַרוואָס־זשע זיפצסטו, מיין פריינט?

ע ר: איך זיפץ, ווייל איך האָב נישט קיין כוח צו זיין אַזוי גליקלעך.

אַריינגעפאָרן מיטן דישל אין שבת

דער רבי ר׳ זימל פאָרט מיט די חסידים זיינע אין אַ בויד. ס׳איז זומער, וואַרעם אַ מחיה. זיצט מען אין דער בויד און מ׳לערנט תורה, און מען פאַרגעסט גאָר, אַז ס׳איז פרייטיק און מ׳דאַרף זיך היטן אַז מ׳זאָל ניט אַריינפאָרן חלילה אין שבת אַריין.

דער רבי לערנט, די חסידים זאָגן נאָך, די פערד שאָקלען־צו מיט די קעפּ און שלעפּן דעם וואָגן, דער דישל סקריפּעט און ווייזט מיטן שפּיץ אַז מ׳דאַרף „אַהין״ (ווי מ׳זאָל זיך נישט דרייען, ווייזט אַלץ דער דישל אַז מ׳דאַרף „אַהין״). און ער מיינט טאַקע זייער ערנסט אַז ער ווייזט דעם וועג, אַז אָן אים וואָלט מען פאַרבלאָנדזשעט. „אַ מערכה, זאָגט דער דישל צום געלערן פון די צווי פערד, „אַ מערכה, וואָס איך בין אַ דישל, אַז נישט וואָלט איר פאַרקראָכן דער רוח ווייסט וואו״.

„מיר ווייסן״, זאָגט דאָס געלע פערד, „דערפאַר גייען מיר דאָך טאַקע וואוהין דו פירסט, און מיר קוקן שטענדיק אויף דיין נאָז״.

„אויב אַזוי״, זאָגט דער דישל, „איז גוט, גייט מיר נאָך, וועט איר אָנקומען אין צייט וואוהין מ׳באַדאַרף און עסן אָבריק, און סט׳ייך זיין גוט״.

„אַ דאַנק״, זאָגט דאָס געלע פערד צום דישל, „מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייך, רעב דישל, איר וועט אונז שוין מסתם פירן ווי ס׳קער צו זיין״.

און ווי דאָס געלע פערד האָט אַרויסגעזאָגט די־אָ ווערטער, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ, ווי דער דישל וואָלט זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס אַ האַרטע זאַך. דער רעבע ר׳ זימל איז אַרויס פון בויד, אַ פאַר־ציטערטער, די חסידים — נאָך אים. דער גויאישער באַלעגאָלע איז געבליבן זיצן מיט די וואַשקעס אין דער לינקער האַנט און מיט איין פינגער פון דער רעכטער האַנט ביי דעם שפּיץ פון זיין בולבע־נאָז, וואָס האָט פאַרחידושט געקוקט צום הימל, וואו די זון איז עס אָט־ערשט ד י מינוט פאַרפאַלן געוואָרן.

„אוי", האָט געזאָגט דער רבי, „מיר זיינען אַריין מיט אַ שפּיץ דישל אין שבת אַריין, קיין סך נישט, אַרום אַ פויסט די וויט", מאַכט ער און מעסט־אָפּ דעם שפּיץ דישל מיט זיין פּאַטשיילעכן.

אפשר דריי מינוט אויפן זייגער איז געווען שטיל. עס איז סאַמע אינמיטן זאַנגנפעלד, שלעטשען בלויז די הויכע זאַנגען. און דאָ פּאַלט שוין צו די נאַכט.

רופט זיך אָפּ אַ קליין, נידעריק חסידל, מיט אַ געדיכטער בלאָ־לעכער באָרד, וואָס וואַקסט אים כמעט ביז אויפן שטערן אַרויף:

„רבי", מאַכט ער, „גיט עפּעס אַן עצה".

„עצה!"

זאָגן אים נאָך פיר שטילערע חסידים, הויכע און נידעריקע.

דער רבי פאַרטראַכט זיך, גיט אַ וויש די שפּיץ־פינגער אין דר׳ערד, מירמלט אַ שטיקל דאַווענען און רופט זיך אָן:

„אידן, ס׳איז פאַראַן בלויז איין עצה".

„וואָס, רבי לעבן?"

„מיר מוזן אַרויסשלעפּן דעם דישל פונם שבת אַרויס, צוריק אין פרייטיק אַריין, וועלן מיר אי״ה זיין געראַטעוועט. אידן, מאַכט ער, גיט זיך אַ נעם מיט כוח, שפּאַנט זיך איין! נאָר לאָזט ניט צו דעם ערל, וויל ער קען טרייפע מאַכן"...

אַזוי איז געווען. די אידן האָבן אַלע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטעס, מיט די היטלען, געבליבן שטיין אין ציצי כנפותלעך און אין די יאַרמעלקעלעך און גענומען שלעפּן דעם וואָגן פונם שבת אַרויס — אין פרייטיק אַריין. דעם גוי האָט מען נישט צוגעלאָזט, איז ער גע־זעסן אויף אַ שטיין, געקייט אַ גערשטענע זאַנג און גאָרנישט געזאָגט.

אָבער דער שבת האָט צוגעהאַלטן פעסט, און כאָטשע די בויד איז געווען אַ גרינגע, האָבן די אידן בשום אופן נישט געקענט אַרויס־שלעפּן צוריק דעם דישל וואָס איז אַריין מיטן שפּיץ אין שבת אַריין.

דער רבי אַליין האָט געשוויצט און געשלעפּט, געזאָגט הייליקע פסוקים, נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפן.

גיט זיך אַזוי דער גוי אַ פרעג:

„וואָס דעראַרבעט איר דאָרטן, ווי ניט־גוטע?"

דערציילט מען אים: „נאַש ראַבין", „אונזער רבי איז אין אַ גרויסער צרה!... דו ביסט אַריינגעפאָרן מיטן שפּיץ דישל אין שבת אַריין, און דו האָסט אונז חלילה אומגליקלעך געמאַכט".

מאַכט דער גוי:

„ווי ווייט איז דער דישל אַריין אין אייער זשידאָווסקען שאַבעס?"

וויזט מען אים: אפשר אַ פויסט די לענג.

זאָגט דער גוי גאָרנישט. נאָר ער הויבט זיך אויף פון דער ערד, גייט צו צו דער פור, גיט זיך אַ באַברע הינטער דער קעלניע, נעמט אַרויס אַ האַנט־זעגל, גייט צו צום דישל, זעגט אָפּ דאָס שטיקל וואָס איז אַריין אין שבת און...

אַז די חסידים מיטן רבין האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך אָנגענומען ביי די הענט, זיך געלאָזט אַ טענצל אינמיטן פעלד און געזונגען:

— „שבת, שבת, שבת.

מ'איז שיר ניט אַריין אין שבת.

מיטן דישל אין סאַמע שבת...

אָבער, אוי, דער גאָ—י,

דער גוי, דער גוי, דער גוי,

האָט אַרויסגעשלעפט פון שבת".

און ס'איז געווען ששון ושמחה.

עקזיט יעקב פ. אַדלער!

פּ ר אָ ל אָ ג.

שוישפּיל, אויפטריט, באַלויכטונג, דעקלאַמאַציעס, פּאַרהאַנג, אָבער אויף וועמענס אויגן וואַרפט מען די ערד אַרויף?

אַ ק ט 1.

נישט דאָס וואָס יעקב אַדלער איז געשטאָרבן, נאָר דאָס וואָס ער האָט פּלוצים אויפגעהערט צו שטאַרבן — רירט אַזוי.

— זעקס יאָר — פינף יאָר — אַדלער שטאַרבט. דער טויט שפּרינגט צו און שפּרינגט אָפּ. שעמט זיך פאַר דעם אונענדלעך שיינעם קאָפּ, האָט דעם מוט ניט אַ פינגער אַרויפצולייגן אויף דעם האַלז, וואָס האָט אַלע טויטן פון דער וועלט אויסגעלאַכט און אויסגעוויינט.

— טויזנט פּרויען אין שוואַרצן (מיט ליכטיקע אויגן) ווי ברענענ־דיקע שוואַרצע ליכט... דער ארון גליטשט זיך איבער זיבן מייל טרויערנדע הענט. די פּראָצעסיע איז גרויס און לאַנג, גלאָקן קלינגען. פאַקלס ברענען. דער שפּעקטאַקל איז אַ גרויסער דערפאָלג. דער לעצטער אַקט... ווער האָט נאָך אַזאַ שיינעם לעצטן אַקט געזען?

אַ ק ט 2.

די אַדלער פאָרשטעלונגען אין די לעצטע פאַר יאָר זיינען שטענ־דיק געווען געפּאַקט.

וואָס איז מען געגאַנגען זען? דעם אַלטן פּאַראַליזירטן מענטשן, וואָס האָט קוים צען ווערטער געקענט אויסרעדן? ניין, מיר האָט גע־צאָלט צוויי און דריי דאָלאַר פאַר אַ בילעט, מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט יעקב פּ. אַדלער שטאַרבן צום לעצטן מאָל, אויף דער בינע...

נו, מען וועט נאָך שאַצן און שאַצן. גאָלדשמידן מיט וואַגעלעך אין די הענט, זייגערמייסטערס מיט שפּאַקטיוון — אַלע וועלן שאַצן און וועגן.

— אַרום דעם טויטן אַדלער — אַ רעדל מיט שפּאַרבערס מיט „זיסע זינגערלעך" וואָס האַלטן זיך צו די יאַרמעלקעלעך, בעת די

ציקלען אויס זייערע „כנפי השכינה". און „ראָלן" וועט מען טיילן — ביי דער לויה: ערשטע קלאַס, צווייטע קלאַס, דריטע קלאַס, ארון טרעגערס, אַסיסטענט־ארון טרעגערס... ערשטע ראָלן, צווייטע ראָלן, פאַלק, מאַסן, סאָליסטן — און נישט איין אימפּרעסאַריאָ וועט די סלונע רינען פון מויל: אַזאַ לויה!... ווען מ׳זאָל עס קענען מאַכן א ו י ף ב י־ ל ע ט ן!

אַקט 3.

— אַדלער: איך זע אים און מיך: אַ פּופּצן יעריק אינגל, וואָס זיצט מיט פאַרגאַפטע מויל־און־אויערן און שלינגט די וואונדער פון דער וועלט. אויף דער בינע פון „טהאַליאַ" טעאַטער שפּילט „זעליג איציק דער קלעזמער". אַדלער איז נישט נאָר כישוף־מאַכער, נאָר דער גרויסער פאַרענטפערער פון אַלע כישופן.

ער אַליין איז בינע, הינטערגרונט, פּיעסע, מוזיק און — כאָר. דער געוועב פון זיין קאָמיזם האָט נישט קיין רעכטע און קיין לינקע זייט. זיין טראַגיק שוידערט אייך נישט אויף, ווי ביי סלאָווינען, צעברעכט אייך נישט ווי ביי גראַסאָ׳ן. עס דעקאָרירט בלויז.

אַלע זאָגן:

„יעקב פּ. אַדלער, דער אמתער קעניג פון דער אידישער בינע". דאָס איז אמת, וואָרן וועלכער קעניג איז דען אמתער, ווי אַ קעניג אויף דער בינע?

אָן אַ שיר זיינען די רייכטימער וואָס יעקב פּ. אַדלער לאָזט פאַר אונזער זכרון, פאַר אונזער מעמואַריסטיק — רענדלעך און פּערל און גלאָז־קרעלן.

קינדער וועלן לייענען די לעגענדע: יעקב פּ. אַדלער — דער קעניג, וואָס זיין קרוין האָט זיך פאַרשעמט פאַר דער שיינקייט פון זיין פּנים. דער מאָנאַרך פון דעם „מערכען" וואָס איז... לויטער שאָטן און דימענטן. דער לאָוועלאָס, וואָס טויזנט נאָפלען פון יונגע פרויען האָבן געוויינט נאָך אים. — דער ברוטאַל־שיינער ריטער, וואָס האָט מיט אַ שווערד געעפנט די ליבעס־בריוו...

דער קייזער וויינט ? זאָל וויינען דער קייזער !

דער קייזער וויינט, וואָס וויינט דער קייזער ?

דער קייזער וויינט, ווייל ער האָט זייער אַן אינטערעסאַנט ווערטל, וואָס ער קען אויסנוצן ביי דער געלעגנהייט פון אַ הערלעכער מענטשנ־שלאַכטעריי, צו גונסטן פונם פאָטערלאַנד.

דער קייעזר וויינט, ווען וויינט דער קייזער ?

דער קייזער וויינט, און זיין ביאָגראַף קאַרל ראָזנער זאָגט אים, אַז דער מאָמענט איז זייער אַ גינסטיקער צום וויינען. אַלע אינדערפרי שיקט דער קייזער אַ בריוועלע צו ראָזנערן און ער שרייבט אים :

נידעריקער וואָרים, הער ראָזנער ! ווען ראָט איר מיך היינט צו וויינען ? און ווי לאַנג זאָל עס אָנהאַלטן מיין גרויס געוויין ? און וואו זאָל עס פאָרקומען ? און וואָס זאָל איך זאָגן ביי דער דאָזיקער געלעגנ־הייט ? ענטפערט, איידער איך דערהרגע אייך, ווייל איך בין זייער אַ גוטער. אונטערשריפט.

דער קייזער וויינט, וואָס וויינט דער דייטשער קייזער ?

דער דייטשער קייזער וויינט זיך אַריין אין דער געשיכטע אַלס אַ גוטהאַרציקער קייזער, אַ קייזער, וואָס איז לויטער גנאָד און טרערן. אַן איבערמענטשלעכער קייזער. דער קייזער וואָס שעכט און וויינט און מאַכט אַ ברכה, און גלאָצט דערביי די אויגן צום ספּעציעלן גאָט פון בערלין און פון פּאָסטדאַם...

דער קייזער וויינט, ווי אַזוי וויינט דער קייזער ?

דער קייזער שטעלט זיך אַוועק לעבן עפּעס אַ היסטאָרישן קאַנאָן אָדער פּיראַמידע, אָדער אַ שטאַרבנדיקן פראַנצויז, און פרעגט : וואו איז מיין ביאָגראַף ראָזנער ? און וואו זיינען די לייטע, וואָס נעמען אַראָפּ בילדער ?... דאַן שטעלט ער אַוועק לעבן זיך זיבן הונדערט אונטער־אָבער־הויפּט־לייבוואַכט־גרענאַדיר־אָפיצער־קאָמענדאַנטן, און ער הויבט אָן :

דייטשעס פאָלק! איר זעט, אַז איך וויל נישט קיין מלחמה. וואָס טויג מיר מלחמה? נישט מער, סע שטייען לידיקע קאַנאָנעס מיט ביקסן, מיט שווערדן, מיט דיפּלאָמאַטן — איז אַן עבירה, מ'זאָל דאָס נישט נוצן. סע ווערט פאַרזשאַווערט! דעריבער דאָס מלחמהלע, מיינע הערן. אָבער דער אָבער־הערגאָט דאָרט אין הימל, רעכטס, צווייטע דיוויזיע, פּערצנטער רעגימענט, ווייסט אַז מיר האָבן נישט געוואָלט די מלחמה בוהו. וואו איז מיין שוואַרץ־ווייס־געל נאָזטיכל?

דער קייזער וויינט.

און די זעלטענע קייזער־טרערן ווערן געזאַמלט אין אַ לידיק פלעשל און באַהאַלטן — פאַר דער געשיכטע.

דער קייזער וויינט. וואָס וויינט דער קייזער?

דער קייזער וויינט, וואָס אַזוי וויניק מענטשן זיינען דערשטיקט געוואָרן אין דערלעצטער גאַז־אַטאַקע.

דער קייזער וויינט, ווייל זיינע העלדן, וואָס ליגן אויף די שלאַכט־פעלדער, האָבן נישט קיין כוח צו טראָגן די אייזערנע קרייצן — זיי זיינען נעבעך אַזוי מיד און אויסגעשטאָרבן.

דער קייזער וויינט, ווייל די שלעכטע וועלט וויל נישט איינבויגן איר קאָפּ און זאָגן: גנעדיקער קייזער, טרעט אויף מיר מיט דיין גע־שפּאָרנטן שטיוול.

דער קייזער וויינט. ער פאָרט אַרום אויף די שלאַכטפעלדער. די רעדער פון זיין אויטאָמאָביל קריכן איבער גוססע מענטשן. איבער אָפּגעשאָסענע הענט־און־פיס, איבער צעבלוטיקטע קעפּ. דער אויטאָ־מאָביל פאָרט און פאָרט און שטעלט זיך נישט אָפּ — ער האָט נישט קיין צייט. און אַז איינער אַ פאַרוואונדעטער הויבט זיך אויף און בעט דער קייזער זאָל אים נישט איבערפאָרן מיט זיין געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל, ענטפערט מען אים, אַז ס'איז מאַיעסטעט־באַליידיגונג, און אַז דער קייזער האָט נישט קיין צייט צו קוקן אויף אַזוינע קליי־ניקייטן ווי מענטשן. ער פאָרט וויינען!...

דער קייזער וויינט, יעדן טאָג צווישן צוויי און דריי נאָכמיטאָג, אויב דאָס וועטער איז שיין, און אויב קאַרל ראַזנער האָט צייט מיט־צופאָרן און פאַרשרייבן גענוי וויפיל טרערן דער קייזער האָט פאַר־גאָסן, און ווי אַזוי זיי האָבן געפינקלט אַקוראַט אַכצן קאַראַט ריין, און ווי אַזוי די לינקע קייזער־וואָנצע איז כמעט געוואָרן פאַרנעצט

פון טרערן, און ווי אַזוי זיין מאַיעסטעט האָט געוויינט געגנוי זעקס סעקונדן מיט אַן אַכטל...

דער קייזער וויינט — ערשט שפּעטער מיט אַ שעה־צוויי. איר קענט דערוויל אַרויסגיין, מיינע הערן און דאַמען! זיין מאַיעסטעט שפּילט דערוויל אויף אַ פידל, פאַרריכט זייגערלעך, און ער לערנט די שטערן ווי אַזוי זיך צו דרייען. ער דיקטירט די ווינטן זיי זאָלן בלאָזן צוריקצוועגס, און ער איז שרעקלעך פאַרטאָן — קוקנדיק אין שפּיגל...

דער קייזער וויינט און עסט עכט־דייטשע קרעפּלעך, און ער שלאָפט זייער געשמאַק, און ער לאָזט זיך פאָטאָגראַפירן. וואָס נאָך קען מען פאַר־לאַנגען פון אַן אומגליקלעך באַשעפעניש ווי אַ קייזער?

דער קייזער האָט זיינע טרערן־שטונדן צווישן צוויי־און־דריי יעדן נאָכמיטאָג, אַחוץ זונטיק און געזעצלעכע פ י י ע ר ט אָ ג ן, קומט און ברענגט מיט אייערע פריינט.

אין פאַל עס וועט רעגענען, וועט דער קייזער וויינען אינעווייניק — ביי זיך אין קאַבינעט, ליגנדיק אויף דער ווייכער סאַמעטענער קאַנאַפּע, און עסנדיק רויטע קאַרשן פון אַ שקאַרמיצל.

דער קייזער וויינט ספּעציעל פאַר זיינע לאַנדסלייט און פאַר קאַרל ראַזנער, יעדן צוויטן מיטוואָך אין חודש, באַגלייט פון זיך, איך, איך־אַליין, איך־און־גאָט און זאָ און ווייטער.

דער קייזער וויינט? — וואָס וויינט דער קייזער! זאָל דער קייזער ביסלעכוויז זיך איינאיבן אין דער מלאכה פון וויינען וויל סע קען זיין, אַז ער וועט באַלד דאַרפן וויינען אויף אַן אמת.

און דעמאָלט וועט קאַרל ראַזנער נישט האָבן וואָס צו פאַרשרייבן.

א מ ת ע טרערן ווערן געוויינט שטילערהייט; אפילו ווען זיי זיינען ק י י ז ע ר ל ע כ ע.

(א. וו. 1915).

פון מענטש צו מענטש

אַ סטימול

איך בין קעגן העכערן דעם פּרייז פון דער צייטונג פון 1 סענט אויף 2 סענט. איך בין דערפאַר, אַז צייטונגען זאָלן דערלייגן געלט. כדי די מיטאַרבעטער זאָלן נישט קענען מאַכן קיין לעבן.

איך בין דערפאַר אַז זשעניען זאָלן זיך מוטשען אַזויפיל ווי מעגלעך. דאָס וועט זיי סטימולירן צו אַרבעט.

איך האַלט אַז ס'איז די פליכט פון אַלע ערלעכע מענטשן צו זען אַז אונזערע צייטונג-זשעניען זאָלן לײַדן טיפע יסורים און נויט. עס איז די אויפגאַבע פון ליטעראַטור-ליבהאָבער צו זאָרגן דערפאַר, אַז אַלע „געבענטשטע" ליטעראַטן זאָלן אַרומגיין קריעה-בליעה, און זאָלן בלויז עסן זייער אייגן האַרץ. —

אַ „קינסטלער" מוז לײַדן. אַ ס ד לײַדן. וואָס מער אַ ק. לײַדט אַלץ העכער וואַקסט זײַן טאַלאַנט. דעריבער איז דער חוב פון יעדן אַנשטענדיקן מענטשן צו זען, אַז אַזוי גיך ווי אַ נײַער שריפטשטעלער הויבט אָן אַרויסצואווײַזן סימנים פון טאַלאַנט, זאָל מען אויף אים אָנרייצן די קריטיק — זי זאָל אים אָפּבײַסן אַ פּוס... און אַזוי גיך ווי מ'באַמערקט אַז אַ צייטונגשרײַבער דערוועגט אַרויסצוטרעטן פון „פּאַראַיין פון מיטלמעסיקע", זאָל מען בײַ אים אַראָפּכאַפּן ס'היטל און אים רופן „משוגענער". און אַזוי שנעל ווי איינער שרײַבט אָן אַ גוט ווערק, זאָל מען ברוגז ווערן מיט אים, אויב מעגלעך צונעמען בײַ אים ס'שטיקל ברויט, כדי אים צו דערמוטיקן אין זײַנע ווײַטערע אַרבעטן.

ניין. איך באַדויער איך נישט, ליבע דיכטער, און איך באַזיפץ נישט אײַער טרויעריקע לאַגע. עס איז נאָכצולעמען לײַכטער צו דיכטן ווי צו נייען הויזן. עס גיט נישט אַרויס פון זיך קיין שטויב, וואָס איז שעדלעך פאַר די לונגען. עס איז סאַניטאַרישער צו פילן דעם טיפן צער פון דער וועלט, צו צוועלף סענט אַ שורה, ווי צו

רייניקן קאַנאַלן. עס איז בעסער זיך אָוועקצוזעצן אויף אַ ווייך בענקל און טראַכטן פּעסימיסטישע געדאַנקען, ווי צו זיצן אויף אַ הויכן הייסן דאַך און שלאָגן בלעך. עס איז געזינטער צו זיין אַ נביא מיט רויט־פּילצענע קאַלאָשן ווי אַ... שטאָל־גיסער. עס איז אָנגענעמער צו זוכן לירישע פּערל אין דער טיפקייט פון דער נשמה, ווי צו זוכן זשאַבעשיסעלעך (אויסטערס) אין בלאָטע. עס איז געזינטער צו רייבן אַ ליד אויפן אַרבל, ביז וואַנעט עס באַקומט דעם ריכטיקן גלאַנץ, ווי צו שלייפן שערן. עס איז פיינער צו פאַלירן אַ געדאַנק, ווי צו פאַלירן אייזערנע בעטן און שמעקן טערפּענטין. עס איז גרינגער צו זיצן אין וואַרעמע שטעקשיך, ביים וואַרימען אויוון, לעבן קאָכעדיקן טיי־קעסל און „פילן די לײדיקייט פון לעבן", ווי אויפצושטיין פאַרטאָג און איינשפּאַנען די פערד אינם מילכוואָגן. עס איז גרינגער אָנצו־שרייבן אָט־די אַלע פּאָעזיעס, ווי צו זיצן אין אַ שאַפּ 10 שעה אַ טאָג.

פּראַגעצייכן

צי האָב איך דיך ליב, מיידל מיט די קעצענע אויגן? איך ווייס נישט, שאַ, איך ווייס יאָ. עלף פון מיר האָבן דיך ליב, נאָר דער צוועלפטער — נישט. דען איך בין אַ סך, מיין געליבטע. אַ טוץ איכן זיינען אין מיר. קענסטו אויך זיין אַזויפיל?

דען אַ סך איז דער מענטש — בפרט, ווען ער האָט די שלעכטע מידה פון אַריינקוקן אין זיך אַריין — דורך אַלע שליסל־לעכער...

בוים־וואָרים

ווי דער אָנגעפּעלצטער בוים־וואָרים וואָס קריכט אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף אויף דער גראָזנאָדל און פאַלט ווידער און קריכט ווידער, אַזוי איז די מענטשלעכע ליבע. און פונקט ווי דער פעלדוואָרים ווייסט נישט צו וואָס און וואוהין ער קריכט — אַזוי ווייסט אויך נישט די ליבע.

די וועלט, מיין זון, איז באַשאַפן פון ביליקן מאַטעריאַל. איז זי ווערט דאָס געלט. אַ בעסרע וועלט וואָלט געקאָסט צופיל, מ׳וואָלט זיך גאָרנישט געקענט ביי איר אויסצאָלן, סיידן מ׳זאָל לעבן אייביק, דאָס איז צו אַ הויכער פּרייז אפילו פאַר דער בעסטער וועלט.

אַ מעשהלע מיט אַ מאָראַל

דער אַקטיאָר מיט טעמפּעראַמענט

געווען איז דער שוישפּילער

יונג,
שיין,
לעבנסווירדיק,
און שלאַנק —
ווי די דאָזיקע
שורהלעך.

נאָר איין חיסרון: עס האָט אים געפעלט טעמפּעראַמענט.

האָט דער יונגער קינסטלער עטלעכע מאָל געשפּילט ביי פאַרשידענע פאָרשטעלונגען. האָט די קריטיק אויף אים געקוקט דורך אירע קאַלטע און קאָקעטע אויגנגלעזער און זי איז געקומען צום שלוס, אַז סע פעלט אים טעמפּעראַמענט, פייער, קראַפט. און דעריבער האָט די געוויסע קריטיק שרייבנדיק וועגן די נייע פאָרשטעלונגען קיינמאָל ניט דערמאָנט צו גוטן דעם נאָמען פון דעם יונגן שפּילער און דאָרט וואו זי האָט אים שוין יאָ דערמאָנט איז עס געווען אין דעם זינען אַז עס פעלט אים. דאַצרייט! טעמפּעראַמענט, פייער, קראַפט.

האָט פּאַסירט אַז דער דאָזיקער יונגער שפּילער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין אַ ראָלע אין וועלכער די קריטיק האָט ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו קומען אים זען. אורזאַך: די קריטיק האָט ניט געהאַט קיין צייט. זי האָט באַדאַרפט אָוועקפאָרן קיין לייקוואוד.

צו מאָרגנס נאָך דער פאָרשטעלונג איז זיך, זאָגט ער, דערשינען אַ רעצענזיע אין וועלכער די קריטיק האָט אָנגעוויזן אויף דעם אונ

אַך־שוין־זייער־באַקאַנטן פאַקט אַז דער יונגער אַקטיאָר איז ניט קיין שלעכטער שפּילער. נאָר וואָס דען? עס פעלט אים טעמפּעראַמענט, פייער, קראַפט.

אַז דער יונגער שוישפּילער האָט דאָס איבערגעלעזן האָט ער געכאַפּט זיינע אויפגערעגטע צוויי פיס איז אַוועק צו דער קריטיק און האָט זי געשלאָגן טויטע שלעק. זי געבאַכעט אין די שוואַכע פּלייצעס און איר ענדלעך אָפּגעשלאָגן אַ לונג.

און כדי די נקמה זאָל זיין פאַרפולט האָט דער יונגער אַקטיאָר און בעל־כוח אין איין וועג אויך רואינירט די מעבל פון דער רע־דעקאַציע, אַנגעמאַכט אַ צוויטן חורבן קעשענעוו...

דער אויפגערעגטער אַקטיאָר האָט אַזוי געשוימט, געקאָכט, גע־פלאַמט, געפייערט, געשפּיגן מיט סם, ביז ער האָט אַ האַלבע רעדאַקציע מיט שרייבער געמאַכט פאַר קאַליקעס. ערשט דעמאָלט איז ער אַוועק אַ צופרידענער, מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די ווייסע, אַרויסגע־שטעלטע ציין.

אין אַ טאָג אַרום איז דערשינען אַן אַרטיקל פון דער מיסעס קריטיק אין וועלכן זי האָט צווישן אַנדערעס דיקטירט צו איר סעקרעטאָר דאָס פאָלגנדיקע:

„דער יונגער שוישפּילער ס. ס. וועגן וועלכן מיר האָבן די גאַנצע צייט געשריבן אַז ער האָט ניט קיין טעמפּעראַמענט, פייער, קראַפט, האָט אונז היינט איבערראַשט מיט אַ באַזוך. ביי דיזער (בפירוש: „דיזער") געלעגנהייט האָט ער אונז באַוויזן אַז ער איז אַ קרעפטיקער אַקטיאָר פול מיט פייער און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן. ער איז אַ גרויסער און טעמפּעראַמענטפולער שוישפּילער. אַ טעמפּעראַמענטפו־לערן שוישפּילער ווי ער, ווינטשן מיר זיך ניט צו זען. מיר האָבן נאָך אַ סך אַ סך צו שרייבן וועגן „דיזען" קרעפטיקן שוישפּילער. דאָס וועלן מיר טוען אַזוי שנעל ווי מיר וועלן אַרויס פון שפּיטאָל און אַביסל קומען צו זיך פון זיין טעמפּעראַמענט.

מיט גרוס: — די קריטיק".

מאָראַל: דער קרעפטיקער קינסטלער מוז פריער אָדער שפּעטער דערקענט ווערן פון דער קריטיק אויב זי (די קריטיק) וויל ניט גיין יונגערהייט פון דער וועלט.

ביטערלעך

מיט קאַלטן סאַרק און מיט איראַן —
עס ביטערט שוין מיין קראַפּיווע־פּאַן...

איראַפּעס שקיעה, מיין מאַרגנרוי —
אויף דעם פעלד, מיט בלוטיקן שטרוי...

דאָס זעלבע ליים, דער זעלבער אַלטער קרוג —
איז צום טייך געגאַנגען שוין גענוג!

עס ברעכט אויף ערד דער טאָפּ וואָס איז פון ערד,
דאָס וואָס איז געווען, ווידער ווערט און ווערט.

מיט דיר איינאיינעם, דיכטער אונאַמונאָ —
כ'צי מיך צו דער באַסקישער לבנה!

צווישן דיר, סערוואַנטעס און קעוועדאָ —
עס וואַקלען מיינע שאָטן־רעדער.

אַ, פינקל גלי־וואָרם ביי מיין שוואַכער טיר —
מיין נאָזלאָך האָט דעם נעראָ דופט דערשפּירט.

עס קנאַקן פידלען רויט, זייערע פּראַגע־שניט —
שלוקעכצן מיט פלאַם, זיי שפּילן־מיט.

לאַיאָלאַ, סאנקט טערעזאַ — שטייען איינגעבויגן,
זיי האַלטן אין אַ ברונעם זייערע אויגן...

די שייטערהויפנס שאַרכן אינקוויזיצאַנאַל!
אוי, פון ווייטע צלמים פאַלט אַהער אַ שטראַל...

רויטער טעפּיך

אַ טעפּיך פון בלוט
עס פירט צו די טרעפּ —
די שאָקלענדע טרעפּ פונם טראָן
און לאַנג איז די שלעפּ
פון הויפּלייט אין קנעפּ
וואָס זעטן די קאַנפּל זיך אָן.

נאָר איך, וואָס איך שמיר
די ערד מיט מיין בלוט
און עס פון איר מאָגערער האַנט,
איך ווער אָט דעם טעפּיך
אַ הויב־טאָן פון דר׳ערד
אים פעסטן אַלס פאָן צו מיין שטאַנג.

ווײמוט

מיט ווײמוט מיין הארץ איז קוואַליק
פאַר דעם וואָס און ניטאָ.
מיין טאָג איז גאָלד און גאַליק
מיין וועלט איז טויבנגראָ.

אָ, העלער גלאַנץ פון פאַליעס!
דיין ליבע, עמיצנס טויט...
די טעג די גאָלדענע כלות —
שטייען פאַרשעמט, פאַר־רויט.

אָ טײערע, טײערע, מײנע!
מיין יוגנטס אַלטע פריינט!
ווי ווייסע צוויטיקע קרוינען
האָט איר מיין מאַי באַשיינט.

איצט ליגט איר — שטילע בערגלעך
מיט אַלטע פאַרקנס באַשוויגן,
און איך מיט טרערן וואַרג מיך
ווייל מיט אייך איך ווער ניט ליגן...

קיעוו

איך בין אין קיעוו. ערשט אַראָפּ פון וואָקזאַל.

איך גיי איבער די גאַסן.

אַראָפּ, אַרויף, בערגלעך, בערג, טאָלן, טאָלעכלעך.

דער דניעפּער פּאַרטראָגט צו מיר אַ ריח פון וואַסער, פון ווייט־קייט, פון אַמעריקע.

איך קוק אויף מיינע אַמעריקאַנער שיך וואָס גייען באַרג־אַרויף און דערפריי מיך.

נאָר זיי זיינען פון וועג פאַרשטויבט.

מ׳דאַרף זיי אָפּפּוצן.

אָט איז אַ אינגל וואָס פּוצט שיך. ער טראָגט אַ קעסטעלע — כמעט אַזאַ ווי די שיך פּוצערס אין אַמעריקע און אויף אַן אָרעם טראָגט ער אַ צונויפגעלייגט שטאָפן בענקעלע אַ קליינס.

— וואָס קאָסט ביי דיר אָפּפּוצן אַ פּאָר שיך, כעוורעמאַן ?

— צען קאָפּיקעס, בירגער.

דאָס אינגל נעמט אַראָפּ פונם אָרעם דאָס בענקל, צעעפנט דאָס, שטעלט עס אַוועק אויף דר׳ערד.

ער נעמט די צוויי גלאַנץ־באַרשטן אין די הענט אַריין גיט זיי אַ פּריוו אויס, איינס אויפס אַנדערע.

איך בין מיד פון די 28 שעה פאָרן וויל איך מיך אַוועקזעצן אויפן שטאָפן בענקעלע.

— זייט־זשע מוחל, בירגער — לייגט דאָס אינגעלע אַוועק אַ האַנט אויפן בענקל —אַז א י ר וועט אַרבעטן וועט א י ר זיצן אויפן בענקל. ס׳איז אַ נייע צייט, בירגער... אַן איגאָסטראַנעץ, האַ ?

3

פון יאָר 1926 ביז 1937

„פענונביקס״, „ריווינגטאָן סטריט״
און
„אַ וועלט מיט אַרבעט״

איבערטראַכטונג און לייטערונג

##ביידע

איך און די פליג — מיר ביידע
שלאָגן זיך קאָפּ אינם פענצטער.
איך און — די פליג.

איך און דער לייב — מיר ביידע
שרייען אַרויס פון די גראַטעס.
איך און דער לייב.

איך און די וועלט — מיר ביידע
מיר נעמען זיך דורך מיט די אויגן.
איך און די וועלט.

פּאַריז

גאַלגאַניס פּלאַן פון פּאַריז
איז אַלט אַ הונדערט יאָר, צי מיין.
נאָר אויף דער אַלטער קאַרט עס איז
יונג נאָך מיין פּאַריז און שיין!

פּאַריז. דאָ איז דער הימל אַזאַ צאַרטער!
רחמנותט ער אויף טויטע סאַנקולאָטן.
און אויך אויף היינעס קבר אין מאָנמאַרטער,
און אויף אַלע אָרימע פּאָעטן.

אַהערצו ברענגען אַמעריקאַנער זנות,
פּאַרזייען עס ווי ווילדע שוואָמען;
און צו אונזער ביטערן פּאַרדרוס
סאָמען זיי נאָך פראַנקרייכס נאָמען.

נאָר ווען פּאַרטאָג דער אַרבעטער צינדט־אָן
זיין פּאַפּיר־לאָמטערן,
גליען אויף דער אייפל־טורעם — מאָן
פון מאָרגנשטערן.

זיי זעען דאָס פּאַריז פון גרויער נויט,
זיי ליכטן אויף דער „וואַנט פון קאָמונאַרן״;
זיי זעען דאָס געיעג נאָך טרוקן־ברויט,
און זעען אַלע מענטשנס צערן...

1928

מיטאָמאָל זומער,
צעבלאָזן זיינען די בלומגלאָקן
און העמדער פּרויאישע,
אין מיר אַליין גייען־אויף
תאוות גויאישע.

ערד מיין פרישע כלה,
מיין כלה אויף דער פרישער ערד.
און לעבן אונז אויף דר׳ערד,
גרינג פאַרוואונדערט
שטייט דאָס בלאָע פערד.

באַזשעסט

איך האָב שונאים פיל־צופיל,
גוטע ליבע שונאים!
כ׳האָב צו איך אַזאַ געפיל,
ווי צו מיין אייגן פנים.

אַ וואָרט נאָר פאַלט צישן מיר און איך
און ווי אַ מעסער שניידט עס איבער
דעם שליאַך צישן מיר און איך,
דעם וועג, וואָס פירט צו אייערע שטיבער.

נאָר ווען איר זיפצט און קרעכצט —
טוט ווי דעם ביינערדיקן מעסער,
צום פרייען וואָרט בין איך אַ קנעכט,
טרערן שפּריצן פון דעם שטילן בעכער.

גיטאַנאַ

„גיטאַנאַ" מיין איך יענע פון פּאַריז,
וואָס איז מיר ווי אַ שמאָלער, פיינער פידל,
שפּילן שפּיל איך סיר־ווי־סיי מיט טויבע פינגער,
צו נאָטן בין איך גאָר אַ בלינדער.

אַ, גיטאַנאַ, שיין ביסטו, ווי אַ בילד אַ קלאַסיש.
צום שענסטן אָבער ביסטו אין דיין בעט,
פאַרשלעפּערט פון מיין האַשיש.

פּאַריזער טאָג זויגט אויס ביים פענצטערל די שעהן,
נאָר אונז באַשיצן די גאַרדינען.
שווער איז נאָך אַזאַ ווי דו
אין ניו יאָרק צו געפינען.

דאָ איז רויש און ראַש. ענגלישע האָטעלן
הויבן מיר נישט אָן צו געפעלן.

פּאַריז, פּאַריז!
גיטאַנאַ, גיטאַנאַ —
פון דער אייזענבאַנער־גאַס.
ווי בענק איך איצט נאָך דיר, גיטאַנאַ —
אין דיין האָטעלכן אויף מאָנפּאַרנאַס!

סאַנטשע־פּאַנטשע־נאַדיר

ווי גוט עס איז די זיסע זעט,
בין איך מיט מיין הונגער זאַטער.
אַ לאַנגער סאַנטשע־פּאַנטשע גיי איך אום,
און שפּיל טעאַטער.

בלייכע ראָלן פּאַסן צו מיין אָנגעזיכט,
צו דעקלאַמירן בין איך דאָך געבוירן,
אין די קאַלטע ווענט פון אַ טעאַטער
וועט מיין אָטעם גיין פאַרלוירן!

שפּיגל

אין מיין געשליף עס שלומערט
אינוועקס און קאַנוועקס:
די קראַנקע פּערל פלימערט —
אין דרימליקן רעפלעקס.

דאָס מינדסטע און דאָס גרעסטע —
דער פעלז, די זערנע ערד,
דאָס אַלעס אויסצומעסטן
איז קיינעם ניט באַשערט.

צווישן ווילדן דאָרן
צעטאָפּטשעט פונם ווינט,
עס שטויסט לבנהס האָרן
און דער אומעט רינט...

דורך ווענמעס ליפּ דו פרעגסט נאָר,
דורך ווענמעס האַלז דו שרייסט, —
דאָס גרעסטע און דאָס קלענסטע —
וויל בלויז ווערן פריי...

דאָך קליין מיט גרויס צוזאַמען
געקייטלט אין אַ קייט,
זיי פילן אָן די ימים
פון אייביקס אייביקייט...

פאַרוואונדעט

הינקענדיקע שיפן
שלעפן זיך צום פּאָרט,
זיי זיינען פון די טיפן —
אַרויף אויף פעלזיק וואָרט.

הינקענדיקע לידער —
שלעפן זיך אַוועק,
געשאָסן אין די גלידער
פון דעם פליגל־ווערק.

הינקענדיקע הערצער —
אויף שטראַלן אָנגעליינט,
זיי שפּילן זייער סקערצאָ
צו דעם סמיק וואָס וויינט...

דעמאָנסטראַציע

כאָטש ברעג אויף רעכטס און ברעג אויף לינקס,
דאָך גייט דער טייך זיין גאַנג,
ער פליסט, ער אָטעמט און ער קלינגט
מיט איינהייטלעך געזאַנג.

איינגערעמלט אין אַ פּאַס
פון בלאָער פּאָליציי,
עס פליצט און יאָגט דורך ענגער גאַס
דער טייך פון ערשטן מאַי.

עס גייען שטעט און לענדער מיט,
עס רינען פאָנען אויס,
אַז מער קיין אָפּהאַלט גיט שוין ניט
פאַר מעכטיקן צעברויז.

ווי ים טרינקט אויס פֿאַרשמאַכטע שטרעם —
טרינקט אונז דאָס לעבן היינט,
מיר פֿלייצן — אַז דער פֿרילינג הענגט
אויף אונזער שוים און שייך.

מיר קומען ראַפּטום פֿון די בערג
אין זונענדיקן שמעלץ,
מיר טרייבן מילן, ליכט און ווערק
מיר גראָבן־אונטער פֿעלז.

עס רוישט אין אונז דעם מבולס קראַפֿט —
פֿון בויאונג און צעשטער,
מיר פֿלייצן ווי אַ וואַסערפֿאַל
פֿון גרויע בערג אַהער.

מיר זאַפּן־אָן די ערד מיט גרינס
נאָר אונזער האַרץ איז רויט,
מיר בויען האָניק פֿאַר דער בין
און פֿאַר דער דראָנע — טויט.

פּ׳איז יונג און דרייסט דער מאָנאַט מאַי
אַז בליאונג־שאָלעכץ פּלאַצט,
עס פֿלייצט פֿון צאָרן דער געשריי
צו טירן פֿון פּאַלאַץ.

עס רופֿט זיך איבער לאַנד מיט לאַנד
מיט יאָנטעוודיקן גרוס,
עס פֿלייצט דער ים פֿון ווידערשטאַנד
אין פֿרילינגדיקן פֿלוס.

דער קלאַנג פון האַמער

דער קלאַנג פון האַמער אויף שטאָל,
דער קלאַנג פון האַמער אויף שטאָל,
עס דרעגען די רינגען פון קלאַנג
פון האַמער אויף שטאָל —
ווי געוואָרפן צענדליק מיטאַמאָל:
קריש... קריש... קרישטאָל...
קלינגט דער גאַנצער קלאַנגנפולער טאָל.

הופאַ, ווי דאָס ליבע לעבן פרייכט!
הופאַ, ווי די וועלט פאַרגייט זיך און זי קייכט!
ע־יאַ, טאָל איז אייזן, טאָג איז פייער, נאַכט איז שטאָל!
ע־יאַ, קלינגט אין רגע־רינג אַ יויכצענד טרומפיש קול!
שפילן לונגען ווי אַ האַרמאָשקעס און דער פוס ציילט אויס:
עיאַ, העיאַה, הופאַ, רינגאַ, פלאַמענדער געקלויץ!
עיאַ, פעסטער, פעסטער פעסטאַג, עיאַ אַ פיעסט!
שמידט און שמידט דאָס ווילדע לעבן, קאָווע, קאָווע פעסט!
רעדער, רעדער, רייפן, רייפן, רונדונג, רונדונג, רונד —
פונם פייער וועלכער גיסט זיך פונם גרויען שפונט.

רונדער אייביק, רונדער שטענדיק, רעדער פון אומענד,
צוקונפטס פינגער שרייבט באַשטענדיק אויף נבוכדס ווענט.
לאַך מיט פויסטנס קנאַכנווייסלעך, פינטלקדיקע בלענד,
פלימל, פלעמל, פלעמעלירונג, רויך און פעך געוועב,
צו געוועלבטע היילן קאַלטע מיט דיין אָטעם קלעב!
קלונגאַ, קלאַנגאַ, שטאָלגאָלד־גלעקלעך רינען אינם רוים.
פינטל, פינטל מיט דיין איך־פליג, מיט דיין טראָפן טרוים!

אַ וועלט מיט אַרבעט

אַן אָוונט אַ בלאָווער מיט הערנער געדרייט,
אַן אָוונט באַגלעקלט, באַטרעלדלט.
און איך בין געלעגן ביים ווערביוועער באַרג
אין מאָך פון צופוסיקן וועלדל.

כ׳האָב שוואַמען צו ציניצעס שמועסן געהערט,
צו שטערן גערעדט האָבן שטערן,
און איך בין געלעגן אין ווערביוועער וואַלד
געגאַרט אירע טריט צו דערהערן.

געבענטשט איז די זינד! מיין זינדיקע פרייד
טראָגט געלע ציטראָנענע לאַטשן,
אין טייכל — די פליגל פון גאָלדענע גענז
זיך איינער דעם אַנדערן פּאַטשן...

און זינגען געגומען האָט האַרץ און אינזעקט
און פיקהאָלץ און פעלדמייז און בינען,
די ערד מיטן הימל האָט זיך איבערגערעדט,
ווי עס רעדן זיך איבער צוויי שכנים.

די עלטערע שכנה — אויף העכערע טרעפּ
(עס שיינט איר מנורה אין קוימען!)
זי האָט צו דערציילן, דערציילן אַ וועלט,
נאָר זיצן און הערן און שטוינען.

די אַנדערע אָבער — מיט ווייטיקן פול,
מיט ביטערן צער פונם ווערן —
זי ציט אַ פּאַרמוטשעטן, זאַמדיקן טאָן —
אַ זיפץ וואָס צעפּאַלט זיך אין טרערן.

אַ בלאַטגרינער פלעשטש האָט נאָלאַיעט דעם וואַלד,
געגלעט אים די האַריקע פלייצע,
און פון הימל אַראָפּ און פון וועלדל אַרויף
געגאַן איז אַ שטילקייט־פאַרפּלייצונג.

געגאַנגען אַ שטילקייט — אַ שווייגנדער ים:
די כוואַליעס פאַרגיסן, פאַרגיסן,
זיי ברענגען אויף פריסיק פון ביטערער וואונד
אַ היילונג, אַ היילונג אַ זיסע.

און וואָס איז מיר זי? און וואָס איז מיר „איך״?
אַ וואָרצל פון דעמב בין איך איצטער,
ברויט פאַר מוראַזשקעס איז איצטער מיין גוף —
קויטיקער, ברוינער, פאַרשוויצטער.

בין איך זעטיק געוואָרן מיט וועלט און מיט וואַלד
מיט פלעמליקע ניסלעך און מאָכן,
צופוסנס פון דעמבענעם שוויגן בין איך
געוואָרן אַ שטילער אַנשלאָפן.

און אויף אַ געשליפן־קרישטאָלענער שיף
האָב איך מיך אין חלום געשיפלט,
געזען דורכן דנאָ דעם אָפּגרונט פון וועלט
און פיש מיט קרישטאָלענע שופּן.

געזען ווי עס פאַלט צום ענדלאָזן תהום
פון רויזן אַ ציטערדיק בלעטל
איז סורטשע, מיין לעבן, שפּאַצירן געגאַן,
אויף אַ גאָלדענעם שעטל־בעטל.

אינדערפרי האָב איך הויכן פיבער געהאַט:
ווי ליב איז געווען מיר דער פיבער!
אַ, דער קאָלירטער, פּאָטעשער טשאַד —
ער איז נאָך ביז היינט נישט אַריבער...

ערשטע זיסע ווינטערס

דאָ איז ווייך און וואַרים,
דאָ איז שטיל און וואויל,
איך זיץ דאָ און איך הוידע
געזאַנגען אויף מיין מויל.

אין דרויסן שטייט אַ שניימענטש,
וואָס איך האָב איפגעבויט,
אויגן — שטיקלעך קוילן
צונג — אַ לוסטע ברויט.

עס פייפן זאַווערוכעס
אין דרויסן פאַר דער טיר,
דאָ איז וואויל און וואַרים
און גוט און וואויל איז מיר.

פאַרמאַכטע טשערעפאַכע
איז דאָ דער קינדער־מוח
און אינעווייניק — מינעט
פליישקאָלירטער רויך.

דאָס שפּאַלטן פון אַ שייטל
קלינגט פון נאָנטן הויף,
אין לופט מיט פייערבייטשל
עס טרייבט ווער כמאַרע־שאָף.

דאָס האַרץ אַ פייערפאַקל
ברענט לעכער אינם שניי,
איך טאַפּיע און איך פלאַקער
איך ווער נישט, איך צעגיי.

און גרינג, ווי קאַטשקע־פּוכן
עס ווערט אויף קינד־געמיט,
אין הינער־נעגל שוואַרצע
די מערצן־קנאָספּע גליט.

דעמבעס — טונקלע נאָדלען
טיף אין גוף פון וועלט
אין לופטן שרייט אַן אָדלער
מיט פּחד און מיט קעלט.

כ׳ווייס נישט אַז די אַלע
בערג מיט וויכערשניי
דאָס איז מיין ווייטער מאָרגן —
אויך איך — וועל זיין אין זיי.

הורבעס, הורבעס גרויסע,
מאָרגעדיקע טעג,
און ווער ס׳פאַלט אינמיטן
דער פאַלט אינמיטן וועג.

ווייס־אָפּגעברענטע וועלטן,
וואַלד און פעלד פאַרמעקט,
מיט צינדנדיקע קעלטן —
ווער איך איינגעדעקט.

מיט צינדנדיקן וואַרים
ווער איך איינגעליולט,
אַ, זיי געזונט מיר, מאַמע,
איר אַלע זייט געזונט!

איך גיי אַצינד צום בעטל
צום שלאָפּגעלעגער — שטיל
און אויף מיין ברעם — דאָס פענצטער
אַ כישוף־זילבערבריל.

עס שפּריצט דאָס חלב־ליכטל
דאָס פֿלעמל האַלט איך אָן.
אין קעלער פֿון מײַן קלערן
עס נאָגט אַ מױזנצאָן.

אַ, אױפֿגעפּראַפּטע פֿלעשער
מיט שלוקערצדיקן װינט —
ער ברענט און בראָט די דעכער
און שלאָגט די שױבן בלינד.

דאָ זידט אַ סאַמאָװאַרל —
אַ פּאַרע גײט אַרױס,
פֿון ערגעץ פֿון אַ װינקל
בלינקט ס׳מײַזל־אױג.

איך גײ צום שלאָפֿגעלעגער
און לאָז די װעלט דאָ שטײן,
איך געגעץ און איך צעגער
פֿאַר יעדן שלאָפֿנגײן.

אַ, פֿרעמדװײַט לאַנד אין געסל
אַ, נאָענטע װעלט אין הױז!
עס זוכט עפּעס צו עסן
די קאַניע און די מױז.

אַ, לאַנד אין װײַטן דרױסן
אױף יענער זײַט פֿון טיר,
װי גיך איך װער אַ גרױסער
איז גײ איך גלײַך צו דיר!

אין שטורעם — מיט עקשנות
אַרױס פֿון װײַכער רו.

מיט אַלע טויט־סכנות
גוטברודעריש — אויף דו.

און איז דאָס לעבן פאַלן —
איז פאַלן לייכט און לאַנג,
אַן הייזער און אַן שטאַלן
און נאַקעט, ווי געזאַנג.

און איז דאָס לעבן פ ל י ע ן
וואָס ווינציקער באַגאַזש;
און מערער זיך באַמיען
און פליען מיט קוראַזש.

פון פוך און פילץ און פעלצן
עס שמאַרצט און בייסט מיין גוף
מיך ציט צו בלינדע ווייטן —
מיך ציט אַרויף, אַרויף.

אָ, פליגלען! גיב מיר פליגלען!
אָ, טו מיר אָדלערס אָן!
אויף טרעשטשנדיקע זעגלען
הענג איך איף מיין פאָן.

אָ, בליצן, גיב מיר בליצן,
אָ, צינד מיך גרויסער טאָג!
פאַר עפּעס מוז דאָך נוצן
מיין שפּילנדיקע וואָג!

אָ, גיב מיר שלאַקס און האָגל —
אַ האָגל שווער און גרויס,
עס זאָל אַ שטורעם יאָגן
אין קוימען פון מיין הויז.

עס זאָל אַ קאַלטע פרישקייט
געבן אַזאַ צוואָג —
די הייסקייט און דער עיפּוש
פון דעם בלינדן טאָג.

מיין טאַטע פאָרט צום קייזער

עך־עך, אוי, און מן המצר,
ס'איז נישטאָ אין שטוב קיין גרייצער
אַ צאָל, אַ גרייצער, גאַנצער אוצר.
נאַר די איינער, נאַר דו גרויסער,
מאָמיר דאָך אַ גוטן קייזער,
פראַנץ יאָזעף איז אַ גוטער פאָטער
און וואָס אַ קייזער וויל דאָס טוט ער —
טוט אַ קייזער איינעם שלעכט?
רעד נישט! שוויג! ס'איז אָפּגערעדט.

דאַרף מען צו דעם קייזער פאָרן
מאַכן דאָרטן האָרעך־קאָרעך
פון דעם וואָזשנע, דעם פאַרשוויך, —
אַזוי מביש זיין די קרוין!
אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט
נעמט ער צו דאָס איבערבעט?...

נעמט דער טאַטע בלאַט געווירעט
און ער שרייבט אין קלאָרע שורות
מיט אַ גרינעם גאָלדענעם טינטל,

אויף אַ פיינעם האַנטשריפט־קוויטל —
שרייבט אויף הויכדייטש אַ פּראָשעניע,
אַז — דהיינו און כהיום:
אָפּגעפּענדט ס׳לעצטע שטיקל, —
וואָס־זשע הייסט עס? אַ מין שפּיצל?

פרעג ביי קאַהאַלן, און קאַהאַל ער
וועט דיר זאָגן, אַז שטייער־צאָלער
זיינען מיר פאַמיליע רייזעס,
אָן גוזמאות, אָן שום מעשות,
שוין פון דורות, שוין פון יאָרן,
מיר האַנדלען ווייץ, מיר האַנדלען קאָרן.
(כ׳נעם אָן, אַז הוד־מלכות ווייסט:
מיין נאָמען איז הער מאיר רייז! —
געהאַט נישט לאַנג אַ „מעל־פּאַרשלייס".
דערנאָך געוואָרן דייטשער לערער —
און איצט די שטעלע אויך נישט מערער.
נאַקעט, באָרוויס, הויל און בלויז,
ווי דו זעסט מיך — מאָל מיך אויס!)

פיל געטראַכט און פיל געקליבן
און אַ רעדע אויסגעשריבן
מיט אַ פּראַכט און מיט אַ גלענץ
פאַר דעם קייזערס אָדיענץ,
און דעם טאַטנס אויגן גליען:
כ׳פאַר צום קייזער, כ׳פאַר קיין וויען...
כ׳על צושטעלן וואָזשנעלע אַ בענקל
ער זאָל האָבן צו געדענקען.
דעם קייזער אָפּמאָלן די בילדער:
ווייב איז קראַנק, אַ שטוב מיט קינדער...
און נישטאָ אין שטוב קיין צאָל —
אָרומריידן דעם גאַנצן פאַל...
מיט דעם קרול פראַנץ יאָזעף פיערוושי
אייביק־אייביק זאָל ער הערשן!

ווען דער קייזער טרויעריק ווערן
און צעגיסן זיך מיט טרערן,
כליפען: „מאַיער, מאַיער רייז,
גלויב מיר, גלויב מיר. אַז איך ווייס
וועגן דיר און וועגן דיינע, —
וואָס־זשע טויג ס׳לאַנגע טענהן?
(כ׳פרעג מיך שטענדיק נאָך אויף אייך
ביים שוואָגער פון מיין קיניגרייך!)
אַטאָסטו אַלע זאַכן דיינע!
און זיי געזונט! און אָן פאַריבל!
און וואָרף אַריין אַמאָל אַ בריוול
און שאַ, מיר האָבן זיך פאַררעדט:
נאַדיר אָפּ דיין איבערבעט"

און דער טאַטע וועט דאָס נעמען,
וועט זיך קנייטשן, וועט זיך שעמען
און באַדאַנקען טויזנט־מאָל,
וואָס דער קייזער איז מיט קהל
אויסגעבונדן אייזן־שטאָל.

ווען דער קייזער זיך צעלאַכן
און צונישט די זאַכן מאַכן
זאָגן: „ליבעס, ליבעס אידל,
האָבן זי מיר קיין פאַריבל,
ס׳טרעפט אַמאָל אַ מיספאַרשטענדניס
און דו אַ מענטש מיט מענטשנקענטניס
דאַרפסטו זעלבסט דאָס גוט פאַרשטייען
און דעם קייזער מוחל זיין
נו, גריס די קינדער, גריס דיין ווייב
און איצטער גיי געזונטערהייט
(ס׳וואַרט אויף מיר באַראָן פאָן קאָטשערע,
און מיר דאַרפמיר עסן וועטשערע.)

און דער טאַטע לאָזט זיך גיין שווין
מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס —
רופט אים ערשט דער קייזער קריק:
„נאַדיר אָט! פאַר גוטן גליק —
פון לויטער גינגאָלד אַ מעדאַל
מיט מיין בילד — אַלס פעלדמאַרשאַל...
און טאָמער דאַרפסטו נאָך אַ טובה
וועגן יענעם, וועגן דעם —
קלאַפּ מיר אָן אין טיר דאָ אויבן,
שעם דיך נישט און קום צוגיין.

און יאָ, וואָס האָב איך זאָגן וואָלן
כ׳זע די פיס ביי דיר געשוואָלן...
אַי, אַי... ס׳אַ מענטש דו בינזט...
היטסט נישט אָפּעט דיין געזינט".

דער קייזער גיט אַ רוף דעם שאַצקאַמערמייסטער,
קומט ער צולויפן מיט אויפגעהאָנגענעם טייסטער.
דער קייזער זאָגט: „שאַצקאַמערמאַן, גיט דער הער מאַיער
די גאַנצע רעטור־שפייזן צושטייער...
און אָט זיינען, מאַכט ער, די שליסל צו דער רייכסקאַסע,
און זעט אַז הער מאַיער זאָל פאָרן מיט ערשטער קלאַסע
און דווקא מיט קוריער־צוג
לוקס־שעבעלוקס
און האָבן זיי מיר ביידע
אַ גוטן טוג!"

דער טאַטע האָט אָנגעטאָן מ׳נייעם איבערציער
אויפן אַלטן ראָק
און פּלוצים האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין טיר —
דער אייזערנער פינגערהוט אויפן טאַטנס שטאָק.

אין דרויסן האָט געבלעקערט דער ציגנבאָק,
געווײנט מיט שטילע, גלאַטע מאַסלינעס,
און די זון האָט אָנגעקלונגען מיט פינגער
אין די דאַך־רינעס.

* * *

אַז דער טאַטע איז קיין ווין געקימען
האָט אים דער קייזער נישט אויפגענימען,
ווייל דער קייזער האָט נישט געהאַט קאַ צאַהט.
מאַכט ס׳מן־המצרל׳ : וויוואַט־וויוואַט.

אַז דער טאַטע האָט געוואָלט די פּראָשעניע געבן,
האָטן אים געזאָגט : „ר׳ מאַיער לעבן,
זייט־זשע מוחל, באַצאָלט זעקס ראַניש ;
אַז נישט, קען מען דאָ ניכט העלפן גאַרנישט״...

מיין טאַטע האָט מ׳שטעקן אין דער האַנט גענומען
און איז קיין נאַראַיעוו קריק געקומען.
מאַכט די מאַמע : נו, זעסטו שוין ?״
מאַכט דער טאַטע : „וואָס זע איך שוין ?״

זאָגט דער טאַטע : עס וועט זיגן דער יושר״.
זאָגט די מאַמע : יושר איז פאַרן עושר,
נישט פאַר אונז געמיינע לייט,
נישט פאַר אונז געמיינע לייט״.

האָבן טאַטע־מאַמע זיך גענומען קריגן,
זיינען קללות געפאַלן ווי טויטע פליגן,
און די וועלט איז געבליבן וועלט,
און די וועלט איז געבליבן וועלט.

אַרום דער וועלט

מיין געדאַנק איז היינט אויסגעווען אַ האַלבע וועלט :
שטראָסן ווינער,
אין וויטן כינע,
ביי דער קאַמונאַרן־וואַנט,
אין די ליקן־געסלעך פון פאַריז,

אין די שאַכטן פון וועילס,
אין ריאַ,
אין טשאַקאַ,
אויף אַלע ברענענדיקע פיבער־באַקן
פון דער וועלט —
און אומעטום געזען, געהערט דאָס פאַלן און דאָס שטייגן
פון דעם צו־נצחון־שפּאַנענדיקן ריז.

מיין געדאַנק איז היינט אויסגעוועזן אַ האַלבע וועלט
און קאַריק איז ער געקומען אַזאַ מידער
אַ פאַרשטויבטער פון די שטויבן פון דער גאַרער וועלט,
אַ פאַררויכערטער פון די שלאַכטן, וועלכע זידן.

...דער רויך גייט פון מיינע לידער!

כ׳קום נענטער צום טאָג

כ׳קום נענטער צום טאָג,
כ׳קום נענטער צו אייך
און קוקט ניט מיט חשד, מיינע ברידער.
איך קום דאָך ווי איר פון דער אָרעמער גאַס,
איך קום דאָך ווי איר פון דער נידער.

און האָב איך אַמאָל מיט גוואַלדיק וואָרט
מיט זשעסטן געפלאַכט און געקונציקט, —
ס׳האָט מיך ס׳לעבן געפאַטשט שוין גענוג
און אויגן און ליפּן פאַרוואונדיקט.

כ׳קום נענטער צו דיר,
געטרוי מיר דיין האַנט
אַה, חבר אויף בלוטיקע וועגן.
ניט שטייט אין מיין טיר
אין ספק געשפּאַנט

אַ גאַסט אויף אַ ווייל, אויף אַ רגע.
ניט פרעמדט זיך פון מיר
אָה, נאָענטסטע מיין,
איך טאָר מיך פון אייך ניט פאַרפרעמדן.
איך דריי איין דעם לאָמפּ
פון מיין בליציקן וואָרט
כדי אייך
די אויגן ניט בלענדן.

פאַרשטייט מיך און גלויבט מיר,
און גלויבט אַז מיין אויג
קען קיינמאָל ניט זאָגן קיין ליגן.
איך ברענג אייך די זאַפט
פון מיין ווייטיקדיק וואָרט
אין פראָסטן,
אין ערדענעם קריגל.

איך קום זיך ניט בויגן
אפילו צו א י י ד,
אפילו צום האָרץ מיינעם אויך ניט.
מיין צאַפּלען, מיין צוקן
ווערט מילדער,
ווערט וייך
אַז כ׳ווייס אַז מ י י ן הויך איז קיין הויך ניט.

איך שטעל מיר
קיין גאָלדן מצבהלע ניט
איך לעב ניט פאַר ווירוויך און לאָרבערס,
איך גיי מיט די קעמפנדע אָרעמע מיט
און טראָג מיינע פלייצעס ווי טאָרבעס.

איך וויל אייך ניט זאָגן
אַז ליב האָב איך, ליב
די שטומע, די שטוינענדע מאָסן,

ווען זיי נעמען ברויזן
ווי שטראָמען סוף־מערץ
ווען יאָרהונדערטער־שליוזן צעפּלאַצן.

איך וויל אייך ניט גלעטן
מיט סאַמעטן וואָרט
אָט דאָרט, וואו עס וויטיקט צום אַרגסטן.
איך וויל אייך נאָר זאָגן ביז א י ר זייט ניט זאַט
וועט אייגענער ביסן מיך וואַרגן.

נו, זאָל זיין גענוג.
איך קום זיך פאַר אייך
מיט גרויסע פאַרדינסטן ניט רימען, —
איך וויל נאָר אַז איר,
אַז איר נאָר אַליין
זאָלט ווערן די שטים פון מיין שטימע...

וואָס נאָך?
כ׳האָב מיין מאַמען דאָך זיכער געליבט, —
ס׳קען קיינער, מיר דאַכט, מער ניט ליבן,
דאָך האָב איך איר קיינמאָל
קיין זיסענקע בריוו
קיין חניפהקע בריוו ניט געשריבן.

איז קומט נענטער צו מיר
און שרייט דורך מיין מויל
און זינגט דורך מיין האַרץ,
דורך די אויגן.
איך קום זיך ניט בוקן
ניט שמייכלען צו אייך,
איך קום זיך צו קיינעם ניט בויגן.

אויפס ניי

ס'איז אַ האַלגאַס פון גאָלד
אויף אונזער ערד געגאָנגען
און איינגעשלאָגן ביז דער ערד
די זילבערענע זאַנגען.

פאַרהאַלטן געווען אויף אַ צייט אין מיין שטראָם;
איצט גיב איך אַ פלייץ — דעפּראָפונדיש: פון תהום!

איצט גיס איך מיך איבער פון טאָלן ביז באַרג,
איצט וועל איך פאַרפלייצן דעם לידערשן מאַרק,
איצט בייס איך מיך איין אין העלזער, אין קערק.

איצט ווער איך ברייטער און ברייטער ווי ברייט —
אַ ווינטיקע בשורה עס האָט מיך דערפרייט, —
איך בין אויפן בעסטן און ערגסטן געגרייט.
זאָל גיסן מיט שלאַנגען, זאָל ליאַפּען מיט וועלף —
איך וועל מיך פאַרשלאָגן אויף פעלזיקע ווענט
מיט שווערדישע לידער פאַרבליצן די וועלט!

פרילינג אין ניו-ענגלאַנד

1.

עס זיינען וועלדער ניי מיט גרין
און הערצער הייס מיט האַס
און אויגן ווי די טייבלעך פליען
אין טויען בלוי און בלאַס.

ס'איז מאַי. דער פרילינג טראָגט אין האַנט
בונטן גאָלדענעם רוים
און איבער נייעם ענגל-לאַנד
עס שיט מיט שניי די פלוים.

און פול איז האָדסאָן איבעראַל
מיט זומער־פראָסט פון פרוכט,
און אויפן באַרג און אויפן טאָל
גייט ווינט מיט גרינעם שוך.

עס שענערט זיך די גרויע צייט,
דאָך בעסערט לעבן ניט
און אין דער רויזנשיינער ווייט
דער ווייסער הונגער גליט...

.2

שטיי־ביי איר גרעזער און דערנער!
איר טראָפּן פון סמאָלע וואָס טריפט!
עס ברענט און דערברענט אין איר וואונדער
די לעצטע די היינטיקע שיף...

שטיי־ביי, דו בלוטנדער נעפּל,
אין אונטס סקאַליעטשעטן שיין!
שטיי־ביי מיט דיין גאַנצן פאַרמעגן
גלויבנדער מענטשהייטס געביין!

עס ווען נאָך מאָרגנס פּאַסירן
און אָונטן זינקען אין פראַכט,
שוין שווינגען זיך אָפן די טירן
צום גאָרטן אויף יענער זייט נאַכט...

.3

קלויסטער־קלענג — צעזייעט טריב
אויס זשמעניע פונם קריסט
און קעץ זיך ראַיענען פאַרטיפּט
אין זון־באַשמעלצטן מיסט.

די ברונעץ־עמערס שעפּן טיף,
און קייטן שטאַמלען שווער,
פון קרישלדיקער מענטשן־טיף
עס קומט אַ זיפץ אַהער.

סעדער ווייסע — בלומענבינט
אין אַלטע מוידנס הענט
און איבער אַלע טריפט דער ווינט
און לעבנסשטורקאַץ ברענט...

4.

דעם טאָגס צעפּאַכעטע קוזשניע אַטעמט וואַרעם,
עס פאַלן ראָזע רייפן אויף דער פאַרם.

דער אַקער ליגט פאַרשטאָכן, דרעמלט פויל
האַלטנדיק ערדס ניפּל אין זיין מויל.

דער בוהיי שפּריצט מיט סאַמעט פון זיין פלאַנק,
מיט קופּער־רינג אין נאָז, הערנער אין געדאַנק.

אין שטאַל די פּי שיבן העלזער אינם „סטענטשן",
די פאַרם זינגט מיט טויבע טריט פון מענטשן.

אויף ערד: פאַלאַצן־מיניאַטור פאַר מערזשקעס,
אין כלה־ווייס עס דראָזשעט בלי פון פערשקעס.

אַ האָן גיסט אויס פון זיין טרומייט אַ מאַרש
(אין ראָזן רויש פון ווינט עס שטייט די בלום פון קאַרש).

עס ענטפערט אים ניט גערן אַ ווייסער טראָפּן צוויט
וואָס פאַלט אַרונטער שטיל, טויט־מיד...

צו אַ געליבטער

איך האָב אין מיין לעבן געהאַט פיל געליבטע,
גאָלד־בלומיקע, בלענדיקע, טונקל־זיסע, מיט אַטלעסנע אויגן,
און אַזוינע וואָס זייער גאַנצער שמיידיקער גוף
איז געווען אַ פאַרפירערישער וואונק מיטן ברעם.
איך האָב געליבט די הירשין, די פאַווע, די פוקסיכע און די
שימערנדע שלאַנג,
נאָר די לייביכע און די אָדלעריכע האָב איך ניט געליבט. —

אַז אין מיינע בירגערלעכע יוגנט־קרייזן
איז פאַר לייבעכע־האַרץ און אָדלער־פליגל אויפשפּאַן
קיין פּלאַץ נישטאָ — סיידן אין אַ פּאַרק־שטייג.
היינט האָב איך אין „דעילי וואָרקער" דיין בילד געזען,
דאָלאָרעס — דו לייבעכע פון שפּאַניעס ווידערשטאַנד.
איך האָב געהערט דאָס פורכטבאַרע ברילן פון דיין געאָפּערט לעבן,
דאָס גראַטע־רייסן פון דיינע פאַרבלוטיקטע נעגל,
בעת אין דיינע אויגן האָט דער אויפגייענדער טאָג
מיט נעפּל־בלויקייט געשפּילט פון די סיערעאַס.

מוטערל, שוועסטערל, האַרץ־געליבטע!
אַן פליטער אינגאַנצן איז מיין ליבעס דערקלערונג
צו דיר, — סימבאָל פון שפּאַניעס ווידערשטאַנד צו קרוין
און קרייץ.
אָן קניקס, אָן פאַלשן האַנטקוש,
נאָר אַ קוש אין דיין ברייט־געעפנטן מויל,
דורך וועלכן די שלאַכט שרייט מיט איר שוידער,
פאַל איך צו דיינע פיס,
(אויף דיין מאַרש מיט די פרייהייט־באַטאַליאָנען
אין די בערג פון כוואַדאַראַמאַ),
פאַרקניפּנדיק דערביי די בענדלעך פון די שיך
וואָס האָסט פאַרגעסן צו פאַרשנירן —
אַז דער פלייט פון שטורעם האָט געשאַלט.

שפּאַניע

איך רייד וועגן ליטעראַטור און טראַכט: שפּאַניע.
איך לאַף, באָד זיך, לייען, טעלעפאָניר, טראַכטנדיק כסדר:
— שפּאַניע
אין שלאָף ביינאַכט מאַרשירט פאַר מיר מיט מעליקן אַנאַדלוזיע־
שטויב באַדעקט
דער פאָלקס־פראָנט פון שפּאַניע.
ווי אַן אַריינגעשאָסענע קויל אין ליב איז מיר דיין קאַמף,
— שפּאַניע
וואָס איך זאָל ניט טאָן און וואו איך זאָל ניט זיין, ביסטו אין מיר,
ביסטו מיין מאַטערנדיק באַוואוסטזיין.
טעג עפּענען זיך איבער מיר און מאַכן זיך צו,
נאָר דו בלייבסט אין צענטער־פּונקט,
— שפּאַניע
ביז דיין קאַמף וועט ניט זיין געוואונען
קעגן די טיגרען פון פינצטערניש,
וועסטו אין מיר זיך עגבערן, זינקנדיק טיפער און טיפער אין
מיין פלייש,
זיך אָנהאַלטנדיק פעסטער און פעסטער אין די פעדים פון
מיין מאַרך,
שפּאַניע.

דער שכן, דער ברודער מיינער

געקליבן זיך טעג
און געקליבן זיך וואָכן
אַריבערצוגיין
און זאָגן דעם שכן
דעם אמת
דעם פשוטן, ריינעם:
— אָה, שכן,
מיר זיינען דאָך שכנים...

האָב לאַנג זיך געקליבן
און לאַנג זיך געשעמט
כ׳וויס נישט פאַרוואָס
און פאַר וועמען?
ס׳אָ מאָדע אַזאַ, ס׳אָ מאָדע ביי אונז,
אַז מענטשן באַדאַרפן זיך שעמען!
און כ׳האָב נישט זאָגן געקענט
אַריבער דער וואַנט:
„אָה, שכן,
מיר זיינען דאָך שכנים״.

נאָר איינמאָל ביינאַכטנס —
דער צפון־ווינט גייט
מיט טרויעריקן
וואָיען
און וויינען,
הויב איך אָן טראַכטן:
ס׳איז שוין העכסטנס די צייט
אָנקלאַפן דאָרט
ביי די ליבלעכע לייט,
און זאָגן,
„מיר זיינען דאָך שכנים״.

נאָר שטענדיק, ווען כ׳זעץ
אויפן באָדן מיין פוס
און טונק אים
אין קאַלטן פאַנטאָפל,
בלייבט שטעקן אין האַלז
מיין מענטשלעכער גרוס,
ווי קאַלטע,
ווי האַרטע,
קאַרטאָפל.
סע כאַפט נישט קיין דרייסטקייט

אין וויסטקייט פון נעכט
אין צימערל, צימערל קליינעם
אריבערגיין זאגן:
„די ווענטלעך צעברעך,
אה, שכן,
מיר זיינען דאך שכנים".

נאר איינמאל אין אוונט, —
איך זיץ מיר אליין
און הויב אן
די צייטונג צו לייענען,
איך הער א מין כליפּ,
א פארשטיקטן געוויין.
כאפּ איך מיין ראק
און לויף גיך אריין
צום שכן,
צום שכן צו מיינעם.

ער ליגט אויפן בעט
ווי א זאק אזוי לויז,
דאס פּנים
געביטן די פארבן.
ער קוקט אויף מיר הילפלאז,
ער קוקט אויף מיר בראוו,
פארראנגלט
אין קאמף פונם שטארבן.
ער קוקט און ער ווייזט
אויף א וואסער אין גלאז,
בלוי ווי דער מלאך־המות
און רעדט אזוי לייכט,
און רעדט אזוי שטיל,
כמעט ווי מי רעדט
אויף קאטאוועס:

קיין אַרבעט נישטאָ
שוין העכער אַ יאָר,
איז וואָס זיך דאָ מוטשען און מוטשען ?
איז כאַפּ איך דאָס פּעקל
אויף פּלעקל און פּאָר,
איך וויל דאָ נישט
קיינעם דאָקוטשען . . .

די לעצטע פּאָר ווערטער
אין בלוטיקן שוים
אויף שפּיציקן געמבעלע זיינעם :
— „פאַרגעֿ—סט נ—נישט . . . מיין קינ— ד,
אָט... איז־ז... אַן אַדרעס—ס...
ש... שכן,
מיר זיינען דאָך שכנים"

פּיין

פּיין זיצט
ביי מיין טיש
און מישט
מיט זיין געלן פינגער
דאָס גלעזל ווין,
דעם טראָפּן שיין,
וואָס קאַפּעט ווי אַ טרער
אין מיר אַריין.

פּיין דריקט זיך
צו מיר,
איך צו פּיין,
בײדן וואָלטן מיר שוין
ניט קענען
אָן דעם צווייטן זיין . . .

אַ גוטן טאָג, נאַראַיעוו!

אָ קום צו מיר, נאַראַיעוו, שוין צום לעצטן מאָל;
די באַדיק־בלום איז ראָז, די ריקע אָנגעשוואָלן גראָ ווי שטאָל,
דער באַרג: טויזנט־און־איין־טאָג פון ווייסן ליים —
אָ, קום צו מיר צום לעצטן מאָל,
מיין היים —
און לאָז אַ קוש טאָן שטאַרק דיין דאַרע שוועל,
ווי מיין פּנים איינגעקאַרבט און געל.

לאַמטערן פאַר דער קלויז, שטיינבאַנק ביי פּאַרלאָג,
פון יעדן קרומען סלופּ מיין יוגנט גיט אַ שלאָג.
ברענגט נגיד־גרוסן פון יאַרע ביינצנאַיינס.
די האָפּן־שטענגלעך קלינגען ריין און שיין
און איך בין אין דער ווייטער וועלט אַליין,
אוי דו,
אוי דו,
נאַראַיעוול, מיין היים.

פון שוואַרצע ליולקעלעך אויף ווייסע בערד
שפּריצן פינקעלעך מיט וועלט און ווייס,
ס'האָט אָפּגעריטן אויף אַ קייסער־פערד
מיט טשאַקע אויפן קאָפּ, מיט שווערד ביי לינקער זייט
די גאָלדענע, די שיינע צייט!
און איך אַליין בין קליין דאָ אויף דער גרויסער ערד,
ווי דו ביסט גרויס, נאַראַיעוול, מיין טרער.

דער שטילער רויך פון קוימענעס געליבטע,
די גראָע בלעטער — אַלעס פאַרן טראָט,
און איך פון וואַנדערן אָן איינגעמידטער,
בין מיד פון מענטש און גאָט;
בין מיד און מאַט
פון צייט־און־בלוט־פאַרגאָס —
נאַראַיעוול, צו דיר מיין לעצטן כוס!

אַיעדער צייט פון יאָר צוויטעט אין געדאַנק מיר:
דיין ווינטער — הויל קרישטאָל, דיין זומער — עמעראַלד;
צום לעצטן מאָל, אַ קום צו מיר, נאַראַיעוו,
איך גיי צו דיר מיט קליינע טריט, כ׳בין שוין אַלט.
עלטער ווי די וואָרצלען אין דיין וואַלד —
נאַראַיעוול, מיין קוואַל פון גאָלד און גאַל!

אַ פרעמדער האָט מיר היינט געזאָגט גוטמאָרגן

איך בין היינט דערפרייט, דערפרייט!
כ׳וועל עס אויסשפילן אויף אַ קאָסע, אויף אַן אָרגל:
עס האָט אַן אומבאַקאַנטער מענטש
מיר היינט געזאָגט:
גוטמאָרגן.

געזאָגט עס אינמיטן העלער שטאָט ניו־יאָרק,
אינמיטן בערג מיט ווענט מיט קאַלטע, האַרטע,
געגעבן — און אויף באָרג
אַ גרוס אַזאַ מין אומדערוואַרטן.

געזאָגט עס כלומרשט אין אַ טאָן
פון אַ גרינגער אַמכאַ־מאַניפאָרגע,
זיין פויסט אַ הויב געטאָן — אַ פאָן:
אַ פרישן אייך,
אַ וואַרימען
גוטמאָרגן!

האָט גלייך אַ שמעק געטאָן מיט ערד
מיט היימישער, מיט דאָרפיש שאָרכן.
מיט טויזנט אויערן האָט מיין האַרץ געהאָרכט:
דער אינגלישן
און בליענדן
גוטמאָרגן.

עס האָט אַ פלייץ געטאָן מיט ווילדער רו,
מיט נאַקעטקייט, מיט גוטקייט און מיט ברודער.
ווי אין מדבריות אַמאָל עס גיט זיך אויס —
אַ פליגלפאָך גיט די טויטע היץ אַ רודער.

האָט פלוצים שטיינערדיקער וואַסערפאַל פון מויער
געגומען פליסן קלאָר און קלינגיק
און אין שלעפעריקע האָר ביי מיר אין אויער
געוואָרן איז עס קיל און ווינטיק.

איז האָב איך מיך מיט כלינעדיקער פרייד
שיר־ניט אויפן אָרט דערוואָרגן, —
און אָפגעענטפערט:
טייערינקער,
אַ גוטן דיר,
אַ ליבענקן גוטמאָרגן!

און וואו ביסטן געוועזן, זאָג, אַלע יאָר?
וואָס האָט מען פון דיר גאָרנישט־ניט געהערט?
איז עס טאַקע, הייסט עס, וואָר,
אַז דיר לעבט זיך נעבעך אַזוי שווער?
אוי זע, דיין קאָפּ...
אַזש ווייס, ווי שניי,
— פון זאָרגן.
נו גוט, נו גוט...
עס וועט אַלעס זיין שוין גוט.
ניט היינט —
איז מאָרגן...
אַ גוטן דיר,
אַ גוטינקן גוטמאָרגן!

אַוועק מיין וועג
אין האָוועניש
אין ווילד געיעג נאָך טעגלעך שטיקל ברויט,

אין ראַנגלעניש מיט אייזערנע זאָרגן!
נאָר צו די מאַסן,
ליכטיקע און שוואַרץ
אין די גאַסן פון ניו יאָרק,
האָט מיין אויפגעהייטערט האַרץ
זיך אַלץ געגייגט, געבייגט,
און האָפענונגספול,
ווי דער שמייכל פון דער זון,
געשעפּטשעט חבריש און ווייך:
— אַ העלן אייך
אַ היימישן גוטמאָרגן!

אינטימע לידער

1

מיט ליכט פון די ליכטן
מיט בלוט פון מיין בלוט
שרייב איך געדיכטן
אין אָט־דער מינוט.

כ'ווייס ניט פונוואַנען
באַפאַלן מיך קלענג, —
וואו דער קוואַל איז פאַראַנען
פון מיין לידער־געשווענק.

מיט יאָדר פון יאָדערן
מיט טויטס קווינטעסענץ
איך עפן די אָדערן
פון אַלעס וואָס בענקט.

כ'גיי־אויף אין אַ צאַפּל
פון ליכטיקן זיפץ
אין שטוין פון אויג־אַפּל
קומט־אויף מיין געשריפטס.

מיט ליכט פון די ליכטן
(אין פינצטערן פינצט)
זיינען בעטלער־געזיכטן
פֿאַרהערלעכט, פֿאַרפֿרינצט...

2

דאָס מינצטע שאַרכל פון דער זעל
דאָס מינצטע טויבנברימל
עס צינדט די לעבנס־לייכטער העל
מיט די ליכט פון הימל.

טשאַטעס לידער פליען אָן
ווי אַ פויגל כמאַרע
און ער דער זינגער אויבנאָן
מאַכט פֿאַר זיי אַ וואַרע.

3

איך זיץ ביי בבלס טויערן
איך היט אַ טויטע שטאָט,
איך היט דעם מאָך אויף מויערן
און אַ צעהאַקטן גאָט...

איך היט — כ׳האָב שוין פֿאַרגעסן
וואָס אַזוינס איך היט,
איך היט דאָס ביסל עסן,
איך היט דאָס טראָפּן ליד.

איך היט דעם ראָסט אויף שלעסער,
איך היט דעם שלאָס פון בלוט.
איך ווייס ניט וואָס ס׳איז בעסער,
איך ווייס ניט וואָס ס׳איז גוט.

כ׳האָב אויף גאָטס געוויסן
קינדיש זיך פאַרלאָזט,
פון בינט מיט אַלטע שליסל
איצט רינט אַראָפּ דער ראָסט...

און אַז די נאַכט וועט קומען
די שליסל גיב איך קריק
ניטאָ אין די אַרומען
קיין סימן פון קיין זיג.

4

ער וואַכט ביים פאַרגעסענעם אוצר
וואָס ליגט אונטער זשאַווער פון שלאָס,
מיט ווינציק דער וועכטער איז יוצא —
עס איז טויט דאָך זיין באַלעבאָס...

דער בלענד פון דער זון און פון קריעס
די אייביקע ווייסקייט וואָס מאַטערט
זיי האָבן ביים וועכטער די וויעס
באַהאַנגען מיט מאָכיקן יאַטער...

איז זעט ער נאָר ווייסן, נאָר בלענדן
וואָס קרייזן אַרומעט אין שיין
דאָ זיצט ער און היט שוין אויף שטענדיק
די ראָסטיקע שליסל אַליין.

ער און דער טויט און די טבע
זיי זיצן דאָ אַלע דריי.
דער אייביקייטס פעניקס צי מעווע
פליט דאָ ניט קיינמאָל פאַרביי.

קאָן זיין

קאָן זיין הפּנים
ס'איז טאַקע ניטאָ מער
ווי מענטש און טרער
און זון אויפן פּנים
און דאָס ביסל חלום
און דאָס קאָפּ שלום
און ווייטער ניט מער —
בלויז מענטש און טרער...

האָריזאָנטן

1

פיר שטעגן, פיר וועגן —
איך איינער אַליין,
איך שטיי אינדערמיטן
און ווייס נישט ווי'ן גיין.

אַ טריט גיט דער פוס,
ס'האַרץ רופט קאַריק:
אַט דאָרטן. אַט דאָרטן
גרינט גרינער ס'גליק.

פיר האָריזאָנטן —
דער פוס איז צעמישט,
פון אַלע פיר קאַנטן
אַ שטערן־געליש.

עס זשומען פלאַנעטן,
עס בליעט דאָס קרויט,
און איך אינדערמיטן
פון לעבן־און־טויט.

און איך בין דאָ איינער,
אוי, איינער אַליין —
דער שטאָם, וואָס איז מיינער,
איז גרוי ווי אַ שטיין.

דורך ספּוק צו ספּוק,
ווי טריכט דורך אַ טריכט,
דאָס אונטערשטע לעשט
דאָס אויבערשטע ליכט.

2

אָנגעטראַכט זיך גאַנצע קנוילן,
גאַנצע וואונדן אָנגעטראַכט,
מיט דער רגע מיט דער וואוילער
אין דער פינצטערניש פאַרבראַכט.

אויסגעטאַפּט די הייסע הויטן
און דאָס פּנים ניט געזען,
ווי פּאַר אַרבעסלעך אין שויטן
פלעגט די וועלט פאַריבערגיין.

אָנגעטראַכט זיך יונגע הערנער
ווי אַ ווילדער אַנטעלאָפּ,
און פון היינען און פון בערנען
האָט געזשומעט מיר אין קאָפּ

כ׳האָב די וואָנטשעלעך פאַרקרייזלט
אויף מיין קינדעריש געמיט,
אָנגעטאָן אין לאַנגע הויזן
מיין יונג עופּהלע — מיין ליד.

און מחשבות בלאָווע וואַרטן
איך זאָל בלאָזן „צאַפּנשטראַיך“,
אויף די ווילדעסטע אַזאַרטן
וואַרט מיין חלומס קיניגרייך.

אויף די ווילדעסטע געיעגן
צאַפּלט זיך מיין הייסער מוט,
אויף דער קלונג פון יונגן רעגן
וואַרט דער צונטער פון מיין בלוט .

שטייט די צייט ניט, גייט און קריידלט
און זי שנײַדט מיט שאַרפער שער,
ווי אַ רבי מיט אַ טייטל
גייט מיר נאָך די אַלטע ערד.

און אַ בוידעם פול מיט שטערן
און אַ פּאַזוכע מיט נאַכט,
אין די שליִנד פון טויטע בערן
האָבן פליגן זיך צעלאַכט.

אין די קלינגענדיקע רוימען
הענגט דער זינגענדיקער טויט,
און די ריקעס זשמיקען שוימען
און לוויות שפּריצן קויט.

און די קריכווערים אויף קאַרעס
שטעפּן מיט געציילטע רייד,
אין דער פוטערנער נאַרע
ליגט דאָס לייבנהאַרץ און וויינט .

3

עס זיינען פיל געלאָפן ביי דעם רויטן זוים
און געבליבן איז אונז ווער — פון אלע ?
איעדע כוואַליע ברענגט מיט זיך אַ שוים,
איעדער שוים אנטלויפט אויף גיך פון כוואַליע.

אוי,
ווי איך וואָלט וועלן
אָפּווישן פון מיין ליפּ
דעם ברענענדיקן גיפט

און מיט אַ ברודערישן שמייכל
זאָגן איך „גוטמאָרגן"
אין מיין שריפט...

אוי,
ווי מיר איז האַס פאַרנמאסט
און ווי שווער עס איז דער קלאַנג פון שווערד,
נאָר וואָס־זשע טאָן,
אַז פאַרפייניקט
ביזן בלוט
עס איז די גאַנצע ערד?!

מוז איך רייסן פון זיך פּאַסן,
טאַנצן אויף די שאַיטערן פון צאָרן;
מוז איך ווייקן זיך אין גרינע האַסן,
כאָטש
צו ליבן בין איך דאָך געבאָרן!

4

ווי לאַנגזאַם, ווי לאַנגזאַם איך פאַל!
און ווי לאַנג די לעצטע
האַלעוועשקעס ברענען!
איך בין אַ בלעטעלע מיט זון,
וואָס פאַלט אַראָפּ
אין אייביקייטס גרענד־קעניאָן.

מיין ליד —
דער לעצטער
גלימצעדיקער קאַפּ
פון אַן אויסגעשעפּטן
קוואַל.

אָה, לעבן מיינס,
אָה, מוטער,
איך בין איינזאַם

ווי אַ בינטל ווילדע גראָז
אויף די זאַמד־פעלדער
פון יוטאַ.

איינזאַם ווי אַ הונט אַ שלאָפנדער
אויפן פּריירי־לאַנד;
איינזאַם
ווי אַ נעסט
אויף אַן אָפּגעברענטער
וואַנט.

איך בין איינזאַם,
ווי די מאַי־לבנה,
אויף די
זילבער־בערג
פון אַריזאָנאַ.

5

איך זינג ניט „פּיין“,
איך זינג אַן גראַם,
איך שריי און וועק די מחנות!
איך רייס דעם שלאָפנדן
פון בעט,
איך קלינג
דעם פאָלקס־דערוואַכן.

איך ווייז מיט גאַלאָפּירטער פען
אויף קריג,
וואָס קומט אַלץ נענטער —
אין פּויסט
פון שלאָפנדיקן לאַנד
פאַרקוועטש איך רויטע פענער.

איך שרייב מיין ליד
וװי אײנער שרייבט
אין אײלעניש — רעצעפטן.
איך האָב מיט רום
מיט אײביקייט
קנאַפּלעכע געשעפטן.

דאָס לעב אין מיין זשמען
איז היינט
אַ טייבל אַ פאַרצאַפּלטס,
איך האַלט עס פעסט,
איך האַלט עס צאַרט
און זאָל קיין טרער ניט קאַפּען!

6

און אָפט אין שעה דערהויבענער,
אַז איוב־שערבעלע
פון די פינגער פאַלט,
זאָג איך צו זיך אַליין:
אָט זע, עס לייכט איעדער שטיין,
איעדער זעמדל — שטראַלט.

אָט הער! דער לאַנגער טורעמהאָרן
פאַרקייכט מיט רוף צום קאַמף.
פון שווערע זענג עס גיסט זיך צאָרן
אויף פעט־פאַרהונגערט לאַנד.

אָט הער, אויף קניעס — פּיבערפּול
עס זיפּצן לערע הענט;
פון צפון, דרום,
אָסט און וועסט
עס שפּריצט דער אינסורגענט;
זיין הוידענדיקער
פּולס
צעבּרעכט
יאָרטויזנטדיקע ווענט.

און מיר אַליין,
אין בופער־צייט
צווישן טאָג און נאַכט,
מיר פירן אונזער האַרץ אַוועק
צו פייערן פון שלאַכט...

מיר לייגן זיך
ווי שטיינער אויס
צום בנין הויך און גרויס,
מיר לייגן זיך
פאַר פונדאַמענט
צו לעבנס
מעכטיק הויז.

7

אַ יאָר־יאַריד פון אַלטע טעג,
ווי רעשטלעך אויפן מאַרק;
עס צינדט זיך אָן דער ווינער־וועג
און אונזער „טוליע"־באַרג.

איך גיי און שטיי, איך לויף און ליג,
איך שווייג אויס אַ געשריי —
דער פאַראויס לויפט אַ ווילדע קריק
און קערט זיך אום אויפסניי.

ווער בין איך, וואו? און וויפיל איז —
אויף זייגער־הינערפלעט?
איך לויף־נאָך מיינע לאַנגע פיס
אין אייביקן פאַרוועט.

איך טרייב דעם אָנשטעל מיט אַ האַק,
די גאווה — מיט אַ שייט
פון ליד וואָס טראָגט אַ שוואַרצן פראַק
בין איך אַצינדערט ווייט.

8

אָ טעג, אָה גיט מיר טעג אַ סך,
באַרינגלט מיך מיט יאָר;
כ׳וועל נאָך שרייבן אויף דער שפּראַך
פון פּראָסטקייט און פון וואָר!

נאָר גיט מיר טעג, אָה גיט מיר טעג —
מיין טאָג, מיין טאָג איז קנאַפּ.
ניט לאָזט מיך פאַלן אויף דעם וועג
צום לעצטן זיג־עטאַפּ.

9

כאָטש קראַנק בין איך, עס פּאַסט מיר ניט
די העלדישקייט צום רימל,
דאָך גיי איך, שפּאַן איך אינדערמיט
אין קאַמף מיט ערד און הימל.

עס ברעכן זיך די ציין — פון האַס,
עס לאַכט דאָס האַרץ פון גליק;
איך בין דער זינגער פון דער גאַס
פון סמאָלע און פון שטריק.

איך קלאַפּ אין פויק, איך גיי אין טאַקט
איך שרויף די פיס צום ברויז.
עס טאַנצן שטערן אויף מיין דאַך
און קללות טאַנץ איך אויס.

מיט זיגערלידער אַנגעגרייט —
מיט טענץ און סאַק און פּאַק
איך טרייב די מורא מיט אַ שאַיט,
דעם אומעט — מיט אַ האַק!

ווי הייס עס איז מיין ליד מיט שרויט,
מיט פלינטע און מיט בליי!
איך בין דער פויקער פון דער נויט,
דער זינגער פון דער פריי.

און איז מיין פויק אויף שטיק צעפליקט
פון רוף צום קלאַסגעוועט,
ווי באַלד דער רויבער איז באַזיגט —
דאַן האָב איך אַ קלאַרנעט.

דאַן שפּיל איך דין און צאַרט און שטיל
אויף פידל און אויף האַרף;
איך שפּיל ווי יעדער דיכטער שפּילט,
איך שפּיל ווי מען בדאַרף...

קרוינשטאָט פון מיין לעבן!

א

נאַראַעוו דו! קרוינשטאָט פון מיין לעבן,
נאַראַיעוו דו! מיין פלאַמענדיקער דאָרן!
האָסט מיך פאַרקניפּט צו זיך מיט טויזנטער געוועבן
פון יונגע און פון בליענדיקע יאָרן.

נאַראַיעוו דו, מיין טרויערדיקער מיסט
מיט פיינעם האַנענקריי באַפעפערט
דו האָסט געזויגן מיך פון דיינע בריסט,
געזויגן מיך פון דיינע באַדיקבעכערס.

נאַראַיעוו דו, מיין שייבל צו דער וועלט,
פאַרבעלמעט מיט אַ הויך פון בענטשליכט,
אויף שפּיץ פון באַרג אַזוי ווייט און פרעמד
אין האַלבן וואָר באַווייזט אַ מענטש זיך.

נאַראַיעוו דו, מיין פאַרפלויגענע בין,
איביק אין מיין אויער עס בלייבט דיין זשומען,
אַ גאָלדן איז דיין וועג וואָס פירט קיין ווין,
פורפור איז דאָס ווילדקרויט ביי דיין ברונעם.

ב

אין דעם רויש פון שלאַכטן
הייסע וועלכע ברענען
טריפט צו מיר דער טראָפּן
פון דיין ברונעם עמער.

ציט צו מיר אַ אינגל
אויס די לייכטע הענטלעך,
אויף זיין אויער — ס׳רינגל
איז מיר קוים באַקענטלעך.

פיל איך דיינע ריחות
פון מאַרעל און האָפּן,
כ׳לייג מיר דיינע אָוונטס:
פוכקישנס צוקאָפּנס.

אוי, ס׳איז גרינג צו שלאָפן,
אוי, דער קאָפּ טוט וויי,
עס גוגערן די ווייסע
גענזעלעך אין זיי.

ג

שוים אַ פולער לאָגל,
כ׳שווים אויף שליים פון שוימען,
כ׳וואַנדער און איך וואָגל
מיט מיין זעקל טרוימען...

כ׳בויג מיך איין, פֿאַרבויג מיך
צום וואַסערל ביים צווינטער,
איך וואַקס אין אייגן אויג־ליכט
צום הימלדל אַרונטער.

ד

אוי, שפּיגל־כּתב פֿון ליבע,
פֿאַלישס אַלטע מיסטיק
אין אַלטע חרוב־שטיבער
זוך איך אום אומזיסטיק.

איך זוך אין זומפּן בלאָע
אַ שטערן, אַ נר תּמיד
ביי מיין אָוונטס טויער
קלינגען קליאַמקעס, קלומיקס.

דער וועג פֿון מיר צו מיר, ווערט
אויסגעפּלאַנצט מיט פֿייער
אויף די שטראָזן קירעס —
רייט הער איציק מאַיערס!

מיט שווערדן, מיט לאַמפּאַסן,
מיט זעלנערישע טרעלדער,
פֿון אַלע העלדן בלאַסע —
דער בלענדנדיקסטער העלד ער.

ה

גייט דאָס ווילד אין וואַלד אַריין
מיט פֿאַרהאַפּטע אויגן,
מיט פֿייפֿל אויף די שאַרפֿע ציין
אַ יעגער קומט געפֿלויגן.

יעגער, יעגער, יעגעריי,
יעדער רגע איז כּדאַי,
און דער וואַלד האָט ליב דאָס ווילד,
יעגערהאָרן, יעגער־קינד.

און די פעדער ביי דעם יעגער
ציטערט אין דעם גאָלדנעם בלוי.
און ס׳הערצלביים געיאָגטן
ציטערט אַקוראַט אַזוי.

זאָגט דער ווילדער
וואַלד, צום ווילד:
— חיה רעה,
ביסט מיין קינד.

מאַכט דער יעגער:
— איך דען ניט?
און זיין האָרן
טוט אַ שניט.

ענטפערט אָפּ אַ קול:
— דו אויך,
ביידע קינדער
פון מיין בויך.

ביידע פריי און ביידע יונג,
יאָג געיאָגטער מיט דיין הונט,
יאָג מיט האָרן און מיט הונט
אין דער פייכטער דעמער־שטונד.

מ׳יאָגט דיך יעגער —
יאָגט דיך אויך,
ביידע קינדער
פון מיין בויך.

ו

איך קוק מיך אום, אַ גאַס האָט אָפּגעברענט,
אַ שטאָט —
מיין כתובה, און מיין קינדהייט
און דאָס באָד.

אָפּגעברענט און שטיל
אָן ווינט אינגאַנצן,
זיבן פּאָרלעך — טויט
אינמיטן טאַנצן.

מיט פּיס נאָך אויפגעהויבן,
גרייט צום נאָש,
געבליבן סילועטן
גראָער אַש.

לאָדן אויף די פענצטער,
פענער אויפן דאַך,
געבליבן אין אַ גליווער —
זעלנער אויף דער וואַך.

הענט מיט קופּערגרייצערס,
פינגער ביי דער ליפּ...
אַלץ אַזוי פאַרגליווערט
און איבער אַלץ אַ כליפּ.

פאַרברענטער כליפּ אויף קוילן
שוועבט און ציטערט אום,
ס׳עט קיינער גאָרנישט פועלן,
די גאַנצע וועלט איז שטום.

און איך דער שטומקייט-מייסטער
אַליין אַ הויפן אַש,
בין לאַג שוין אַ פאַררייזטער,
נישט-דאָאיקער אַפּאַש.

פאַרברענטע קאָרידאָרן
ציילן מיינע טריט,
ס׳איז גאָרנישט-ניט געוואָרן
און איך בין אינדערמיט.

אזאַ קאַשמאַר ; זשאַנדאַרן
אין רויט און ווייס און בלוי.
און אומעטום קאַשמאַרן —
נישטאָ, נישטאָ קיין רו!

אַ וועק מיך אויף, אַ וועקער —
אַ העקער, האַק מיך אויס!
עס קלינגען שוין די גלעקער
אין פיר־הויז פון מיין הויז.

איך ציטער אין דער טונקל,
מיין ציטער טונקלט פיין.
אָה, פינקל, פינקל, אינגל —
אין גרויטן טאָג אַריין...

שטויב

ס'אַש און שטויב
וואָס איך האָב געמאַכט פון אַלעס
איז אויפגעגאַנגען מיטן ווינט,
איז אַראָפּגעקומען מיט דער מאָרגנשטילקייט
און איז מיר אין אויג אַריין
ווען איך האָב די ברעמען אויפגעהויבן,
די זון צו באַגעגענען

איצט איז מיר מיין אויג נאַס
מיין אויג נאַס, —
פון דעם אַש און שטויב
וואָס איך האָב פאַרזייעט
אינם ווינט.

ווידער נאַראַיעוו

כ׳האָב דיר שטאָט נאַראַיעוו
געשטעלט אַ מאָנומענט —
מיט דעם לעצטן פייער
וואָס אין מיר דערברענט!

ניט פון שטאָל און בראָנזע,
דאָס פאַרמאָג איך ניט,
נאָר פון צווייט פון ווייַנשל,
געקליבן ביי דיין טריט.

כ׳האָב מיין האַרץ צעבראָכן
אַרויסגעשיילט די קער —
איז גאָר דאָרט געלעגן
אַ לאַכנדיקע טרער.

איז די טרער געוועזן
לעכטיק און געברענט,
האָב איך דיר נאַראַיעוו
געקרוינט דיין מאָנומענט.

כ׳האָב מיין בלוט אין בלאַטע
צו דיר אַריינגעלאָזט,
איז דיין גרויע לאַנדשאַפט
געוואָרן רויט און ראָז.

כ׳האָב מיט אַלטע פערל
אַרומגעזוימט דיין זוים
אויסגעמעקט דיין וואָרהייט
און אויסגעקושט דיין טרוים.

זאָלסטן מיך נאַראַיעוו
געדענקען כאָטש בידאַי
אָדער אין דיין שבועות,
אָדער — ערשטן מאַי.

צער און צאָרן

כ'האָב צער און צאָרן און צרות,
כ'האָב ווייטיקן אָן אַ שיר;
כ'האָב אָבער אויך, וואָס וואָר איז
טויזנטער לידער אין מיר.

און גיט אַ באַפאַל מיר ס'לעבן
און גיט מיך דער אַנגסט אַ באַשלאַג,
הער איך אַ גאַס זיך דאַן געבן —
פון פערל אויף גאָלדענער וואָג...

און האָט מיך דאָס לעבן דערשלאָגן
און ס'רעגנט פון מויל מיר מיט ציין, —
מיט גאָלדענעם קאַם וועל איך צוואָגן
די צעפּ פונם טויט, און פאַרגיין...

* * *

בענקען און בענקען און טרערן
זינט איך געדענק,
איך וועל שוין קיינמאָל ניט אויפהערן
בענקען מיין געבענק.

איך וועל אָנבענקען אַ טאָל מיט פערל
אויסבענקען אַ באַרג מיט וויי,
ס'וועט די אייביקייט מוזן דערהערן
ס'שווייגן פון מיין געשריי.

כ'וועל אויסזויגן פון הימלס לימן
אַלע זיינע שטערן־קערן
און איך וועל אַ בענקשאַפט הימן —
גאָר אימגאַנצן ווערן.

פליגל און אַנקער

עס בריט מיך אַ ווייטיק אַ ווילדער —
איך ליג אין דער וועלט אַ קראַנקער,
פאַרקריץ איך דעם שמערץ אויף מיין שילדל —
אין צייכן פון אָדלער און אַנקער.

אויף האַרצן די פליגל צעשפרייטע,
אויף פוס די געדולדן פון אייזן
צווישן די טיפן און ווייטן
עס צייכנט מיין שאָטן די קרייזן.

די הויכקייט — דער שפיץ הימאַלאַיען
די טיפקייט — דער אָפגרונט פון ימען,
די האַנט איז אין אייביקע שנייען,
דער פוס איז אין אייביקע פלאַמען.

צווישן די שטערן און שליימען
צווישן די שפיצן און נידער —
עס קלינגען די בלאָנזנדע ריימען
פון מיינע דערציטערטע לידער.

מיין האַרץ איז מיט אָדלערס באַוואַקסן,
מיין זויל איז באַוואַקסן מיט בלייען,
עס גיסן זיך ווינטן און שלאַקסן
די אָדלערס, די הערצער זיי שרייען.

עס רייסט זיך צום שלאָפן מיין אַנקער
אין טיפן, אין אייביקן וויגל,
איך הענג אין דער לופטן אַ קראַנקער
צווישן אַן אַנקער און פליגל...

מזרח-מערב

אין מזרח ברענט דער הימל,
אין מערב איז ער קאַלט.
עס בייט די ערד איר וועכטער
און טראָגט אין פויסט איר קוואַל.

דער קוואַל וואָס איינציק-פלאַמיק
פאַרשלינגט די צייט און — זיך.
מענטש און וועלט צוזאַמען
בלוטן-אויף אין ליכט.

אין גוטן מוט פון שייטערס
דער מזרח ברענט און לאַכט,
ווי ס׳וועט שוין קיינמאָל ווייטער
ניט טויטן אונז די נאַכט.

אין מזרח ברענט דער הימל,
דער מערב שלאָפט אין גרוי,
עס בייט די ערד איר וועכטער
אין בלוט-פאַראַד פון טויט.

נאָר מיר, די קליינע קינדער,
מענטשן פון דער וועלט —
מיר שפּילן זיך מיט שפּינדלען,
וואָס ברענען אין די הענט.

מיר קעמפן און מיר קלערן,
מיר בלאָזן זייפנבלעז,
און גיסן נייע טרערן
אין אַלטן ערד-געפעס.

העלדנבילד

פינף פאַטראָנען מעשענע
ווי פינגער פון דער האַנט,
אין דער צוקונפטס קעשענע —
ליג איך מיר קוראַנט.

רערן צוויי פון טראַנש־מאָרטאָר
צו דעם זיג מיך פירן,
עס וועט ס'פאָטערלאַנד דערפאָר
מיך לאָזן מעדאַלירן...

ס'האַרץ — אַ באָמבע אָנגעפילט
מיט ניטר־עקספלאָזיווע,
איך שטיי פאָר איך אַ העלדנבילד —
באַקוקט מיך דורך שפּאַקטיוון!

איך שאַר מיך ווי אַ וואָרם־טאַנק
צו רעכטס און לינקס פון שאַנדע
איך בין איצט אויף דעם מיטפלאַנק —
פון העלדישער פּאַלאַנגע.

ס'איז גוט אַז טויט האָט אָפּגעקילט
דעם ברי פון מיין בראַוואורע,
איך ברענג אייך פון דער זומער־גריל
אַן איינגעשטילטע בשורה...

דאָס וואָרט, די שווערד, דער מעדאַליאָן,
דער אייזן־קרייץ, דאָס בענדל, —
פאַרוויקלט אין אַ גרויער פאָן —
זיי שטעלן אייך צום ווענטל.

זיי שטעכן אייך אין אויג די שפּיז,
דעם ראָסט פון די געווערן,
זיי שווערן אַז נקמה איז זיס —
זיי דריקן הענט צו שטערנס.

זיי ווילן זיך דערמאָנען וואָס...
די לידער, די יולאָגן;
נאָר איבער אַלע שווייגט דאָס גראָז
און ווילדע שטראָמען יאָגן...

דענקמאָל צום אומבאַקאַנטן סאָלדאַט

איך בין דער מאַן וואָס האָט די ערד
פאַרטיידיקט פון דעם שונא,
איצט רייט איך אויף אַ בראָנזן פערד —
מיט זיבן נאָך אַזוינע...

מיר רייטן אַכט, דורך טיפער נאַכט,
דורך ווייטקייט און דורך פינצטער,
עס האָט דער טויט שוין אָפּגעלאַכט
מיט באַקציין מיט צעגרינצטע.

מיר רייטן אַכט, עס קלינגען „האָפּ“
די שפּאָרן און מעדאַלן,
און אויף געהירנלאָזן קאָפּ —
געלעכטער־שטערן פאַלן...

איך בין דער מאַן וואָס האָט די ערד
פאַרטיידיקט פונם שונא.
איצט רייט איך אויף אַ בראָנזן פערד
אין די הויכע רוימען.

איצט בין איך אויסגעשטאָפּט מיט ליוב
און אוסגעהאַקט פון מירמל.
און רייטנדיק איך הער פון שטויב
אַ לאַכנדיקן געמירמל...

טראַפּנס

אַן אות, אַן אות און נאָך אַן אות —
פון ליוטער טראַפּנס איז מיין כוס!
פון ליוטער טראַפּנס איז דער ים
ליוטער פונקען איז דער פלאַם
לויט אייביק דער מאָמענט —
וואָס איך האָב אָט־דאָ פאַרוועגדט.

נאַכט־בליץ

אַז כ'וויל אַז די נאַכט
זאָל ליכטיק זיין —
באַגיס איך מיט נאַפט
מיין שפענדעלע פיין.

צי איך ס'ראַבערל
מיט רויטן קעפל —
אַרויס פון נאַראַ־יעווער
שוועבעלע־פעקל.

אין עלבויג פון קני
עס גיט אַזאַ שיין —
אַ פונק גיט אַ פלי
צום שפענדעלע פיין...

פּראָפּעסיאָנעל

כ׳וועל מאַכן מיין פידל זאָל קריצן,
בין מיד פון פיינעם געגלעט!
כ׳וועל מאַכן די ערד זאָל בליצן
צום הימל, מיט אים אין געוועט.

עס וועט מער קיין גאָלדענע לאַווע
ניט בלעזלען פון ליד ביי מיר,
און פעדערן בונטע פון פּאַוועס
ניט פּאַכן די פלאַמען אין מיר.

טויט־מיד פון סאַמעט און זיידנס —
שוין בעסער דער האַריגער סיאַרסק!
כ׳וועל פּענטען מיין מויל אין קייטן,
עס צאַמען מיט שטיינער ניו יאַרקס.

די ווערטער: אויג־פּינטלדיק, שטומע
הינקען־אָן, אויף געשריי פון מיין פען,
פאַרדעקטע די וואונדן מיט בלומען,
די וויעס אין טיפוס פאַרברענט.

אין קלענסטן מינאַר מינוטנע,
נאָר אויגן וואָס סטאַרטשען אַרויס —
פון אָנשטרענג: אין דריבנע, שפּעטנע
פערזן, צו מאַכן זיך גרויס.

פּירוואַר, אין מיר הירזשען לידער
ווי ראַסיקע פערד אויף יאַריד,
עס טרעט און עס וואַרפט מיך אַנידער
אַט־דאָס וואָס איך זינג אייך דאָ ניט.

פושקין

איך הער די פויקן ביי דיין דענקמאָל קלינגען:
די פאָנען פלאַטערן אויף דיין לידערבאַרג.
אויך איך קער מיך אָן מיט דיר, פושקין ווילדער,
אַט־פונקט ווי אַלע מוזיקאַנטן אויפן מאַרק.

פושקין העלער, זוניקער! כ׳קלער דיין נאָמען אָן,
עס ציטערט אין געהיר: וואַהיטמאַן, בייראָן, היינע,
דו ביסט געקומען אין מיין לעבן שפּעט שוין,
דאָך גלייך זיך אויסגעשטעלט אין ריי פון געטער מיינע.

אַזוי ווי בראַנדבלאָזן לויפן־אויף אויף קינד,
וואָס צאַלט מיט גאַף אויף בלעזלדיקן זידן,
אַזוי שטיי איך אין לעבן, בראַנדוואונדיק און גרין
פאַרשפּריצט פון דיינע זידנדיקע לידער.

ס׳איז רייך די פרוכט פון וואָרט דיינס, פושקין,
און שטייף־געפּאַקט איז צעדערהאַלצן־דוויער,
עס שמעקט דאָס קעסטל זעלבסט, נאָר אויסצוקושן,
עס שמעקט דיין זומער־פרייד מיט אָסיענס טרויער.

איך פּריוו אַביסל דיך, צוויי טראָפּן אויפן דלאָן —
ווי שאַרף די ביטערקייט, ווי מאַנדל־גלאַט און נוסיק!
עס לאַכט פון רויטער בלום אַרויס דיין שוואַרצער מאַן
און ווי אַ שטורעמטייך עס רייסט דעם ברעג — דיין מוזיק.

כ׳שרייב מיין ליד צו דיר אין ביבליאָטעק פון שטאָט דאָ,
וואו דו, אין פרעמדן קלייד, מיט רוקן שטייסט צו צייטן,
עס זוכן ברידער דיך! ציגיינער בלוט ווי דיינס גראַד
אומרואיק אין אַ וועלט וואָס זינגט מיט קייטן.

און פונקט ווי דו, זיי שלאָגן אויך דועלן
מיט כוחות פינצטערע, אָקעגן זייער ווילן,
און פונקט ווי דו זיי וואָלטן לעבן וועלן
אין וויינגערטן פון לידער גרינע, ווילדע...

אַזאַזל

די ווייטקייט שנײַדט אָפּ די פּיס ביי דעם וואָס טרויט איר,
די הויך, דערשלינגט די הערנער ביי דעם שטיר.

צייט און רוים און לעבן — אַלע שווער פאַרדימעט —
אין דעם שליימיק־היגערישן דרימל.

די טירקל־טויב אין גרייזן גרוי פאַרטירקלט —
מאַכט אין האַלבן שלאָף איר פולן צירקל.

פון דער בלאָער שווידערהאַפטער הייך
דאָס פאַלן און אַוועקגיין איז פונקט גלייך.

עס רייסט ביים לעמפּערט אויף ס'מויל די צעצע־פליג —
ביי דעם ראַנד אַזאַזלס בלעקיצט האָמערס ציג...

קאַלעגן

וואו זיינען די דיכטער פון נעכטן ? —
משה לייב און יאָסל און זישאַ !
אָ וועלט, אָ וועלט גערעכטע —
דו טאָרסט זיי נישט פאַרווישן !

משה לייב — אַ וואָלף און אַ פּאַווע
ביידע פון גאָלדענע גאָלדן
און שטענדיק ווי איך, זיין חבר,
באַהאָנגען מיט טרויריקע טראָלדן.

זישא — מיט טויבעשער גאווה
האָט מיט די פינגער ווי שטראַלן —
געשריבן אויף שטויב וועגן... תאווה
און וועגן די... נאַכטיגאַלן.

און יאָסל — אַ טאָקער פון פידלען
האָט בערגעלעך פרייד אָנגעשאָבן,
אין גרינע, אָראַנזשענע פידלעס
האָט ער זיין האַרץ אומגעטראָגן

* * *

עס שטאַרבן די בעסטע דיכטער
פאַרלאָשן איז פידל און האַרף,
און איך פון ליד דער שאַרפריכטער —
מוז ריכטן שטרענג און שאַרף.

כ׳מוז אַצינד שאַרפריכטן אַלע
וואָס כאַפּן דעם טויט ניט אַוועק —
פון די וואָס טראָגן שטראַלן —
ווי האַלצעקער טראָגן העק...

משה לייב — דו פויגל פון שטורעם,
און זישא — מיין קלוגע טויב,
ווי קענט איר דען שווייגן אין קברים —
אַז עס זינגט אונטער אייך דער שטויב?

און דו — מיין נאַטאַן דער ווייזע,
יאָסל, דו קינד פון מיין האַרץ,
ווי קענסטו דען רוען אַ ווייסער —
אויף בלעטער פון אייביקן שוואַרץ?

וואו זיינען די דיכטער פון נעכטן?
איך בין אַזוי עלנט אָן זיי!
אַ וועלט, אַ וועלט גערעכטע —
פאַרוואָס טוסטו מיר אַזוי ויי?

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער*)

מיר זיינען שטאָלץ וואָס מיר האָבן אונטערגענומען צו פאַרעפנטלעכן און צו פאַרשפּרייטן דאָס־אָ בוך „נאַדירגאַנג".

צווישן די אַלע ברענטש־טעטיקייטן וועט דאָס אָן ספק פאַרנעמען אַ חשובן אויבן־אָן.

מיר האָבן אַרום דעם באַוויזן צו אָרגאַניזירן פאַרשידענע נעבן־סעקציעס, ווי קולטורעלע שמועסן, לייען־אָוונטן, הילף פאַר לאָיאַליס־טישער שפּאַניע, אונזער פּרעסע א. אז. וו.

ס'איז אַ שאָד וואָס מיר קענען זיך דאָ ניט דערלויבן אַרויסצו־שרייבן מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן און ווי אַזוי די מאַסן ווייזן ווי אַפּצושאַצן זייערע קינסטלער און פירער ביי אַזעלכע געלעגנהייטן.

מיר ווילן פאַרצייכענען אַז ווען מיר האָבן געפּלאַנט אַרויסצוגיבן אַ בוך לויטן פּראָגראַם ביי אונזער קולטור־סעקציע, און אויפן צעטל איז געווען משה נאַדיר, האָבן אַלע געהאָפט און געוואונטשן הלואי וואָלט נאַדיר באַוויליגט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין געקליבן די מאַטעריאַלן און ביי די עפנטלעכע לייען־אָוונטן איבער נאַדירס אַרבעטן, האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנגעזען אַלעמענס ליבשאַפט צו אונזער דיכטער, דעם צאַרט־פילנדן וואָס כאַפּט אויף יעדן ניואַנס פון וועלט און מענטש וויבראַציע, דעם בונטאַר, דעם אומפאַרגלייכלעכן רעוואָלוציאָנער אין דער ליטעראַטור.

און ווען נאַדיר האָט זיך אָפיציעל באַהאָפטן מיטן אַרבעטער־קלאַס, האָט ער מיט זיינע לידער און אַנדערע אַרבעטן מיטגעהאָלפן

---

*) טשאַרלס רוטענבערג ברענטש 140 א. א. א., און די נאַדיר־שול 81.

מיט אזא ברען, געשניטן און געהאמערט איבער די שונאים, און געמונטערט און געגלעט דאָרט וואו עס איז נויטיק געווען.

זיינע „פען און ביקסן" וועלן פאַרבלייבן מייסטערווערק אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. פון גאָר באַזונדערן ווערט איז נאַדירס וואונדערלעכער הומאָר וואָס נאָר געצײלטע געניען זיינען באַשאָנקען מיט דעם, און וואָס ביי אונזער נאַדירן פליסט דאָס ביז איבערן ברעג.

ווייסן מיר, דאָס פשוטע פאָלק, ווי אַזוי דאָס אָפּצושאַצן, מיר לייענען נאַדירן מיט אַזוי פיל פרייד, מיט אַזוי פיל דערוואַרטונג, מ'דערמאָנט איינער דעם אַנדערן: „האָסט געלייענט היינט נאַדירן?"

און אַז גאָר לעצטנס — אין זיינע לידער גייט דורך אַ טאָן פון צער און יאוש, באַמערקט מען דאָס, און מ'וואונדערט זיך, און מ'ווינטשט זיך אַז נאַדיר זאָל זיך וואָס שנעלער אַרויסקריגן דערפון.

פון אַט דעם גרויסן מייסטער זייענען דערשינען דרייצן (13) נייע ביכער אין די לעצטע צען (10) יאָר, און די אָנגעזעענע אידישע קריטיקער (אַ חוץ פון לינקן לאַגער) האָבן די אַלע ווערק איגנאָרירט!!

ס'קען זיין אַז נאַדירס פּאָלעמיק האָט זיי ווי געטאָן, מעג מען פונדעסטוועגן אינזינען האָבן אַז דאָס איז ניט געווען קיין פּערזענלעכער ענין, נאָר אַ סאָציאַלער.

זאָגן מיר דעריבער אַז אַזאַ קעגן־האַנדלונג מצד דער אידישער קריטיק איז דורכאוים ניט געזונט פאַר דער אידישער קולטור, עס קוקט אוים ווי קולטור סאַבאָטאַזש.

מיר, די אידישע לייענער, די אידישע מאַסן, דאָס אידישע פאָלק, אין וועמענס נאָמען איר, קריטיקער, רעדט, מעגן דאָך — דורך אייך — ווייסן אַז אַזעלכע ביכער זיינען דערשינען, און וואָס אייער מיינונג איז וועגן זיי!

וואָלט אַזעלכעס מעגלעך געווען אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע? ווען עס דערשיינען, לאָמיר זאָגן, אַ דרייצן (13) ביכער פון אַלדאַס האַקסלי, מייקל גאָלד, דאָס פּאַסאָס, אָדער העיוואוד ברון, און די קריטיקער זאָלן דאָס פאַרשווייגן?

אזא באציאונג זעט אוים ווי ליטעראַרישע „ווענדעטא" און ניט ווי קיין באַלערנדע אומפּאַרייאישע קריטיק.

איר מעגט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, חשובע פריינט קריטיקער!

און צו דיר, משה נאַדיר, זאָגן מיר דאָ־אָ: מיר, דאָס פאָלק, די מאַסן, זיינען מיט דיר, מיר פאַרזיכערן דיר אז מיר שאַצן דיך אָפּ, און מיר ווינטשן דיר געזונט און כוח אָנצוגיין מיט דיין אַרבעט און צו שטיין אויף דער וואַך אין דעם איצטיקן מאָמענט ווען באָלשע־וויסטישע וואַכזאַמקייט איז נויטיק, מער ווי תמיד.

אפרים ריטער,
פאָרזיצער

מרדכי שמואל ווינער,
סעקרעטאַר קולטור סעקציע, בר. 140 א. א. א. (אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרום 400 מענטשן)
און פון „נאַדירגאַנג" קאָמיטעט.

נאָטיצן וועגן „נאַדירגאַנג״

ציַיטונגען און זשורנאַלן אין וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט :

„דער טעגלעכער העראַלד״, „פרייע אַרבייטער שטימע״, „דער קיבעצער״, „דער טאָג״, „היינט״, „דער גרויסער קונדס״, „דער אידישער קעמפפער״, „די בראָנקסער פּרעסע״, „דער אידישער בעקער״, „דער קענעדער אַדלער״ (קאַנאַדע), „די איד־דישע וועלט״ (פילאַדעלפיע), „מיניקעס יום־טוב בלעטער״, „די צוקונפט״, „דאָס נייע לעבן״, „דער האַמער״, „פרייהייט״ — „מאָרגן פרייהייט״, „ליטעראַרישע בלעטער״ (וואַרשע), „ניי לעבן״ און נאָך און נאָך.

אַ גרויסער טייל פון די לידער דרוקן זיך צום ערשטן מאָל — פון מאַנוסקריפט אַרויס.

רעדאַגירט : „דער אידישער גזלן״ (מיט י. אַדלער), „פון מענטש צו מענטש״ (מיט מ. ל. האַלפּערן), „ביקיצער״ (מיט יאָסל קאָטלער), „סיגנאַל״ (מיט אַ קאָלעגיע).

פּסעוודאָנימען : יצחק רייז, יוד־קאָ ריש־זעט, י. סטריער, אנא דאַנאָ, אידאָ שילדקרויט, פילאַטוס, בן־מאיר, נאַדיר־העל (בשותפותדיקע אַרבעטן מיט מ. ל. האַלפּערן), דר. האַציקל, רינאַלדאָ, ס. פייערפויגל, מאַקס וואַקס, שפּירטאַק.

כ׳בין שולדיק אַ דאַנק : די חברים פון בראָנקס 14ר א. א. באַהויפּט די געטרייע און געשוואוירענע : מ. ש. ווינער, אפרים ריטער, פּרץ הייטלער, ס. קאַקאַט, ר. קאָרנבלית, א. האַמבורגער, נ. מענדעלסאָן, מ. גינצבערג, מ גאָלדשטיין און טשעסטער לאָוב. און אויך די טוערס פון „משה נאדיר שול״ ביים א. אַ., מיט חבר ש. בעקערן בראש, און אַלע אַנדערע וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס דערשיינען פון „נאַדירגאַנג״. ביי דעם־אָ פּונקט רוף איך אָוועק מיינע זיבן לעזער אין אַ זייט און איך פאַרטרוי זיי אַ סוד אַז 1) „נאַדירגאַנג״ וועט אפשר ניט ראַטעווען די וועלט ! און 2) דורך די קנאַפּע 2 יאָר וואָס עס האָט געדויערט דאָס „צונויפמעגלעכן״ דאָס אַרויסגעבן פון דעם־אָ בוך האָט זיך דערווייל אָנגעזאַמלט ביים מחבר נ י י ע מאַטעריאַלן אויף מער ווי 1 בוך, אַזוי אַז אין מיין מאַנוסקריפּטן־שופלאַד איז דערפון נישט גראָמער געוואָרן. עס ליגן נעבעך שטיל ווי די הינדעלעך און וואַרטן אויף אַ פאַרלעגער 1) „אַ וועלט מיט אַרבעט״, 2) מיין גרויסע פּאָעמע „אידיש״, 3) אַ היפּשע קינדער־פּאָעמע „אַ רייזע צום נאָרדפּאָל״, 4) „אונטער דער לאַסט פון צלם״ (אַ פּיעסע געשריבן בשותפות מיט מ. ל. האַלפּערן), 5) „סוקסעס״, 6) „דער לעצטער איד״ (די לעצטע 2 אויפגעפירט אין מאָריס שוואַרצס טעאַטער), 7) אַ היפּשלעכע ביראָ־בידזשאַן־פּאָעמע מיטן נאָמען

„אָרום און אָרום“ אַ חוץ די אַלטע נאָד־ניט געביכערטע מאַטעריאַלן פון „פעז און ביקס“, „ברויט מיט זאַלץ“, פלום היינע“, „פון נעכטן ביז מאָרגן“, (צווייט בוך), „רייזעגראַפיעס“, „דער פרעמישלאַנער דאַהטש“, „לייזערליע מיט די פּעטענטס“, „פעין אינדע נעק“, אַ צאָל נייע הומאָרעסקן, דערציילונגען, ליטעראַטור־נאָטיצן, קינדער־מעשיות, לאַנד־באַשרייבונגען, אַלטע און נייע מאַטעריאַלן „פון מענטש צו מענטש“ (אויף צוויי ביכער) אַ בוך מיט לידער מיטן טיטל „לידער איבער אַלעס“, עטצעטעראַ, עטצעטעראַ.

ס'איז די מעשה ווי מיט יענעם אידן וואָס די האָר וואַקסן ביי אים קאַנאַנהאַרע אַזוי שנעל אַז ביז מ'שערט־אים אָפּ דעם שטערן, האָט ער שוין אַ באַוואַקסענעם האַלז. איז טאַקע ניט גוט, און ניט שלעכט, נאָר אַזוי־זיך און הלואי זאָל די וועלט קיין גרעסערע צרות ניט האָבן!

— דער מחבר.

אינהאַלט

פון

נאַדירגאַנג

אינהאַלט

ערשטער טייל — פון 1900 ביז 1914

לאָז זיין אַ פאָרוואָרט! 5
היימלאַנד 11
ניויאָרק 11
„הוידאַ־דונאַי־דאַינאַ!" 12
ס'איז מיר גוט! 14
לידער 18
אַליאַ 19
צו אַ גאָנדאָליר 19
צו די געטער 20
ווי ליים 21
ס'איז פריילעך 22
ליידיק 23
שניי־פליטער 23
דער מתים־קעניג 24
שאָטן טענץ 26
מ'דאַרף נישט ברוגז זיין 27
אין מיין האַרץ 27
האַרבסט 27
דער נביא און די אַלטע פרוי 28
קידושין רינגל 29
אַלטע פייגל 30
רויזנצאַרט 30
אין מיטן ליד 31
נאַנא 33
רות 33
וועגן דער גריפּ 36
לייזער עליעס 3 פּעטנטס קעגן מלחמה 39
דער ליטעראַרישער העלד 40
פיזיקל קאַלטשור 41

אינטערוויו מיט ה. ד. נאָמבערג	43
וועלוול וואָווניקס ווייב	46
איך ווער סענטימענטאַל	47
דאָס מוטערל ערד	47
מיין נייער אַנצוג	48
פערלפלאַפלער	49
דער דעמב און דער שטראָם	50
די אַלטע ערד	51
לידער פון אַ פאַרהייראַטן מאַן	52
אַ פאַבל	53
גוט מאָרגן	55
10 מינוט רויע געדאַנקען	56
דער אמת	58

צווייטער טייל — פון 1914 ביז 1926

מלחמה־לידער 63
אויף די ווייטע וועגן 63
אין ווילדן וואַלד 64
נאַראַיעוו 65
ניסים 67
וויטאָ 68
קליין מירטעלע 68
פעניקס 69
מיין צער 69
ברוגז 70
ווער איז די צייט? 70
גיל־גלאָן 71
מיינע ביכער, מיינע ליבעס 71
איך און דער ים 72
גרויער ווי ווייס 73
מאַנקאָליע 74
אַ בלעטל פון זיין לעבן 76
אַ טייך אינדערפרי 79
ווי איך, ווי דו 80
אונזער פאָן 81
פאָרשריט 81
ביים ים 82
דרימל־סירופ 82
סעפטעמבער־גאָלד 83
לידער און ברויט 83
די לעגענדע פון כאַנדראַ 85
תאווה 95
האָטעל 96
תורה און סחורה 97
אַרויף און אַראָפּ 99
מאַטראָסנליד 100
איציק 101
פאָלק 102
אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף 103

ווילדע רויזן	112
צו מיינע געליבטע — אַ גרוס	118
פון מענטש צו מענטש	120
מאַדאַם קעני ליפּצין	139
פעדער־שטריכן	144
קאַפּריזן	147
פון נעכטן ביז מאָרגן	149
אַ הונדערטער, אַ הונדערטער !	153
אין אַקטיאָרן קלוב	156
טריוויאַ	159
לייקוואוד	164
אַדיע אַמעריקע	167
צוויי פעדערשפּריצן	169
„פענונביקס״	171
ווי אַזוי זאָל אַ מענטש לעבן ?	187
אַ מעשה מיט אַ של־ראש	190
אַ גאַסט אויף אַ ווייל, זעט אויף אַ מייל	192
די פּרוי פּלוי מיטן זייגערל	199
אונטער דעם ציפּערבוים	204
די אַלער־טיפּסטע געהיימעניש	209
מיט „פּיקטשעס״	211
פּאַראַדיעס	213
רעמאַרקעס	217
גליק	225
אַריינגעפּאָרן מיטן דישל אין שבת	226
עקזיט יעקב פּ. אַדלער !	229
דער קייזער ווינט	231
פון מענטש צו מענטש	234
אַ מעשה׳לע מיט אַ מאַראַל	236
ביטערלעך	238
רויטער טעפּיך	239
ווײמוט	239
קיעוו	240

דריטער טייל — פון 1926 ביז 1937

ביידע 243
פאַריז 243
1928 244
באָ זשעסט 244
גיטאַנאָ 245
סאַנטשע־פּאַנטשע נאַדיר 245
שפּיגל 246
פאַרוואונדעט 247
דעמאָנסטראַציע 247
דער קלאַנג פון האַמער 249
אַ וועלט מיט אַרבעט 250
ערשטע זיסע ווינטערס 252
מיין טאַטעס פאַרט צום קייזער 256
אַרום דער וועלט 260
כ׳קום נענטער צום טאָג 261
אויפס ניי 264
פרילינג אין ניו־ענגלאַנד 264
צו אַ געליבטער 267
שפּאַניע 268
דער שכן מיינער 268
פיין 271
אַ גוטן טאָג נאַראַיעוו! 272
אַ פרעמדער האָט מיר היינט געזאָגט גוט־מאָרגן 273
אינטימע לידער 275
קאָן זיין 278
האָריזאָנטן 278
קרוינשטאָט פון מיין לעבן 286
שטויב 291
ווידער נאַראַיעוו 292
צער און צאָרן 293
פליגל און אַנקער 294
מזרח־מערב 295
העלדנבילד 296
דענקמאָל צום אומבאַקאַנטן סאָלדאַט 297

טראָפּנס 298
נאַכטבליץ 298
פּראָפעסיאָנעל 299
פּושקין 300
אַזאַזל 301
קאָלעגן 301
אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער 303
נאָטיצן צו „נאַדירגאַנג" 306

דער סוף, נעבעך